STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03570

# GEKLIBENE SHRIFTEN FUN SHEMUEL TALPIYOT

Samuel Talpis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געקליבענע שריפטען

פון

## שמואל תלפיות

א זאמלונג אפהאנדלונגען איבער
חכמת ישראל

פארווארט פון ה. וואלאפסקי

# SELECTED ESSAYS
*of*
## SAMUEL TALPIS

Introduction by Dr. H. ABRAMOWITZ
Rabbi, Congregation Shaar Hashomayim
Westmount

Published by
THE EAGLE PUBLISHING CO., LIMITED
4075 St. Lawrence Blvd., Montreal

# אינהאַלט-פאַרצייכניש


| | זייט |
|---|---|
| היסטאָרישער רעליגיעזער וויכוח | 11 |
| הומאָר אין רעליגיעזע וויכוחים | 37 |
| בילדער פון דעם אידישען לעבען אין 16־טען יאָרהונדערט : | |
| שאלות ותשובות מהר"ם מלובלין | 50 |
| מוסרים און משומדים | 56 |
| אַ אידישער קאָזאַק | 61 |
| אַמאָליגע אַבערגלויבענס | 67 |
| אַמאָליגע געשעפטס־מעטאָדען | 73 |
| דער אַמאָליגער בעל תשובה | 78 |
| ענטשטעהונג פון חסידיזם | 85 |
| קבלה און בעלי־קבלה : | |
| צפת, דער הייליגסטער אידישער צענטער | 90 |
| ר' משה קאָרדאָווערא | 95 |
| ר' יצחק לוריא (אר"י הקדוש) | 100 |
| ר' יוסף קארו (בעל הלכה און בעל דמיון) | 113 |
| ר' מנחם עזריה מ'פאַנאָ (מעצענאַט פון דער קבלה ליטעראַטור) | 128 |
| טוביה הרופא (דאָקטאָר און געלערענטער) | 141 |
| „ספר חסידים" (דאָס וואונדערליכע מוסר ווערק פון ר' יהודה החסיד) | 159 |
| ר' משה איסרלש (דער רמ"א) | 175 |
| ר' ישעיה הלוי הורביץ (דער של"ה הקדוש) | 191 |
| ר' נתן נטע האַנאָווער (היסטאָריקער פון די ת"ח ות"ט פאָגראָמען) | 205 |
| רבינו עובדיה מ'ברטינורא (אַ רייזע אין ארץ ישראל אין יאָהר 1488) | 223 |
| ר' עזריה מן האדומים (פאָטער פון דער מאָדערנער חכמת ישראל) | 237 |
| דער „אברבנאל" אַלס שפּאַנישער רעפּובליקאַנער | 251 |
| ר' יעקב מולין און זיין „ספר מהרי"ל" | 257 |
| „בריוו פון אַ טערקישען שפּיאָן" (צו דער געשיכטע פון שבתי צבי) | 264 |
| צוויי טויזענט יאָהריגע ספר תורה (וועגען דעם אָריגינעלען אידישען שריפט) | 283 |
| דער אַמעריקאַנער גר צדק און ערשטער פּראַקטישער ציוניסט | 289 |

שמואל תלפיות

# פאַרוואָרט

פון ה. וואָלאָפּסקי
אַרויסגעבער פון ,,קענעדער אדלער״

מיט אַ האַרציגען פאַרגעניגען באַגריס איך פריינט ש. תלפיות צו דער ערשיינונג פון זיין ווערק: ,,געקליבענע שריפטען איבער חכמת ישראל״.

פילע פון די דאַזיגע וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען אויפ׳ן געביט פון חכמת ישראל זיינען געווען געדרוקט אין ,,קענעדער אדלער״, אין ,,טאַגעבלאַט־מאָרגען זשורנאַל״ און אַנדערע צייטונגען. ס׳איז גענוג צו זאָגען, אַז דער אידישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט אין ווילנע האָט נאָך מיט אַ צייט צוריק זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם היסטאָרישען און קולטורעלען ווערט פון די דאָזיגע אָפּהאַנדלונגען, און זלמן רייזען, אויף זיין באַזוך אין מאָנטרעאָל אין 1932, האָט נאָך דאַן אויפגעפאָדערט דעם שרייבער, ש. תלפיות, דאָס אַרויסצוגעבען אין בוך־פאָרם.

איך בין זיכער אַז אינטעליגענטע לעזער וועלען זעהר דאַנקבאַר זיין דעם מחבר און וועלען פון איהם ערוואַרטען מעהר שאַפונגען איבער די אינטערעסאַנטע אידישע טעמעס, מיט וועלכע דער מחבר באַנוצט זיך אין דעם דאָזיגען ווערק.

איך גלויב אַז פריינט ש. תלפיות האָט מיט דעם דאָזיגען ספר אויסגעפילט אַ לעדיגען פּלאַץ אין אונזער אידישער ליטעראַטור און דאָס בוך פאַרדינט אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ אין יעדער ביבליאָטעק און אין יעדע אידישע הויז — ס׳איז אַ ווערטפולע זאַמלונג פון היסטאָרישער און קולטורעלער וויסענשאַפט, וואָס דאַרף קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען.

פון טיפען האַרצען ווינש איך דעם מחבר, אַז דאָס דאָזיגע ווערק זאָל ניט זיין דאָס לעצטע פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט אויפ׳ן געביט פון אידישער וויסענשאַפט.

יצחק צבי וואָלאָפּסקי.

many Jewish communities in Germany were completely wiped out by the Crusaders. But this did not embitter the author of the Sefer Hassidim, nor prevent him from setting forth in 1173 different aspects of the Jewish ideal of the love for one's neighbor, which shone all the more brightly in contrast to the prevailing darkness.

Unfortunately we are again living in an age of barbarism, which again is mostly centred in the same territory. All the more reason why we should welcome works like the present. It shows that our spirit remains unbroken. It indicates that we continue to derive inspiration from the heroes and martyrs of our glorious history; and guidance from the lofty ethics of our great literature. Indeed the reader will find in this volume many a parallel to the Jewish tragedy of today, and he will be fortified in the faith that as in the past, so also today, "The Guardian of Israel neither slumbereth nor sleepeth."



# INTRODUCTION

The essays in this volume are a valuable contribution to Jewish history and literature. The subjects treated present an interesting variety, and afford a picture of different aspects of Jewish life in the Diaspora during the Middle Ages. Our author acquaints us with Jewish Communities, far apart geographically; as when in his study of Cabalism, he gives us a vivid picture of Jewish life in the City of Safed during the 16th century; and in another chapter presents a colorful description of the daily Jewish life in Poland during the same century.

But most effective perhaps are his full-sized portraits of Jewish personalities of which there is quite a gallery. They range from such better known characters as Nachmanides, to the less known Tobias the physician; from the mystic Isaac Luria to the legalist Moses Isserles; including as well, Joseph Caro, who combined in himself both the mystic and the codifier of laws. These personalities would seem to have been selected for the romantic element that was to be found in their lives; and our author has the gift of making the most of this feature; with the happy result that his biographic sketches make most fascinating reading.

A word should also be said of the direct, simple style our author employs, which enables him to clarify even the abstruse problems he discusses. His treatment is objective, as becomes a careful student; and yet sympathetic, giving it a warmth and a glow that the reader will not fail to appreciate.

In his essay on the Sefer Hassidim, our author points out the striking contrast between the lofty ethical teachings of this book and the barbarous age and country in which it was written. It was the Twelfty Century when

## A WORD OF THANKS

I desire to express my sincere gratitude to Mr. B. Aaron and Mr. A. Bronfman through whose encouragement I was enabled to publish this volume.

My thanks are also due to the following friends for their kindly co-operation and stimulating interest:

J. J. ALBERT
A. J. ALEXANDOR
H. COHEN
H. COOPER
M. COOPERBERG
H. DECKELBAUM
L. DEITCHER
J. EDELBERG
C. B. FAINER
H. GOLD
ISAAC GOLD
S. GORDON
N. HARRIS
M. HELD
LEVI KERT
S. KLEIN
KRUGER PAPER CO.
L. LANDE
H. RESSLER
A. SCHNEIDERMAN
L. SENDEL & SON
H. SESSENWEIN
H. SHILLER

# ויכוח הרמב"ן

# היסטאָריש-רעליגיעזער ויכוח

## ערשטער קאַפּיטעל

ויכוחים, עפּענטליכע דעבאַטעז איבער רעליגיעזע ענינים צווישען אידען און קריסטען זיינען געווען אַ אָפטע ערשיינונג אין די מיטעלאַלטער צייטען. נאָר וועהרענד אין אָנפאַנג זיינען דיזע דעבאַטען געווען פון אַן אונשולדיגען כאַראַקטער, ויכוחים צווישען פריעדליך געזאָנענע געלעהרטע פון פאַרשידענע שטרעמונגען, האָט עס אָבער שפּעטער אָנגענומען אַ מעהר ערנסטען כאַראַקטער, און די פאָלגען פון דיזע רעליגיעזע דיספּיוטען זיינען פאַרשריבען מיט בלוט אין דער אידישער געשיכטע. וועהרענד אין אָנפאַנג פלעגען אידישע פאַרשטעהער ארויסגערופען ווערען צו דעבאַטירען איבער רעליגיאָן מיט פרידליכע אבזיכטען פון זייערע געגנער, איז עס אָבער שפּעטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אַלס איינער פון די שרעקליכסטע פאַרפאָלגונגס-מיטלען געגען דאָס אידישע פאָלק.

דיזע געצוואונגענע עפּענטליכע דעבאַטעס, וועלכע האָבען זיך מעהרסטענס געענדיגט מיט די ביטערסטע פאַרפאָלגונגען געגען דער אידישער רעליגיאָן, האָט געבראַכט דערצו אַז די אידישע געלעהרטע האָבען זיך געפונען געצוואונגען צו שרייבען פּאָלעמישע טעקסט-ביכער געגען קריסטענטוהם, כדי דער אידישער עולם זאָל האָבען וואָס צו ענטפערען אויף די קריסט־ליכע טענות און אַרגומענטען.

פּאָלעמישע ווערק, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרען מיט

דעם צוועק פון „ודע מה שתשיב" זיינען פראַדוצירט געוואָרען מיט די באַנייאונג פון גזרות געגען אידען; אַ כוואַליע פון נייע גזורות האָט ארויסגעבראַכט נייע פּאָלעמישע ווערק, וואָס האָבען באַצוועקט אויפצואווייזען די גרונדלאָזיגקייט פון קריסטענטום און צו ערמוטיגען דעם אידען אין זיין ווידערשטאַנד געגען די קריסטליכע אַטאַקעס.

די פּאָלעמישע ליטעראַטור פאַרנעמט אַ וויכטיגען אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור־געשיכטע. די אידישע צרות האָבען באַשאַפען דיזען ליטעראַרישען צווייג, וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסען און געוואָרען אַ גרויסער פאַרצווייגטער בוים.

רייך איז דיזער צווייג פון אידישער געלעהרזאַמקייט. דער רייכסטער, דער אינטערעסאַנטסטער פון די ספרים וואָס באַלאַנגען צו דיזען קלאַס איז אָבער, אָהן צווייפעל, דער „ויכוח הרמב״ן"‚ פון׳ם אונשטערבליכען רבינו משה בן נחמן. צווישען אַלע פּאָלעמישע ספרים צייכענט זיך אויס דער ויכוח הרמב״ן מיט זיין דרייסטיגקייט און קלאָהרקייט. זיין שאַרפער ארויסטרעטען געגען די קריסטליכע רעליגיאָן אין דער אַנוועזענהייט פון שפּאַנישען קעניג און די הויפּט גלחים; זיין מוטיגע שטאַלצע שטעלונג, ווען ער איז ערשינען אַלס דער איינציגער איד צווישען צוויי הונדערט און פופציג קריסטליכע פאַרשטעהער אַנגעפירט פון דעם משומד פּאַבלאָ קריסטיאַני; די לאָגיק און פאַרנונפט פון אַלע זיינע אַרגומענטען — דאָס אַלעס צוזאַמען מאַכט דעם „ויכוח הרמב״ן" פאַר דעם וויכטיגסטען פּאָלעמישען ספר. דער „ויכוח הרמב״ן" אונטערשיידעט זיך פון אַלע אַנדערע פּאָלעמישע ספרים דערמיט וואָס ער באַנוצט כמעט קיינע ביבלישע פסוקים צו באַפעסטיגען זיינע טענות, וועהרענד די מעהרסטע אַנדערע פּאָלעמישע ווערק באַגרינדען זייערע הויפּט טענות אויף דעם אָדער יענעם פסוק פון דער תורה. זעקס הונדערט און אַכציג יאָהר זיינען שוין אוועק זינט רבינו משה בן נחמן האָט געשריבען דעם „ויכוח

הרמב״ן״, וואו ער האָט פאַרצייכענט די גאַנצע דעבאַטע צווי־שען איהם און פּאַבלאָ קריסטיאַני, אָבער נאָך היינט האָט דער ספר דיזעלבע וויכטיגקייט ווי אַמאָל. אויך היינט קען דער ,,ויכוח הרמב״ן״ דינען פאַר יעדען אידען אַלס וועגווייזער, איהם אָנצייגענדיג דעם בעסטען וועג ווי צו באַקעמפען די טענות פון קריסטילכע פאַנאַטיקער. די אַרגומענטען וואָס דער רמב״ן האָט באַנוצט געגען פּאַבלאָ קריסטיאַני׳ס אַטאַקעס זיינען מעהרסטענס פון אַ ריין לאָגישען כאַראַקטער און קענען אויך היינט אַנגעווענדעט ווערען מיט ערפאָלג. געגען אַלע אַנדערע פּאָלעמישע ווערק שטעהט דער ,,ויכוח הרמב״ן״ אין אַ קלאַס פאַר זיך. די מעהרסטע פּאָלעמישע ווערק, וועגען וועלכע מיר וועלען שפּעטער רעדען, זיינען באַגרינדעט אויף דער אויסטייטשונג פון געוויסע פסוקים אין תנ״ך — די קריסטען האָבען עס געזוכט אויסצוטייטשען אויף זייער וועג און די אידישע געלעהרטע האָבען זיי אויפגעוויזען זייער טעות אין פּשט פון פסוק. דער רמב״ן אָבער באַנוצט זיך ניט מיט אַזעלכע קאַמפּס־מיטלען. ער געהט דירעקט צום פּונקט און אונ׳ברחמנות׳דיג ווייזט ער אויף דעם קעניג מיט אַלע בישאָפּ׳ן פון די אַנוועזענדע, די לעכערליכקייט פון דער גאַנצער קריסט־ליכער רעליגיאָן. ער אַטאַקירט די הויפּט דאָגמאַס אויף וועל־כע די קריסטליכע תורה איז געבויט און צושליידערט דעם גאַנצען בנין וואָס די קריסטען האָבען אויפגעשטעלט אויפ׳ן גרונד פון זייערע טעאָריעס.

דיזע געוואַגטע אַרויסטרעטונג האָט דער רמב״ן אַרויפ־גענומען אויף זיך אַליין; איינער אַליין האָט ער אויפגעטרע־טען פאַר זיין קעניגליכע מאַיעסטעט און אין דער אַנוועזנהייט פון די גרעסטע פאַרשטעהער פון לאַנד פון אַלע שיכטען, פאַר וועלכע ער האָט באַדאַרפט פאַרטיידיגען אידענטום געגען אַלע אַנגריפען פון פּאַבלאָ קריסטיאַני. אָבער אַנשטאַט זיך צו פאַרטיידיגען האָט דער רמב״ן זיך פאַרוואַנדעלט אין אַן אַנ־גרייפער. דער משומד פּאַבלאָ קריסטיאַני האָט גערעכענט

אַז פאַר איהם וואָלט געווען אַ גרויס געווינס דער פאַקט אַליין אַז דער גרויסער אידישער געלעהרטער מוז פאַרטיידיגען די אידישע רעליגיאָן. דאס צייגט אַז אידענטום מוז זיך פאַר־טיידיגען. ווייטער האט פּאַבלאָ קריסטיאַני גערעכענט אַז ער וועט קענען וואַרפען שמוץ אויף אידענטום אונגעשטערט, וועהרענד דער רמב״ן וועט ניט וואַגען צו באַליידיגען די קריסטליכע רעליגיאָן בעפאר דעם קעניג און די בישאָפען. און אַזוי אַרום האט ער געדענקט צו האבען די אויבערהאַנט איבער דעם גרויסען אידישען פאַרשטעהער.

אויסגעלאָזען האט זיך אַז דער רמב״ן אַנשטאַט צו פאַרטיידיגען אידענטום האט ער געבראַכט דערצו אַז פּאַבלאָ האט געמוזט פאַרטיידיגען קריסטענטום געגען די שאַרפע אַטאַקעס פון זיין אידישען געגנער; מיט זיין שטאָלצער האַל־טונג האט דער רמב״ן אָבגעווענדעט יעדען שמוציגען אַנגריף געגען זיין פאָלק, און די דריי טעג וואס די דעבאַטע האט אַנגעהאַלטען האבען זיינע קריסטליכע געגנער געהאַט גענוג זיך צו פאַרטיידיגען אום אַרויסצוקריכען פון דער אונאַנגענע־מער לאַגע אין וועלכער דעם רמב״ן'ס בייסענדע קריטיק האט זיי אריינגעשלעפּט.

ווען די זון פון דעם אונשטערבליכען רבינו משה בן מיימון האט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן, איז געבוירען געוואָ־רען רבינו משה בן נחמן. און ווירקליך, דער רמב״ן איז געווען דער פאַסענדסטער נאָכפאָלגער פון רמב״ם! דיזעביידע גייסטיגע ריזען זיינען ערשינען אויף דעם אידישען הימעל צו יענער עפּאָכע ווען דאס שפּאַנישע אידענטום האט ערררייכט דעם העכסטען פּונקט אין איהר גייסטיגער און מאַטעריעלער ענטוויקלונג. אַזוי ווי דער רמב״ם האט דער רמב״ן אויך פּראַקטיצירט זיין פּראָפעסיאָן אַלס דאָקטאָר, פון וועלכע ער האט געצויגען זיין חיונה, אָבער צו דער זעלבער צייט זיך אָבגעגעבען מיט פילאָזאָפישע לעהרען אין וועלכען פעלד ער

האט זיך אויסגעצייכענט, ווי אויך אין אלע אנדערע וויסענ־שאפטען פון זיין צייט.

פאר דעם געוועהנליכען לעזער איז ניט נויטיג צו דער־צעהלען ווער דער רמב״ן איז געווען. דער שרייבער וועט דארום זיך פאסען קורץ אין זיין שילדערונג וועגען רמב״ן.

דער רמב״ן איז געבוירען געווארען אין גערונא (גירוני), שפאניען, דריי יאהר בעפאר דעם רמב״ם'ס טויט, אין יאהר 1194, און איז געשטארבען אין ארץ ישראל אין יאהר 1270.

ער איז געווארען איינער פון די גרעסטע תלמודיסטען אין זיין צייט, א גרויסער ביבעל קאמענטאר און איינער פון די ערשטע מקובלים אין דער נייער קבלה. ער האט אנגעשריבען פילע ספרים אין הלכה, אויך פילע ספרים אין קבלה. שפעטערע פארשער זיינען מיט דער מיינונג אז די קבלה ספרים, וואס ווערען צוגערעכענט צום רמב״ן, זיינען געשריבען געווארען ביי שפעטערע בעלי־קבלה, וועלכע האבען זיך באנוצט מיט'ן רמב״ן'ס נאמען צו געווינען פאפולאריטעט פאר זייערע ספרים. דער וואס קוקט אבער אריין מיט א קריטישען בליק אין רמב״ן'ס פירוש אויף'ן חומש, קען לייכט זעהן אז דער רמב״ן איז געווען געניינט צו קבלה און איהרער אן אנהענגער.

ווען נאכ'ן רמב״ם'ס טויט האט אויסגעבראכען דער גרויסער קריעג וועגען זיינע ספרים, האבעןביידע קעמפפענדע צדדים געווענדעט צו איהם. ר' שלמה מן ההר (מאנטפעליער) אונטערשטיצט פון פילע אנדערע פראנצויזישע רבנים האבען דעם רמב״ם'ס ספרים מחרים געווען און ארויסגעטראטען געגען איהם אין א העפטיגען קאמף. האט דער רמב״ן דאן פארעפענטליכט צוויי בריוו צו די פראנצויזישע און שפאנישע רבנים, אין וועלכע ער האט אויסגעדריקט דעם גרעסטען רעס־פעקט צום רמב״ם פאר זיינע גרויסע תלמודישע קענטניסע און אלגעמיינע וויסענשאפטען. דיזע בריוו זיינען אפגעדרוקט אין די „אגרות הרמב״ם, און לעזענדיג דיזע בריוו פיהלט

מען נאָך היינט דעם טיפען צער פון רמב״ן, ווען ער האָט געשריבען די דאָזיגע בריוו. אין איינעם פון דיזע בריוו דריקט ער זיך אויס אַז דעם רמב״ם׳ס פילאָזאָפישע ווערק ווע‏לען ברייגען צוריק אונטער׳ן שוץ פון אידענטום די יעניגע אידען וועלכע ווייסען נאָר פון די ניט־אידישע פילאָזאָפען־אריסטאָ־טעלס און גאַלינוס. דעם רמב״ם׳ס ווערק — זאָגט ער ווייטער — ווע‏לען זיין ,,כתרים בפני פורעניות, מגן הוא לחצי קשתי בני יון, החוקקים חוקקי און להעלות הטובעים בבור שאון מטיט היון״. אין אנדערע ווערטער, דעם רמב״ן׳ס פאַרטיידיגונג, איז געוועזען אַז דעם רמב״ם׳ס פילאָזאָפישע ווערק זיינען הויפּט־זאַכליך געשריבען פאַר די יעניגע אידען, וועלכע זיינען ,,פוסחים על שתי השעיפים״ — וועלכע זיינען שוין פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם איינפלוס פון דער גריכישער קולטור. די דאָזיגע גריכיש־געזאַנגענע אידען האָט דער רמב״ם געוואָלט צוריק ברייגען אונטער׳ן פליגעל פון אידענטום מיט זיין ,,מורה נבוכים״. וואו ער זוכט צו באַווייזען אַז די לעהרע פון אריס־טאָטעלעס איז אין איינקלאַנג מיט דער אידישער תורה.

זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די פאַרטיידיגונג פון רמב״ן, וועלכער איז אַליין געווען אַ שטאַרקער געגנער פון אַריסטאָ־טעאַליאַניזם, האָט ניט געקענט צופרידען שטעלען קיינעם פון די קריג־פיהרענדע צדדים. ער האָט געזוכט מיט זיין פאַרטיי־דיגונג צו מאַכען אַ פשרה כדי אויסצומיידען מחלוקות אין חלול השם, אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען. ביידע צדדים זיינען געבליבען אונצופרידען מיט איהם. פאַר דעם רמב״ם׳ס חסידים איז ער געווען צו קאָנסערוואַטיוו, און פאַר ר׳ שלמה מאָנטפעליער (מן ההר), מיט זיינע חברים איז ער געווען צו ראַדיקאַל.

ר׳ חיים וויטאַל אין זיין בארימטען ,,ספר הגלגולים״ מאַכט די פאָלגענדע געלונגענע אָבשאַצונג וועגען די כאַראַק־טעריסטיקע פון די צוויי אונשטערבליכע ריזען — דער רמב״ם און דער רמב״ן. ווי באַקאַנט — נאָך דעם האר״י׳ס קבלה

אנשויאונגען — זיינען אלע נשמות וואס האבען געזאלט ארונטערקומען אין עולם התחתון פאר די מענשליכע ראסע באשאפען געווארען צוזאמען מיט אדם הראשון. אין גוף פון אדם הראשון — „אדם קדמאה" — געפינען זיך אלע נשמות וואס האבען געזאלט צוזאמענשטעלען די מענשהייט. נאר עס ווענדעט זיך מיט וועלכען טייל פון אדם הראשון'ס קערפער די נשמה איז פארבונדען. איז זי פארבונדען מיט א וויכטיגען גליד, איז זי אליין אויך א וויכטיגע גרויסע נשמה. איז די נשמה אבער באהעפט צו א געמיינערען גליד אין קערפער, איז זי אויך א געמיינע ביליגע נשמה.

זיך שטיצענדיג אויף דיזער באהויפטונג פון זיין רבי'ן, ערקלערט ר' חיים וויטאל אז די נשמות פון רמב"ם און רמב"ן שטאמען ביידע פון אדם הראשון'ס קאפ. נאר דעם רמב"ם'ס נשמה האט געהאט איהר מקור אין דער לינקע זייט פון אדם הראשון'ס מוח, און דעם רמב"ן'ס נשמה אין דער רעכטער זייט. די לינקע זייט איז „דין און משפט", צוליב דעם איז דעם רמב"ם'ס נשמה באשטאנען פון לויטערע שטרענגקייט און דין, די רעכטע זייט אבער שטעלט פאר רחמנות און צערט־ליכקייט, און פון דיזע מדות איז באשאפען געווארען דעם רמב"ן'ס נשמה".

און ווירקליך, קיין בעסערע אבשאצונג קען מען ניט געבען איבער דיזע צוויי אונשטערבליכע גדולים — דער ליידענ־שאפטליך־צערטליכער רמב"ן שטעלט פאר מיט זיך דאס אי־דענטום פון הארץ און געפיל, וועהרענד דער רמב"ם שטעלט פאר מיט זיך דאס אידענטום פון טרוקענע לאגיק און פאר־נונפט. אויב דער רמב"ן האט ניט פארמאגט אזא טיף־דענ־קענדע נשמה ווי דער רמב"ם, האט ער אבער אנשטאט דעם פארמאגט א טיף־פיהלענדע נשמה.

## צווייטער קאפיטעל

דער רמב״ן הויבט אן זיין „ויכוח״ מיט דעם פאלגענדען ציטאט פון תלמוד (סנהדרין מ״ג), וועלכער געפינט זיך ניט אין דער גמרא וואס מיר האבען היינט. דער דאזיגער מאמר וועלכער געפינט זיך אין די „השמטות הש״ס (ציטאטען וואס דער צענזור האט ניט ערלויבט צו דרוקען) איז אן איו פאר זיך א זעהר געלונגענע סאטירע אויפ׳ן חשבון פון קריסטענטום. די ערשטע קריסטען האבען געזוכט אויסצוטייטשען געוויסע פסוקים פון תנ״ך צו באפעסטיגען זייער נייעם גלויבען. זיי האבען געזוכט א פונדאמענט אינ׳ם אלטען טעסטאמענט אויף וועלכען אוועקצושטעלען דעם נייעם טעסטאמענט מיט דעם גלויבען אין די לעהרע פון אדריי־אייניגקייט. זיינען געקומען די חכמי התלמוד און האבען באוויזען אז א פסוק קען מען טייטשען ווי מען וויל. און אויב די פאטערס פון דער קריסט־ליכער רעליגיאן ווילען בויען אויפ׳ן חשבון פון א פסוק, קען מען זיי אנווייזען אנדערע פסוקים וועלכע קענען אויסגע־טייטשט ווערען אלס געגענזאץ צו דער קריסטליכער תורה. די אויסטייטשונג פון א פסוק אום צו באגרעניצען א געוויסע אידייע איז ניט מעהר ווי א ווארט־שפיל, — האבען די חכמי התלמוד גע׳טענה׳ט — און אויב יא זיך באנוצען מיט אזוינע מעטאדען ווילען מיר אייך איבערצייגען דורך די זעלבע מע־טאדען די לעכערליכקייט פון אייערע באהויפטונגען דורך וועלכע איהר ווילט בויען אייער נייע רעליגיאן. דער תלמודי־שער ציטאט וועלכען דער צענזור האט ניט געלאזט דרוקען און וועלכען דער רמב״ן באנוצט אלס פארעדע צו זיין „ויכוח״, איז א וויכטיגער היסטארישער בייטראג צו דער געשיכטע פון קריסטענטום און פילע טעאלאגישע פארשער האבען שוין אויף דעם זיך אבגעשטעלט. און צוליב דער היסטארישער און סאטירישער וויכטיגקייט פון דעם דאזיגער מאמר גיבען מיר עס איבער אין פולען אין אריגינאל ווי דער רמב״ן האט עס באנוצט.

„גרסינן בסנהדרין תנו רבנן חמשה תלמידים היו לו לישו, מתאי, נקאי, נצר, ובוני, ו״תודה, אתיוה למתי אמרי ליה מתי יהרג, דכתיב אבא ואראה פני אלקים, אמר להו אין, מתי יהרג דכתיב מתי ימות ואבד שמו. אתיוה לנקאי אמרי ליה נקאי יהרג דכתיב נקי וצדיק אל תהרג, אמר ליה אין, נקאי יהרג דכתיב במסתרים יהרג נקי. אתיוה לנצר א״ל נצר יהרג דכתיב ונצר משרשיו יפרה, א״ל אין, נצר יהרג דכתיב ואתה השלכת מקברך כנצר נתעב. אתיוה לבוני א״ל בוני יהרג דכתיב בני בכורי ישראל, א״ל אין, בוני יהרג דכתיב הנה אנכי הרג את בנך בכורך. אתיוה לתודה א״ל תודה יהרג דכתיב מזמור לתודה, א״ל אין, תודה יהרג דכתיב זובח תודה יכבדני. וכתב רש״י, קרובים למלכות היו והיו צריכין להשיב לכל ראיות של הבל שלהן. ועל הדרך הזה אני כותב דברים שהשבתי על תעתועי פראי פול שהקדיח תבשילו ברבים״.

אין פרייער איבערזעצונג :

„פינף תלמידים האט געהאט יעזוס, מתאי״ (מא־טהאס), ״נקאי״, (לוקאס), „נצר״ (דער נוצרי), „בוני״ (נקדימון בן גוריון, ווי מאנכע קריסטליכע טעאלאגישע פארשער ווילען האבען) און „תודה״ (טאדעאוס). ווען מען האט געבראכט „מתאי״ — סט. מאטהיוס — פאר די סנהדרין, האט ער גע׳טענה׳ט : ווי ווילט איהר טויטען דעם אויף וועלכען דער פסוק זאגט : „מתי (פארקירצונג פון מתתיהו, אדער מאטהיוס) אבא ואראה פני אלהים״ — איך, מתתיהו וועל קומען און זיך זעהן מיט גאט, האט מען איהם געענטפערט : „יא מתי, פארדינט דעם טויט וויל אנאנדער פסוק זאגט : „מתי ימות ואבד שמו״ מתתיהו וועט געטויטעט ווערען און זיין נאמען וועט פאר־לארען געהן.

„מען האט פארגעבראכט „נקאי״ (לוקאס), האט ער

געזאגט ווי ווילט איהר מיר טויטען ווען דער פסוק זאגט: „נקי (לוקאס) וצדיק אל תהרג", לוקאס איז א צדיק ווע־ מען מען טאר ניט טויטען. האט מען איהם געענטפערט — יא, לוקאס פארדינט דעם טויט ווייל אנאנדער פסוק זאגט: „במסתרים יהרג נקי", לוקאס'ען מעג מען טויטען אפילו אין געהיים."

„מען האט פארגעבראכט „נצר" (דעם נוצרי). האט ער געזאגט: ווי ווילט איהר טויטען דעם אויף וועלכען דער פסוק זאגט: „ונצר משרשיו יפרה" — א צווייג וועט ארויסוואקסען פון דוד המלך'ס ווארצעל, האט מען איהם געענטפערט: יא, דער נוצרי פארדינט דעם טויט ווייל אנ־ אנדער פסוק זאגט: ואתה השלכת מקרבך כנצר נתעב" — דער קבר וועט דיר ארויסווארפען ווי א פארפוילטען צווייג."

מען האט פארגעבראכט „בוני", האט ער געזאגט: „זאל „בוני" געטויטעט ווערען ווען דער פסוק זאגט אויף איהם: „בני בכורי ישראל" — „בני" איז דער בכור צווישען ישראל — האט מען איהם געענטפערט: אנאנ־ דער פסוק זאגט אבער: „הנה אנכי הרג את בנך בכורך" „איך וועל הרג'ענען דיין בכור „בוני".

מען האט פארגעבראכט „תודה" (טאדעאוס), האט ער געזאגט: „זאל „תודה" געטויטעט ווערען ווען דער פסוק זאגט אויף איהם „מזמור לתודה" — א לויב געזאנג צו „תודה". האט מען איהם געענטפערט: אנאנדער פסוק זאגט אבער „זבח תודה יכבדני" — דער וואס וועט אומ־ ברייגען „תודה" (טאדעאוס) וועט עהרען גאט."

און דער רמב"ן פארענדיגט מיט רש"י'ס ווערטער: „ווייל זיי זיינען געווען הויכגעשטעלטע פערזאנען האט מען דעריבער זיך גענומען די מיה זיי צו ענטפערען אויף אלע זייערע נארישע טענות און באווייזע", און צוליב דעם זעלבען טעם פארשרייב איך דאס וואס איך האב גע־

ענטפערט אויף די נאַרישקייטען פון פראי פול (ברודער פּאָול) וועלכער האָט געזוכט צו באַשמוצען זיינע געווע־זענע אידישע ברידער אין דער אַנוועזענהייט פון אונזער קעניג, זיינע געלעהרטע און זיינע ראַט־געבער״.

* * *

נאָך דער דאָזיגער הקדמה וועלכע קען מיט רעכט פאַר־צייכענט ווערען אַלס אַ געלונגענע סאַטירע פון וואָרטשפּיל אויף׳ן חשבון פון קריסטענטום, הויבט אָן דער רמב״ן:

„מיין קעניג האָט מיר געהייסען צו פאַרפירען אַ ויכוח מיט פראי פול (פראַי — איז דאָס זעלבע ווי פרער אין פראַנ־צויזיש, אָדער פריער אין ענגליש, און מיינט אַ הייליגער ברודער) אין זיין פּאַלאַץ אין באַרצעלאָנאַ, אין דער אַנוועזענ־הייט פון איהם, זיינע מיניסטאָרען און אַנדערע.

און איידער מיר געהען איבערגעבען דעם רמב״ן׳ס ויכוח, איז נויטיג צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דער פּער־זאָן פון ברודער פּאָאול, אָדער ווי ער איז היסטאָריש באַקאַנט אַלס „פּאַבלאָ קריסטיאַני״.

פּאַבלאָ קריסטיאַני, איז געווען אַ פראַנצויזישער איד וועלכער האָט נאָך זיין שמד זיך אָנגעשלאָסען אין די דאָמיני־קאַנער גלחים, און האָט געזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען אָב־צו׳שמד׳ען אידען. ניט האָבענדיג ערפאָלג אין פראַנקרייך איז ער אַוועק אין שפּאַניען וואו ער האָט דורך פאַרשידענע מיטלען אויסגעפירט אַז דער רמב״ן זאָל ארויסגערופען ווערען אויף אַן עפענטליכען ויכוח. פּאַבלאָ האָט געפילט אויף זיכער אַז ער וועט באַזיגען דעם רמב״ן, און דער „ויכוח״ איז אַראַנזשירט געוואָרען פאַר דעם 20־טען יולי, 1263, און האָט אָנגעהאַלטען פיר טעג. פון דער קריסטליכער צייט זיינען געווען, ווי עס ווערט באַהויפּטעט, צוויי הונדערט און פערציג פּערזאָן, איינ־שליסענדיג קאַרדינאַלען. מיט אַלע אַנדערע מינים קירכליכע פאַרשטעהער, און ציווילע בעאַמטע, וועהרענד פון דער אידי־

שער זייט איז רבינו משה בן נחמן געווען דער איינציגער פארטרעטער זיך ארויסצושטעלען געגען אזא אימפאזאנטע פארזאמלונג אין אזא קריטישען מאמענט.

לעזענדיג די וייטערע פארהאנדלונגען פונ'ם „ויכוח'', וועט דער לעזער שטוינען און מיט וואונדער באטראכטען דעם רמב''ן'ס שטאלצע האלטונג און אויסערגעוואוינליכע געוואגט־קייט אונטער אומשטענדען וועלכע בלויז די פאנטאזיע קען אונז פארשטעלען. באטראכטענדיג די אומגעבונג און די אומשטענדען אונטער וועלכע דער רמב''ן האט אויף זיך גענר־מען אזא גיגאנטישע אויפגאבע און דערפאלגרייך דורכגעפירט, מוזען מיר קומען צו דעם איינציגען שלוס אז דעם רמב''ן'ס „ויכוח'' איז איינע פון די מערקווירדיגסטע דראמעס אין דער אידישער געשיכטע, און פארדינט מעהר אויפמערקזאמקייט פון יעדען אידען.

פאבלא קריסטיאני נאך זיין דורכפאל אין זיין ויכוח מיט'ן רמב''ן, האט פארלאזען שפאניען און באר[ייזט] פארשידענע לענדער פארשאפענדיג אידען צרות און גזרות וואו ער איז גע־קומען, דורך זיינע מסירות האט דער פאפסט אין יאהר 1264 ארויסגעגעבען א גזרה געגען תלמוד, און אין יאהר 1269 האט ער גע'פועלטביים פראנצויזישען קעניג אז אידען זאלען מוזען טראגען א געלען צייכען אויף זייערע קליידער.

מיט דיזער קורצער פארשטעלונג פונ'ם רמב''ן'ס גייסטיגען געגנער און אטאקירער, וועלען מיר אצינד לאזען דעם רמב''ן רעדען פאר זיך אליין:

„איך האב געענטפערט אז איך וועל טאן ווי דער קעניג הייסט מיר, אויב איהר וועט מיר געבען די ערלויבעניש צו רעדען נאך מיין וואונש, און די דאזיגע ערלויבעניש זאל באשטעטיגט ווערען ביים קעניג, ביי ריימאנד דע פעניפארטע (דער פיהרער פון די דאמיניקאנער גלחים) און ביי אלע זייערע חברים וואס זייגען דא''.

ריימאנד דע פעניאפארטע האט געענטפערט: דו וועסט

קריגען ערלויבעניש מיט דעם באדינג אז דו זאלסט ניט באנרען באליידיגענדע ווערטער. איך — זאגט דער רמב״ן — האב ערווידערט אז איך וויל אויף דעם ניט איינגעהן. איך וויל האבען די זעלבע רעכט ווי איהר אהן וועלכע באדינגונגען, אבער איהר מעגט זיך פארלאזען אויף מיר אז איך וועל באנוצען אן אנשטענדיגע שפראך. אלע האבען מיר דאן געגעבען די ערלויבעניש צו רעדען נאך מיין וואונש.

איך האב דאן געזאגט — באמערקט דער רמב״ן — אז מאנכע מאל דעבאטירען אידען מיט קריסטען איבער געוויסע מנהגים, אדער צערעמאניעס, פון זייער תורה וואס איז ניט קיין פונדאמענט, אדער א באזיס אויף וועלכען זייער רעליגיאן איז געבוים. פאר דיזער חשוב׳ער פארזאמלונג וויל איך רעדען נאר וועגען אזוינע פונקטען וואס זיינען הויפט פרינציפען פון אונזער, אדער אייער רעליגיאן. יעדע רעליגיאן ווערט אויסגעדריקט דורך געוויסע צערעמאניעס אדער פארמאליטעטען אבער וועגען אזעלכע האבען מיר ניט וואס צו רעדען. מיר דארפען בלויז דעבאטירען וועגען פרינציפען אדער דאגמאס אויף וועלכע אונזער, אדער אייער רעליגיאן איז באזירט״. און דער רמב״ן פארענדיגט: „אלע האבען איינשטימיג געזאגט, אז איך בין גערעכט״.

ס׳איז דאן באשטימט געווארען צו דעבאטירען בלויז וועגען די פאלגענדע דריי פונקטען:

(1) איז דער משיח שוין געקומען ווי די קריסטען גלויבען אדער ער דארף ערשט קומען ווי די אידען גלויבען?

(2) דער משיח וועלכען די נביאים האבען פאראויסגעזאגט דארף ער ערשיינען אין דעם געשטאלט פון א גאט אדער ווי א געוואוינליכער מענש געבוירען פון מענשליכע עלטערען?

(3) איז די אידישע תורה די אמת׳ע אדער די קריסטליכע? פאבלא קריסטיאני האט זיך דאן אויפגעשטעלט און גע־

זאגט אז ער וועט באווייזען פון אונזער תלמוד אז דער משיח וואס די נביאים האבען פאראויסגעזאגט איז שוין געקומען.

דער רמב״ן האט באלד גענומען דאס ווארט און געזאגט:

„ווילט איהר זאגען אז די חכמי התלמוד האבען געגלויבט אין דעם נוצרי אז ער איז דער משיח און האבען איהם אנער־קענט אז ער איז אי א מענש און אי א גאט לויט ווי איהר גלויבט? דער אמת אבער איז אז ער האט געלעבט אין דער צייט פון צווייטען בית המקדש און אונזערע חכמים וואס הא־בען געשאפען די משנה און דעם תלמוד האבען געלעבט עטליכע הונדערט יאהר שפעטער. אין פאקט, די גמרא איז פארענדיגט געווארען פיר הונדערט יאהר נאכ׳ן חורבן, און ווען דיזע חכמים וואלטען געגלויבט אין איהם אז ער איז דער אמת׳ער משיח, און ווען דער תלמוד וואלט געהאט געזאגט דאס וואס ברודער פאול זאגט אז ער וועט איבערצייגען דורך זייערע ווערטער, טא ווי אזוי זענען זיי געבליבען ביי זייער אריגינעלען אידישען גלוי־בען און האבען זיך געלאזט פייניגען ביז צום טויט פאר זייער אידישקייט? ווארום האבען אונזערע חכמים ניט אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען ווי דאס האט געטאן ברודער פאול וואס וויל דרינגען פון זייערע רייד די ריכטיגקייט פון דער קריסטליכע רעליגיאן? מיר היינטיגע אידען לעבען נאך די פארשריפטען פון תלמוד וועלכער האט געזוכט צו ערקלעהרען די תורה פון משה רבינו און די ווערטער פון אונזערע נביאים. דער תלמוד איז דער באזיס פון אונזער רעליגיעזען לעבען, און ווען זיי וואלטען איהם אנערקענט, ווארום האבען זיי ניט געהאנדעלט ווי ברו־דער פאול וואס וויל פארשטעהן זייערע רייד בעסער ווי זיי אליין?

פאבלא קריסטיאני האט אויף דעם ניט געהאט וואס צו ענט־פערען, און ער האט זיך גענומען צום פסוק „לא יסור שבט מיהודה וכו׳ עד כי יבא שילה״ פון וועלכען ער האט געוואלט באווייזען אז משיח איז שוין לאנג געקומען און אז דער פאבסט אין רוים איז דער יעניגער וואס זעצט פאר די הער־שאפט פון שבט יהודה.

דער רמב״ן האט אין א לענגערע ערקלעהרונג צווישען אנדערעס ארויסגעבראכט דעם געדאנק אז, די מלוכה האט אויפ־געהערט צו עקזיסטירען צווישען אידען נאכדעם ווען אידען זענען אוועק אין גלות בבל, און אפילו נאכדעם ווען אידען האבען געהאט דעם צווייטען בית המקדש און זייער אייגענע לאנד האבען גאר אנדערע, ניט פון שבט יהודה באהערשט דאס לאנד. פאלגליך, מיינט דער פסוק גאר ניט און עס איז לעכערליך אנצונעהמען דאס אלס באווייז צו באפעסטיגען קריסטענטום.

ברודער פאול האט דאן געבראכט א מדרש וואו ס'ווערט געזאגט אז אן אראבער איז פארבייגעגאנגען פאר א אידען ווען ער האט געאקערט זיין פעלד מיט א שפאן אקסען, זאגט דער אראבער: „שפאן אויס די אקסען ווייל אייער בית המקדש איז חרוב געווארען״. דער איד האט אזוי געטאן און דער אקס האט ווידער א ברום געטאן. רופט אויס דער אראבער: „שפאן ווידער איין די אקסען ווייל אייער משיח איז געבוירען געווארען״.

אויף דעם האט דער רמב״ן געענטפערט אז אזויגע דער־צעהלונגען פונ'ם מדרש דארף מען ניט נעהמען ערנסט, נאר אפילו ווען מען זאל עס יא באטראכטען אלס א פאקט, ווייזט עס אז דער משיח איז געבוירען געווארען אין דעם זעלבען טאג ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען, ווערענד איהר אליין זאגט אז ער איז געבוירען געווארען און געטויטעדט געווארען א צייט לאנג בעפאר דעם חורבן — דריי און זיבעציג יאהר בעפאר.

„גיליס״ דעם קעניג'ס א ריכטער האט דאן געזאגט: די פראגע איז אצינד ניט וועגען די פערזאן פון איהם, נאר צי איז משיח שוין געקומען אדער ניט. דו זאגסט אז ער איז ניט געקומען און דאך זאגט אייערער א ספר אז ער איז יא געקומען.

איך האב אויף דעם געענטפערט — זאגט דער רמב״ן — אז דער דערמאנטער ציטאט זאגט ניט אז ער איז „געקומען״,

נאר אַז ער איז געבוירען געוואָרען. ווען משה רבינו איז געבוי־רען געוואָרען איז ער ניט געווען דער אידישער באַפרייער, ערשט שפּעטער ווען ער איז ערשינען פאַר דעם מעכטיגען קעניג פון מצרים און האָט געפאָדערט „שלח עמי" — באַפריי מיינע אידישע ברידער — ערשט דאַן איז ער „געקומען" אַלס גואל און בעטער. ביים געבורט איז ער ניט „געקומען" נאר ווען ער איז געוואָרען זייער פיהרער און אויסלייזער, ערשט דאַן האָט מען אויף איהם געקענט זאָגען אַז ער איז „געקומען". און דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערען אויף משיח'ן, ווען ער וועט קומען צום פּאַבסט פון רוים און פאָדערען פון איהם אַז ער זאָל באַפרייען די אידען, ערשט דאַן וועט עס הייסען אַז דער אידישער „דערלייזער" איז געקומען. אָבער ביז היינט האָט עס נאָך ניט פּאַסירט, פאָלגליך קענען מיר ניט זאָגען אַז משיח איז שוין לאַנג „געקומען".

דוד המלך ביים געבורט איז ער געווען ניט מעהר ווי אַן איינפאַכער מענש, ערשט ווען שמואל הנביא האָט איהם גע־זאַלבט, ערשט דאַן איז ער באַצייכענט געוואָרען אַלס „משיח". דער אידישער דערלייזער. און ווען אליהו הנביא וועט אויפ'ן באַפעל פון גאָט זאַלבען דעם „משיח", ערשט דאַן וועט ער זיין באַרעכטיגט צו דעם דאָזיגען נאָמען. און ווען ער וועט אויפטרעטען פאַר'ן פּאַבסט אַז ער זאָל באַפרייען די אידען, ערשט דאַן וועט ער ווערען דער „גואל" — דער לאַנג־ערוואַר־טעטער דערלייזער.

פּאַבלאָ קריסטיאַני האָט דאַן אויפגעבראַכט די קאַפּיטלען נ"ב—נ"ג פון ישעיה, און ער האָט געוואָלט אַז איך זאָל צו־געבען אַז דאָ רעדט זיך ווענען איהם אַלס משיח. דער רמב"ן האָט ערקלערט אַז די דאָזיגע פּסוקים באַציהען זיך צו דאָס אידישע פאָלק בכלל וועלכע ווערט שטענדיג פאַר־פאָלגט און איז ליידענד און פאַראַכטעט פון אַלעמען, א. אַז. וו., נאר — פאַרענדיגט דער רמב"ן — דאָס האָבען זיי ניט גע־וואָלט אויסהערען.

ברודער פאָועל האָט דאַן דערמאָנט די דערצעהלונג פונ׳ם תלמוד אז: ר׳ יהושע בן לוי האָט געפרעגט אליהו הנביא, ווען וועט קומען משיח? האָט אליהו הנביא געענטפערט: פרעג משיח׳ן אליין. און וואו געפינט ער זיך? האָט אליהו איהם געזאָגט: צווישען די קראַנקע אין רוים. איז ר׳ יהושע בן לוי געגאַנגען און איהם דאָרט געטראָפען. אויב אַזוי — האָט ברודער פאָול געזאָגט — ווייזט דאָך דאָס אַז ער איז יאָ געקומען און ער איז אין רוים, וואו דער פאָטער פון דער קריסטליכער קירכע פאַרנעמט זיין פּלאַץ.

איך — זאָגט דער רמב״ן האָב געענטפערט — דאָס ווייזט דאָך פונקט פאַרקעהרט אז ער איז ניט געקומען, וואָרום ער פרעגט דאָך אליהו׳ן ווען ער וועט קומען, און אפילו דאַן ווען ער האָט געטראָפען משיח׳ן צווישען די קראַנקע, האָט ער איהם אויך געשטעלט די פראַגע: „מתי אתי מר״ (ווען וועט ער קומען) וואָס ווייזט דאָך ווידער, אַז ער איז נאָך ניט געקומען, און איך זאָג נאָך אַמאָל אַז די דאָזיגע לעגענדאַרישע דערצעהלונג פונ׳ם תלמוד דאַרף מען ניט נעהמען ערנסט.

דער קעניג האָט מיר דאַן געפרעגט אויב משיח איז געבוירען געוואָרען, ווי דו אליין זאָגסט, טאָ וואו געפינט ער זיך היינט?

איך האָב דעם קעניג געענטפערט סאַרקאַסטיש — באַמערקט דער רמב״ן — אַז דו וועסט איהם זוכען מעגליך אַז דו וועסט איהם געפינען ביי די טויערען פון די קראַנקע אין טאָלעדאָ, ווייל משיח, דער גוטער מלאך זוכט צו ברענגען הילף צו די הילפלאָזע.

דערמיט האָט זיך געענדיגט דער ערשטער טאָג און דער קעניג האָט געהייסען פאַרטזעצען דעם ויכוח אַ צווייטען טאָג.

דעם צווייטען טאָג פון ויכוח האָט זיך די פאַרזאַמלונג געעפענט אין קלויסטער אין דער אַנוועזענהייט פון קעניג און פון קאַרדינאַל, אַלערהאַנט גלחים, פּריידיגער און געלעהרטע, ווי אויך אַ גרויסע צאָהל אידען און קריסטען.

פראי פול האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט צום רעדען. איך האָב פאַרלאַנגט פון קעניג מען זאָל מיר אויסהערען צום ערשטען, הגם פראי פול האָט באַדאַרפט אָנפאַנגען, ווייל ער איז דאָך דער אַנגרייפער. נאָר איך האָב געזאָגט אַז איך וויל בעפאָר קלאָהר מאַכען מיין מיינונג וועגען דעם ענין פון משיח, און נאָכער וועט ער מיר קענען ענטפערען מיט מעהר דייטליכקייט.

„הערט אויס אַלע אַנוועזענדע — האָט דער רמב״ן אָנגעהויבען — פראי פול האָט געוואָלט דרינגען פון געוויסע אגדות אַז משיח איז שוין געקומען, און איך האָב געזאָגט אַז איך גלויב ניט אין דעם. יעצט וועל איך ערקלעהרען מיין שטאַנדפּונקט. מיר אידען האָבען דריי סאָרטען ספרים, נעמליך: דער ערשטער איז די ביבעל, אונזער תורת משה אין וועלכע מיר גלויבען אַלע באמונה שלמה. דער צווייטער סאָרט איז דער תלמוד, וועלכער איז אַ פּירוש אויף דער תורה, ווייל ניט איינע פון די תרי״ג מצוות אין דער תורה איז געבליבען אין תלמוד אונערקלעהרט, און מיר גלויבען אין דעם פּירוש פון תלמוד פּונקט אַזוי ווי אין דער תורה גופא. ווייטער האָבען מיר אַ דריטען סאָרט ספרים וואָס איז באַצייכענט מיט דעם נאָמען „מדרש״, דאָס מיינט צו זאָגען „שרמוניש״ (סערמאָן) (דער רמב״ן באַנוצט דיזען וואָרט „שרמוניש״ צו באַצייכנען דעם ליטעראַרישען כאַראַקטער פון די אגדות, און איז פיליכט דער ערשטער אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור צו באַנוצען דיזען אויסדרוק).

ווען דער קאַרדינאַל זאָל האַלטען אַ סערמאָן (דרשה) — האָט דער רמב״ן פאָרטגעזעצט — און איינער פון די צוהערער

זאָל עס נעהמען און פאַרשרייבען, איז ווער עס וויל קען גלויבען אין דעם און ווען ניט איז אויך קיין אומגליק ניט. דאָסזעלבע אין באַצוג צו דאָס וואָס אונזערע חכמים האָבען געזאָגט וועגען משיח׳ן. איך בין ניט מחויב צו גלויבען דאָס וואָס זיי האָבען געזאָגט אין מדרש אַז משיח איז געבוירען געוואָרען אין טאָג פון חורבן.

ערקלערענדיג זיין מיינונג וועגען די אגדות אין אַלגע־מיין, האָט דער רמב״ן דאָן זיך געווענדעט צום קעניג מיט די דער דירעקטער פראַגע: איהר באַהויפּטעט אַז מיט זיין טוים איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די זינד פון אדם הראשון, איז דאָס ריכטיג? דער קעניג מיט פראַי פול האָבען געענטפערט: יאָ. צוליב אדם הראשון׳ס זינד איז די מענשהייט פאַראור־טיילט געוואָרען צום גיהנום און ער האָט דאָס זינדיגע מענשהייט געראַטעוועט פון גיהנום.

דער רמב״ן: הרוצה לכזב ירחיק עדיו, דער גיהנום איז צו ווייט אַוועק צו וויסען וואָס דאַרטען קומט פאָר. נאָר מערק־ווירדיג פאַר אדם און חוה׳ס זינד איז פאַרשאָלטען געוואָרען די ערד, אַז פון איהר זאָל וואַקסען דערנער, אַז דעם מענשען זאָל אַנקומען זיין שטיקעל ברויט מיט זיין שווייס, אַז די פרוי זאָל אין צער און צארן ברייגנען איהרע קינדער — דיזע אַלע קללות זיינען פינקטליך מקוים געוואָרען און קיינע פון דיזע עפענטליכע קללות איז ניט אָבגעשאַפט געוואָרען מיט דעם אַנקומען פון אייער משיח. נאָר גראָדע דער גיהנום וואָס ווערט נ י ט אין דער תורה דערמאָנט, דאָס איז געשאָנקען געוואָרען די ליידענדע מענשהייט אין זיין צייט, ווייל קיינער קען אייך דאָס ניט אָפּלייקענען. אדרבה שיקט איינעם פון אייך אַהין און זאָל ער אונז נאָכהער זאָגען וועגען דעם.

דעם אמת זאָגענדיג — האָט דער רמב״ן פאַרטגעזעצט

די פראַגע וועגען משיח׳ן שפּילט ביי אונז אידען אַ קליינע ראָלע. ביי אייך קריסטען איז די משיח פראַגע דער פונדאַ־מענט פון אייער רעליגיאָן, וועהרענד ביי מיר אַלס איד, ביזטו

מיין קעניג מיר פיעל וויכטיגער ווי משיח. דו ביזט א קעניג און משיח איז א קעניג. דו א קריסטליכער קעניג און ער א אידישער קעניג. משיח איז ניט מעהר ווי א קעניג פון פלייש און בלוט אזוי ווי דו און ווען איך דיען מיין גאט מיט דיין ערלויבעניש, זייענדיג פארשקלאפט אין גלות און באליידיגט פון אלע אנדערע פעלקער, איז מיין שכר פיעל גרעסער, ווייל איך ברייננ קערפערליכע קרבנות אויף דעם מזבח פון מיין רעליגיאן, און דערמיט וועל איך מיר מעהר און מעהר איינ־קויפען עולם הבא. אבער ווען עס וועט זיין א אידישער קעניג פון מיין גלויבען וועלכער וועט באהערשען די גאנצע וועלט, און איך וועל זיין געצוואונגען זיך צו האלטען ביי מיין תורה, דאן וועט מיין שכר ניט זיין אזוי גרויס.

(דיזע געוואגטע באהויפטונג פון דעם רמב״ן ווערט ביי איהם ווידערהאלט אויף אן אנדער פלאץ אין זיין ספר „קץ הגאולה״, דערמאנט אין „מאור עינים״ פון ר׳ עזריה מן האדומים, וועגען וועלכען דער שרייבער רעדט אין א קומענדען קאפיטעל — פאלגליך מוז מען אננעמען אז דער רמב״ן איז געוועזען ערנסט מאכענדיג דיזע געוואגטע באהויפטונג).

דו מיין קעניג — האט דער רמב״ן פארטגעזעצט — ביזט א קריסט געבוירען פון קריסטען, דיין גאנצער לעבען איז באאיינפלוסט פון דער קריסטליכער תורה, ביז וואנען עס איז געווארען ביי דיר א נאטירליכע זאך און דו גלויבסט אין דעם. אבער דאס אין וואס איהר גלויבט און דאס וואס איז ביי אייך דער עיקר אין אייער אמונה לעגט זיך ניט אויפ׳ן שכל; עס איז געגען דער נאטור, און די נביאים האבען דאס קיינ־מאל ניט געמיינט צו זאגען. ווי קען א פארשטענדיגער מענש גלויבען אין די נסים פון זיין געבורטה, אין זיין געטליכ־קייט, אין זיין אויפשטעהן פון קבר א. אז. וו. קיין אידישער מוח קען עס ניט באגרייפען און אומזיסט זוכט איהר אונז צו איבערצייגען מיט אזעלכע ערצעהלונגען.

— ווי קענט איהר גלויבען אז ער איז געווען משיח —

האט דער רמב״ן געענטפערט אויף פראי פול׳ס פראגע — אויף משיח׳ן איז געזאגט געווארען „ומשלו מים עד ים ומנהר עד אפסי ארץ״ (ער וועט האבען די ממשלה איבער דער גאנצער וועלט). אבער ער האט קיין רעגירונג געהאט. אין געגענטייל, ביים לעבען איז ער געוועזען פארפאלגט פון זיינע שונאים און האט זיך געמוזט באהאלטען פון זיי. ענדליך איז ער דאך אריינגעפאלען ביי זיינע שונאים און האט זיך זעלבסט ניט געקענט רעטען, טא ווי האט ער געקענט רעטען דעם כלל ישראל? נאך דעם טויט האט ער אויך ניט געהאט קיין רעגירונג, ווייל די רוימישע רעגירונג קען ניט צוגע־שריבען ווערען צו איהם. דער פאקט איז דאך אז בעפאר איהם האט רוים באהערשט כמעט די גאנצע וועלט, און גלייך נאכדעם ווי רוים איז געווארען קריסטליך האט זי אנ־געפאנגען צו זינקען, אזוי אז די נאכפאלגער פון מחמד זיינען היינט שטארקער און מעכטיגער אין צאהל און אין הערשאפט.

דער נביא זאגט אויך אז אין משיח׳ס צייטען (ירמיה ל״א, ל.(ד) „ולא ילמדו עוד איש את רעהו ואיש את אחיו לאמר דעו את ה׳ כי כולם ידעו אותי״; (ישעיה י״א ט׳) „כי מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים״; אויך: „וכתתו חרבותם וכו׳ ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה״, דאס מיינט אז משיח וועט ברייגגען דעם אייביגען פרידען צווישען נאציאנען; אז מיט משיח׳ס קומען וועלען אויפהע־רען אלע מלחמות, ווערענד אין דער אמת׳ן זעהען מיר אז זייט ער איז געקומען איז די וועלט פול מיט רציחה און רויבעריי, און די קריסטען פארגיסען מעהר בלוט פון אלע אנדערע פעלקער. די אונמאראליטעט איז היינט אויך פיעל שטארקער ווי אמאל צווישען די קריסטליכע פעלקער. איך קען מיר פארשטעלען וואס פאר א פנים דו מיין קעניג מיט אלע דיינע ריטער וואלטען געהאט ווען עס וואלט מעהר קיינע מלחמות עקזיסטירט. מלחמה איז אייער לעבען.

דער פארשפראכענער משיח וועט האבען די אויפגאבע

צוזאַמען צו ברייגנען די פאַרשטויסענע און פאַרלאָרענע פון אונזער פאָלק ישראל. אייער משיח האָט עס אָבער ניט גע־טאָהן. נאָכמעהר, ער האָט עקזיסטירט נאָך דאַן ווען די אידען זיינען געזעסען אין זייער אייגען לאַנד, בעפאָר דעם גלות ווען דער בית המקדש האָט נאָך עקזיסטירט, וועהרענד די הויפט אויפגאַבע פון משיח'ן וועט זיין צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש''.

מיט דיזען מאַנאָלאָג האָט זיך די פאַרזאַמלונג געשלאָסען און אויף מאָרגען האָט זיך די פאַרזאַמלונג ווידער געעפענט אין די אַנוועזענהייט פון קעניג מיט אַ גרויסע צאָהל מענשען פון אַלע קלאַסען פון דער באַפעלקערונג.

דער רמב''ן האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט און געזאָגט אַז ער וויל ווייטער ניט דעבאַטירען ווייל פילע פראָמינענטע גלחים האָבען איהם געזאָגט ער זאָל אויפהערען צו ריידען שלעכטעס געגען קריסטענטום און זיינע אידישע ברידער האָבען שטאַרק מורא פאַר די גלחים. דער קעניג האָט מיר אָבער געבעטען פאָרטצוזעצען די דעבאַטע און איך האָב ענד־ליך געמוזט צושטימען צו זיין וואונש.

פראַי פול האָט מיר געשטעלט די פראַגע צו גלויב איך אַז דער משיח פון די נביאים וועט זיין אין דער געשטאַלט פון אַ מענשען און דאָך גאָט אַליין?

דער רמב''ן: עס איז ביי אונז געוועזען אָבגערעדט אַז צום ערשטען זאָל מען דעבאַטירען וועגען דעם פונקט אויב משיח איז שוין געקומען ווי די קריסטען גלויבען, און דאַן ערשט באַהאַנדלען די פראַגע וועגען זיין געטליכקייט: אַזוי אָבער ווי ביז יעצט האָסטו מיר ניט איבערצייגט אַז ער איז געקומען, ווייל איך האָב אַלע דיינע באַווייזע צו גאָר נישט געמאַכט, הייסט דאָך עס אַז ער איז ניט דער משיח, טאָ וואָס לוינט אונז צו דעבאַטירען וועגען אַ משיח וואָס דאַרף ערשט קומען אויב עס וועט זיין אַ פשוט'ער מענש אָדער עפעס אַנדערש?

די ריכטער האבען אנערקענט אז מיין טענה איז א גערעכטע.

אם ענדע פון ויכוח האט דער קעניג מיר געבעטען אז דעם קומענדען שבת זאל איך דרשה'נען אין שוהל וועגען דעם נוצרי אז ער איז דער משיח, און ער מיט אלע הויפלייט וועלען קומען אין שוהל מיר הערען ריידען.

איך האב זיך דאן אויפגעשטעלט און געזאגט: מיין קעניג'ס ווערטער זיינען פאר מיר וויכטיג און איך מוז עס אנערקענען אלס געזעץ. דאס מיינט אבער ניט אז איך מוז עס אנערקענען אלס די ריינע ווארהייט, ווייל איך האב פאזיטיווע באווייזע אז דאס איז ניט די ווארהייט. איך וויל מיט מיין קעניג זיך ניט קריגען דאריבער. מיר וואונדערט אבער ווי קען ער פארלאנגען פון מיר איך זאל גלויבען דאס וואס ער האט געזאגט, ווען ער אליין האט אויפגעטראטען פאר אונזערע אור־עלטערען האט מען איהם אפגעלייקענט און איהם אויסגעלאכט, און ער האט דאך געוויס געקענט באשטעטיגען זיינע אייגענע ווערטער אז ער איז א גאט, און ווען מען האט איהם ניט געגלויבט, ווען מען האט געקענט פערזענליך, טא ווי קענען מיר גלויבען אונזער קעניג וואס ער דערצעהלט אונז וועגען איהם, ווערענד ער אליין האט איהם ניט געזעהן נאר געהערט וואס אנדערע דערצעהלען וועגען איהם.

צום שלוס האט זיך אויפגעשטעלט פראי רמון דיפנייא פורטי (ריימאנד די פעניא פארטע) און האט גענומען ריידען וועגען דעם ענין פון די דרייאייניגקייט (טריניטי) באהויפטענדיג אז דאס מיינט די דריי זייטען פון דער געטליכקייט: חכמה, ווילען און קענען (חכמה, חפץ ויכולת), און זיך ווענדענדיג צו די אידען אין שוהל האט ער געזאגט אז איך גופא האב צוגעשטימט צו דעם רעדענדיג איבער דיזען ענין מיט פראי פול, אין גערונא.

איך האב דאן זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: אידען און

קריסטען, הערט מיך צו אויפמערקזאם. פראי פול האט מיר געפרעגט אין גערנאַ, אויב איך גלויב אין די לעהרע פון דריי־איינינקייט. אויף דעם האב איך געפרעגט: וואס מיינט א דריי־איינינקייט? מיינט עס אז דריי גרויסע מענשליכע קערפערס שטעלען צוזאמען די געטליכקייט? ניין! אדער מיינט עס אז דריי אונזיכטבארע קערפערס אזוי ווי נשמות אדער מלאכים? ניין! אדער זאל איך זאגען אז דאס מיינט א זאך וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פיער עלעמענטען? ניין! טא וואס דען איז די דרייאיינינקייט? דאס איז — האט „ברודער" פאול אויף דעם געענטפערט — חכמה, ווילען און קענען.

איך האב אויף דעם ערווידערט: איך גיב צו אז גאט איז א חכם און ניט קיין נאר, אז ער האט ווילען וואס לאזט זיך ניט בויגען, און אז ער איז אלמעכטיג און ניט קיין שוואכלינג. אבער דער אויסדרוק „דריי־איינינקייט" איז זיכער א טעות; ווארום די חכמה ביי דעם וועלט־באשאפער איז ניט בלויז א צופאל (מקרה), דען גאט און חכמה איז איינס און דאסזעלבע, גאט און זיין רצון איז איינס און דאסזעלבע, גאט און זיין אלמעכטיגקייט בלויז איינס און דאסזעלבע. מען מוז דארום אננעהמען אז חכמה, ווילען און קענען (חכמה, חפץ ויכולת) ביי די געטליכקייט איז איינס און דאסזעלבע. נאך מעהר, ווען מען זאל אפילו אננעהמען אז דיזע דריי אייגענשאפטען זיינען בלויז צופעליגע (מקרים) אין איהם, וואלט עס אונז דאן פיהרען צום באשלוס אז דאס וואס מיר רופען גאט, איז ניט דריי פארשידענע וועזענס, נאר איין וועזען מיט דיזע דריי צופעליגע אייגענשאפטען (איז הדבר שהוא אלהות שלשה, אבל הוא אחד נושא מקרים שלשה).

אונזער קעניג האט דאן גענומען דאס ווארט און גע־בראכט א משל וועלכען ער האט געלערנט פון זיינע פאר־פיהרערישע לעהרער, נעמליך: אז דער וויין האט אויך דריי פארשידענע אייגענשאפטען: קאליר, טעם און ריח, און דאך

איז עס נאר איין זאך. אבער דאס איז א פאזיטיווער טעות; ווייל דער רויטער קאליר, דער טעם און דער ריח אין וויין זיינען באזונדערע עלעמענטען וועלכע קענען עקזיסטירען יעדער פאר זיך; צום ביישפיעל, עס איז דא רויטע וויין, ווייסע וויין און וויין פון פארשידענע אנדערע קאלירען, און דאס זעלבע קען געזאגט ווערען וועגען טעם און וועגען ריח. נאכ־מעהר; דער רויטער קאליר, דער טעם און דער ריח זיינען ניט דער וויין גופא, דער וויין אלס א מאטעריאל אין זיך זעלבסט איז די זאך וואס פילט אן די פלאש. דאס מיינט אלזא, אז דער וויין איז א קערפער מיט דריי צופעליגע אייגענשאפטען וועלכע זיינען פארשידען און גאנץ אבגעזונדערט איינער פון צווייטען.

ווען מיר זאלען רעכענען נאך דיזע פאלשע טעאריע וועלען מיר זיין געצוואונגען אנשטאט א דרייאייניגקייט זאגען א פיער־אייניגקייט, ווייל מיר מוזען דאך אריינרעכענען גאט אליין אויך. פאלגליך וועלען מיר האבען: גאט, זיין חכמה, זיין ווילען, זיין קענען, אט האבען מיר פיער. אין פאקט מ׳קען געהן נאך ווייטער און רעכענען פינף, ווייל גאט לעבט דאך, און זיין לעבען איז א טייל פון איהם. פאלגליך מוז מען באשרייבען די געטליכקייט אלס א פינף פאכיגע, נעמליך; לעבען, חכמה, ווילען, קענען און געטליכקייט. יעדער איינער קען דאך אבער ארויסזעהן די נארישקייט פון דיזער טעאריע.

„ברודער״ פאול האט זיך דאן אויפגעשטעלט און געזאגט אז ער גלויבט אין אחדות הבורא וועלכע שליסט פון דעסט־וועגען איין דעם גלויבען אין א דריי־אייניגקייט. הגם דעם איינפאכען מענשען איז עס שווער צו באגרייפען, ווייל דאס איז זעהר א טיפער ענין און אפילו די מלאכים אין הימעל פארשטעהען עס ניט.

איך האב אויף דעם ערווידערט: עס איז א באוואוסטער כלל אז א מענש גלויבט ניט אין דעם וואס ער הויבט ניט אן צו וויסען. מוז מען צוליב דעם אננעהמען אז די מלאכים

גלויבען ניט אין די דריי־אייניגקייט. „ברודער״ פאול׳ס חברים האבען דאן איהם געהייסען שווייגען.

דערמיט האט זיך דער ויכוח געענדיגט און דער רמב״ן דערצעהלט אז דער קעניג האט איהם אוועקגעלאזען מיט די גרעסטע פריינדליכקייט און איהם פרעזענטירט מיט דריי הונדערט גולדען (דינרים).

די דעבאטע האט זיך געענדיגט מיט א גלענצענדען זיעג פאר׳ן רמב״ן און פאר דאס אידישע פאלק. דעם רמב״ן׳ס שטאלצע און טאקטפולע האלטונג האט, אהן צווייפעל, פיל בייגעטראגען צו דעם ערפאלגרייכען שלוס פון דיזען היסטא־רישען ויכוח. דאס האט אבער ניט צוריקגעהאלטען די דאמי־ניקאנער גלחים צו פארשפרייטען דעם קלאנג אז זיי האבען באזיגט דעם גרויסען אידישען געלעהרטען. דער רמב״ן האט זיך דאן געפונען געצוואונגען צו שרייבען א באזונדערען בוך וועגען דיזער דעבאטע און אפלייקענען דערמיט דעם פאלשען קלאנג פון די דאמיניקאנער.

די גלחים האבען דאן פארקלאגט דעם רמב״ן פאר׳ן קעניג פאר רעליגיעזע לעסטערונג. דער קעניג האט געזעצט א ספעציעלע קאמיסיאן צו אונטערזוכען די קלאגע. פאר דיזען טריבונאל האט דער רמב״ן גע׳טענה׳ט אז אין זיין בוך האט ער געשריבען בלויז דאס וואס ער האט געזאגט אויף דער עפענטליכער דעבאטע, און דאמאלסט האט דער קעניג זעלבסט איהם באוויליגט רעדע־פרייהייט.

אין קורצען: דער רמב״ן, אויפ׳ן קעניג׳ס ראט, האט פארלאזען שפאניען און אויסגעוואנדערט נאך ארץ ישראל. זייענדיג אין ארץ ישראל האט ער פארענדיגט זיין בארימטען פירוש אויף דער תורה, און האט אויך אויפגעלעבט דעם אי־דישען ישוב אין דאס הייליגע לאנד.

דער רמב״ן איז שוין געווען זיבעציג יאהר אלט ביי זיין אנקומען אין ארץ ישראל און די לעצטע דריי יאהר פון זיין לעבען זיינען געווען די וויכטיגסטע, ווייל דורך דער צייט

האט ער פארענדיגט זיינע וויכטיגסטע ווערק. עס שיינט אז די זיבען צעהנדליג יאהר וואס ער האט געלעבט אין חוץ לארץ זיינען בלויז געווען פארבערייטונגס־יאהרען פאר די דריי יאהר וואס ער האט געלעבט אין ארץ ישראל. די בריוו וואס דער רמב״ן האט געשיקט פון ארץ ישראל צו זיינע קינדער, און אין וועלכע עס שפיגעלט זיך אפ זיין צארט־פיהלענדיגע נשמה, זיינען גוט באקאנט.

# הומאר און רעליגיעזע ויכוחים

## פערטער קאפיטעל

די געצוואונגענע דעבאטעס וואס אידען האבען געמוזט אנפיהרען ניט נאר געגען זייער ווילען, נאר פילע מאל אויך געגען דעם ווילען פון דער קריסטליכער קירכע, וועלכע איז דערצו געצוואונגען געווארען דורך די מסירות און פארלוים־דונגען פון משומדים און אידישע פארעטער, האט געשטעלט די אידען אין דעם גרעסטען געפאר. וואס דער אויסגאנג פון א געצוואונגענעם ויכוח זאל ניט האבען געווען, מיט נייע גזרות און צרות אלס רעזולטאט זיינען אידען געווען זיכער. יעדען מאל ווען די אידען זיינען געגאנגען זיך פארטיידיגען געגען די מסירות פון א געוועזענעם אידען, האבען זיי גוט באגריפען זייער טרויעריגע לאגע נאר טראץ דעם האבען זיי זיך ניט פארלארען און גאנץ אפט באנוצט דעם אידישען שארפען הומאר אלס א גיפטיגע פייל געגען דעם שונא. אין א געצוואונגענער דעבאטע האט דער אטאקירער געהאט דעם פארצוג דערמיט וואס ער האט געקענט ווארפען שמוץ און־געשטערט אויף אידען און אידישקייט, ווערהענד דער איד האט ניט געטארט אין דאס מינדסטע באליידיגען קריסטענ־טום. און דאך טרעפט מען אז אוצר פון הומאר און גיפטיגע איראניע מיט וועלכע אידען האבען זיך באנוצט אין עפענט־

ליכע רעליגיעזע ויכוחים. אין אז אומגעבונג פון צער און טראגעדיע וואו די אטמאספערע האט געאטעמט פאר דעם אידען מיט מאראלישע און קערפערליכע יסורים, האט דער איד, טראץ דעם, באנוצט פונקען און שפריצען פון דעם שארפסטען הומאר און סאטירע, און א צאהל פון אזעלכע געלונגענע פונקען און שפריצען ווילען מיר דא איבערגעבען.

אין א ויכוח פאר'ן שפאנישען קעניג האבען די אידישע פארשטעהער דאן יוסף בענבענאשט און דאן שולימאן בן יעיש פון קאסטיליע, באמערקט: „איהר ווילט אז מיר זאלען אפגעבען אונזער תורה און אננעהמען אייער גלויבען, גוט, מיר וועלען זיך ניט לאזען בעטען און מיר וועלען אויספאלגען אייער וואונש. אבער אום אפצוגעבען אונזער תורה, מוזען מיר עס טאהן אונטער די זעלבע באדינגונגען ווי מיר האבען עס גענומען. די תורה האבען מיר געקראגען ביים בארג סיני, אין דער אנוועזענהייט פון זעקס הונדערט טויזענד אידען, אונטער דונערען און בליצען, אונטער פייער און פלאם און אין דער אנוועזענהייט פון דער שכינה אליין. אדרבה, זאל זיין קעניג־ליכע מאיעסטעט צוזאמען ברענגען אלע אידען אויף איין ארט אונטער די דערמאנטע באדינגונגען און ארויסרופען גאט פון הימעל און ער זאל אונז הייסען אויפגעבען זיין תורה, וועט איהר דאן אלע זעהן ווי מיר אידען וועלען דאס מיט פארגעניגען באלד טאהן.“

* * *

אין א ויכוח פאר'ן שפאנישען קעניג מאנועל האט זיין הויף־גלח זיך אויסגעדריקט, אז „מיר דארפען דאנקען די אידען וואס זיי זיינען זינדיג און הארטנעקיג, און ווילען ניט זעהן דאס ליכט פון אונזער גלויבען. זייער תורה האט זיי פארשפרא־כען אז אויב זיי וועלען זיין גוט און פרום, וועלען זיי זיין די הערשער איבער אלע פעלקער (ונתנך ה' עליון על כל גויי הארץ, דברים כ"ח), דאס מיינט, אז מיר אלע קריסטען, וואלטען דאן געווען פארשקלאפט אונטער זיי, טא זאלען זיי שוין בעסער

זיין ווי זיי זיינען, פארפיהרטע זינדיגע אידען, און אונזערע שקלאפען, אנשטאט פארקעהרט. מיר דארפען דאנקען די אי־דען וואס צוליב זייערע זינד לאזען זיי אונז אנהאלטען די הערשאפט.״

* * *

פאר׳ן שפאנישען קעניג זיינען געקומען איניגע קריס־טען און געזאגט אז זיי האבען געפונען א גע׳הרג׳עטען קריסט ביי א אידען אין הויז, און געסטראשעט אז אויב דער קעניג וועט ניט טאן וואס געגען די אידען וועט דאס פאלק מאכען אן אויפשטאנד געגען זיי.

דער קעניג האט דאן אויסגערופען: ,,געבענטשט זאל זיין דער אמת׳ער ריכטער און הערשער פון דער וועלט וועל־כער האט מיר געגעבען די מעגליכקייט אויסצוגעפינען ווער ס׳זיינען די אמת׳ע מערדער.

ער האט דאן געשיקט רופען אלע אידען און זיי גע־פרעגט: וואס האט דוד המלך געמיינט ווען ער האט געזאגט: ,,הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל״? ,,ינום״ מיינט א לייכטער דרעמעל וועהרענד ,,יישן״ מיינט א שווערער שלאף, היינט אויב גאט ,,דרעמעלט״ ניט, פארשטעהט זיך אליין אז ער ,,שלאפט״ געוויס ניט?

די אידישע פארשטעהער האבען פרובירט ערקלעהרען דעם פסוק מיט פארשידענע תירוצים. נאר דער קעניג האט זיי אונטערבראכען זאגענדיג: פאריגע נאכט האב איך ניט גע־קענט איינליגען רוהיג אויף מיין געלעגער. ס׳האט מיר ניט געלאזט שלאפען, ביז איך דערפאר אויפגעשטאנען און ארויס אין דרויסען, אזוי ווי די לבנה האט געשיינט האב איך געקענט זעהן אין דער ווייטענס ווי מענשען לויפען און איינער פון זיי האט געטראגען, ווי איך האב געקענט אויסמאכען, א מענשליכע פיגור אויף די פלייצעס. איך האב דאן געהייסען דריי הויף־וועכטער זיי זאלען נאכשפיאנירען און אויסגעפי־נען ווער איז דער גע׳הרג׳עטער וועמען זיי האבען געטראגען.

מיינע שפּיאָנען האָבען מיר נאָכהער באַריכטעט אַלע איינ־צעלהייטען וועגען דעם דאָזיגען פאַל, און אויך ווער עס זיינען געווען די מענשען וועלכע האָבען וואַרשיינליך באַגאַנגען דעם מאָרד.

שפּעטער, זיינען די זעלבע מערדער ערשינען פאַר מיר — האָט דער קעניג פאָרטגעזעצט — און אריינגעבראַכט אַ קלאַגע געגען אַ געוויסען אידען אַז מען האָט ביי איהם געפונען אַ געקוילעטען קריסט, צוליב זיין בלוט, וואָס זיי באַנוצען פאַר זייער פסח.

דיזער פאַל — האָט דער קעניג פאַרענדיגט — האָט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן דעם אמת׳ן מיין פון „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל״ — גאָט, דער היטער פון אידען, „דרעמעלט״ ניט און ער לאָזט אויך ניט די מענשען אין וועמענס הענט ס׳איז אַנפאַרטרויעט דעם אידען׳ס שיקזאַל, אַז זיי זאָלען „פאַלען שלאָפען״.

* * *

אויף אַ ויכוח פאַר׳ן פּאַבסט בענעדיקט דער 13־טער, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1413, האָט דער אַטאַקירער, גערןאָנימאָ דע סאַנטאַ פע, אַ גע׳שמד׳טער איד, געזוכט צו איבערצייגען דורך פאַרשידענע מאמרים פון תלמוד אַז משיח איז שוין געקומען.

דער אידישער פאַרשטעהער האָט איהם געענטפערט, אויב יאַ זיך באַנוצען מיט תלמודישע מאמרים, קען איך באַווייזען דורך אַן אַנדער מאמר פון דער גמרא פּונקט פאַרקערט, אַז ער איז ניט געקומען, וואָרום זיי האָבען געזאָגט „תפח רוחן של מחשבי קיצין״ (פאַרלירען דעם שכל זאָלען די יעניגע וואָס זוכען צו דערגעהן דעם קץ — די צייט פון משיח׳ס קומען).

דער פּאַבסט האָט געבעטען מען זאָל איהם דייטליכער ערקלעהרען די באַדייטונג פון דיזען מאמר, און דער אידישער פאַרשטעהער האָט געזאָגט: אַז דאָס מיינט „פאַרשאָלטען זאָל ווערען דער יעניגער וואָס וויל פאַראויס זאָגען די באַשטימטע

צייט ווען משיח וועט קומען, ווייל דערמיט ברענגט ער שאדען צו דעם פאלק, וועלכעס וועט ווערען ענטוישט און פארלירען די האפנונג, ווען די דאזיגע צייט וועט קומען און משיח וועט ניט ערשיינען״. דערהערענדיג דיזע ווערטער, איז דער פאבסט געווארען צארענדיג און האט אויסגעשריען:

„אה, איהר מיאוסע דומע אידען, פארפיהרטע פון אייער נארישען תלמוד א. אז. וו.״

דער אידישער פארשטעהער האט דעם פאבסט געענטפערט: „אויב אונזער תלמוד איז אזוי נאריש, טא וואָרום באנוצט איהר זיך מיט׳ן תלמוד אונז צו איבערצייגען אז משיח איז יא געקומען. דוכט זיך אלע ווייסען אז פון א נאר ברענגט מען קיין ראיה ניט״.

* * *

דער שפאנישער קעניג דאן פעדרא, ווי ס׳ווערט דערצעהלט אין „שבט יהודה״ געשריבען אומגעפעהר מיט 450 יאהר צוריק — האט געזאגט צו זיינעם א פריינד וועלכער האט געוואלט אז מען זאל די אידען צווינגען צום שמד:

„איך גלויב ניט אין ארויפצווינגען אויף אימיצען א רעליגיאן דורך גוואלד. צווינגען אימיצען צו א נייעם גלויבען איז פונקט ווי ווארפען א שטיין אין דער לופט, דער שטיין וועט פליהען אין דער הויך אזוי לאנג ווי דאס האט נאך אין זיך די קראפט פון דער האנט וואס האט עס געשיקט אין דער הויך, אבער קוים שעפט זיך אויס די דאזיגע קראפט וועט דער שטיין באלד פאלען אויף צוריק. דאס זעלבע איז אויך אין באצוג צו געצוואונגענער רעליגיע. קוים וועט דער געצוואונגענער ניט מעהר פיהלען אויף זיך די ברוטאלע מאכט פון דעם צווינגער און אונטערדריקער וועט ער באלד פאלען צוריק צו דעם גלויבען אין וועלכען ער איז אויסגעוואקסען.

* * *

אויף א ויכוח פאר׳ן פאבסט אין פערצעהנטען יאהרהונ־

דערט, האָט ברודער פעדראָ, א גע׳שמד׳טער איד, געפאָדערט אַז דער פּאַבסט זאָל הייסן פאַרברענען די אידישע ספרים ווייל זיי ענטהאַלטען באַליידיגונגען געגען דער קריסטליכער רעליגיע.

דער פּאַבסט האָט דאַן געהייסען פאַרמאַכען אַלע פענס־טער און עס זאָל ווערען פינסטער אין זיין פּאַלאַץ, און צו ברודער פעדראָ האָט ער געזאָגט אַז ער זאָל זעהן צי אין דרויסען שיינט די זון. ברודער פעדראָ האָט געעפענט די טיהר און באַריכטעט אז אין דרויסען איז זעהר ליכטיג.

„אזוי — האָט דער פּאַבסט געענטפערט — וועט זיין מיט די אידישע ספרים. ביי מיר אין לאַנד וועל איך די ספרים פאַרברענען, אבער וואָס פאַר אַ נוצען קען עס ברענגען ווען די דאָזיגע ספרים זיינען פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט״.

* * *

דער זעלבער ברודער פעדראָ האָט אויף דעם דאָזיגען ויכוח שרעקליך פאַרלוימדעט די אידען און געפאָדערט אז דער פּאַבסט זאָל אַנווענדען געגען זיי שווערע שטראַף־מיטלען. די אידישע דעלעגאַטען דאַן שלמה הלוי און דאַן שמואל אברבנאל האָבען דאַן אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען געוויין. ווען דער פּאַבסט האָט זיי געפרעגט ווי פּאַסט עס פאַר זיי צו וויינען, האָבען די אידען געענטפערט:

„מיר וויינען אויף אונזער ביטערען מזל וואָס מיר דאַר־פען הערען פון אונזערען א ברודער, אונזער אייגען בלוט און פלייש זאָל אונז אזוי באַשמוצען, מיט אזא אכזריות אונז בייסען און רייסען ווי די ווילדסטע חיה״.

„קומט אריבער צו אונזער רעליגיע — האָט דער משומד ברודער פעדראָ געענטפערט — און אַנשטאָט צו ווערען געבּי־סען, געריסען און געטרעטען אונטער די פיס, ווי איהר באַ־קלאָגט זיך, וועט איהר דעמאָלסט בייסען, רייסען און טרעטען אנדערע אונטער די פיס״.

„ביזטו זיכער אז דו וועסט געהן אין גן־עדן?" האבען די אידען געפרעגט דעם משומד, ברודער פעדרא.

„יא, אזוי דענק איך", האט ברודער פעדרא געענטפערט.

„אויב אזוי — האבען די אידען ערווידערט — ווילען מיר שוין בעסער זיין אין גיהנום אבי ניט צו זיין מ ט דיר צוזאמען".

* * *

דער משומד גערא‏נימא דע סאנטא־פע (דערמאנט בעפאר) האט זיך אויסגעדריקט פאר'ן פאבסט: „איך האלט זיך ביי מיין גלויבען אין קריסטענטום און בין איבערציי‏גט אז משיח איז שוין געקומען, און אויב די אידען ווילען אין דעם ניט גלויבען מוזען זיי ברענגען באווייזען, אז משיח איז נאך ניט געקומען".

די אידען האבען זיך דאן געווענדעט צו די פארזאמעלטע קארדינאלען און געזאגט „אדרבה זאגט איהר וועלכע זוכען דעם אמת, ווער דארף ברענגען באווייזען? מיר אידען האל־טען זיך ביי אונזער תורה וועלכע איז עלטער פון אייערע, און דער וואס זוכט אונז אפצורייסען פון דעם מוז ברענגען קלארע ראיות ווארום מיר זאלען דאס טאהן".

די קארדינאלען האבען געענטפערט, אז דער אידישער שטאנדפונקט איז דער ריכטיגער.

גערא‏מינא דע סאנטא־פע האט דאן אויסגערופען: „איך האב שוין דערמאנט א ציטאט פון תלמוד אז יעזוס איז דער פארשפראכענער משיח, נאר דאס איז ניט דער איינציגער מאמר פון תלמוד — איך האב נאך פילע אנדערע ציטאטען צו דערמאנען, וואס וועלען באשטעטיגען און ארויסהעלפען איינער דעם אנדערען פעסטצושטעלען דעם אמת אז משיח איז שוין געקומען".

אויף דעם האט דער פאבסט אליין באמערקט: „וועה איז דעם וועלכער איז צו שוואך צו שטעהן און מען דארף איהם אונטערשפארען ער זאל זיך קאנען האלטען אויף די פיס. דעם

וויינשטאָק מוז מען אונטערשפּאַרען, אָבער דער צעדער־בוים דאַרף ניט אַנאַנדערענס הילף נאָר פאַרקעהרט, ער מיט זיין כח שפּאַרט אונטער שוואַכערע, דאַס זעלבע איז מיט גראַנימאַ סאַנטאַ־פע, ער מוז אָנקומען צו פאַרשידענע תלמוד׳ישע ציטאַ־טען איינער זאָל ארויסהעלפען דעם צווייטען״.

* * *

אויף אַן אנדער ויכוח האָט דער אידישער פאַרשטעהער סאַרקאַסטיש באמערקט: „אויב איהר מוזט אָנקומען צו. אונ־זער תורה צו דרינגען פון איהר אייער גלויבען אין א דריי־אייניגקייט, וועלען מיר אייך פונקט אזוי גוט העלפען צו גע־פינען אין דער תורה אַן אנדייטונג אויף אַ פיער־אייניגקייט, אַ פינף־אייניגקייט און אפשר אויף נאָך מעהר״.

* * *

אין אַ ויכוח צווישען שפּאַנישען קעניג דאָן פּעדרא (1396 — 1387) און זיין אידישען הויף־דאָקטאָר, האָט דער קעניג געפרעגט:: פאַרוואָס ווילען די אידען ניט טרינקען ווין וואָס א גוי האָט אַנגעריהרט מיינט עס דערפאַר ווייל איהר באַ־טראַכט אונז פאַר שמוציגע מענשען און דער ווין ווערט דורך אונז פאַראומרייניגט ? ״

דער אידישער דאָקטאָר האָט דאַן געהייסען ברענגען וואַ־סער און געהייסען דעם קעניג וואַשען זיינע פיס. די דאָזיגע וואַסער האָט נאָכהער דער דאָקטאָר געטרונקען.

„זיין קעניגליכע מאַיעסטעט קען זיך איצט איבערצייגען, אַז די אורזאַך וואָס מיר טרינקען ניט קיין ווין פון א קריסט, איז ניט דערפאַר ווייל מיר באַטראַכטען איהם פאַר אַן אומ־ריינע באַשעפעניש. אונזערע געזעץ־געבער האָבען געזוכט אונז אָפּצוזונדערען פון אַלע אַנדערע פעלקער, און זיי האָבען אונז פאַרזאָגט ניט צו עסען אָדער טרינקען מיט אַ גוי, ווייל דאָס ברענגט צו צו־נאָהענטע באַציהונגען וואָס מוזען פיהרען פריהער אָדער שפּעטער צו אַסימילאַציע. חוץ דעם פיהלען מיר די גרעסטע אכטונג צו אונזערע קריסטליכע פריינד״.

* * *

דער זעלבער קעניג דאָן פּעדראָ האָט פאַרפיהרט אַ שמועס מיט אַ קריסטליכען געלעהרטען, ניקאָלאָס דע וואַלענסיאַ וועגען אידען און אידישקייט. צווישען אַנדערעס האָט דער לעצטער באַשולדיגט די אידען אַז זיי מאַכען שפּאַס פון דעם קעניג׳ס רעליגיע.

אויב אַזוי — האָט דער קעניג געזאָגט — זאָל מען אַריינרופען אַ אידישען געלעהרטען און איהם פרעגען וועגען דעם.

ווען דער איד, אפרים שאַנכאַי איז געקומען האָט דער קעניג איהם געשטעלט די פראַגע:

„וועלכע פון די צוויי רעליגיאָנען איז בעסער, די קריסט־ליכע אָדער דיינע?״

„מיינע איז גוט פאַר מיר — האָט דער איד געענטפערט — מיינע עלטערען זיינען געווען פאַרשקלאַפּט אין מצרים, האָט אונזער גאָט פון דאָרט אונז באַפרייט און אונז געגעבען אַ תורה צוגעפּאַסט צו אונזער פאָלק, וועהרענד פאַר דיר מעכטיגער קעניג איז קריסטענטום אַלס אַ הערשענדע רעלי־גיע בעסער צוגעפּאַסט.

קעניג: איך פרעג דיר ניט וועגען מענשען, איך וויל בלויז הערען פון דיר וועגען די רעליגיעס זעלבסט.

דער איד האָט דאַן געבעטען דריי טעג צייט צו באַ־טראַכטען די פראַגע. דריי טעג שפּעטער איז דער איד ער־שינען פאַר דעם קעניג מיט אַ פאַרכמורעטען פאַרטרויערטען פנים.

קעניג: פאַרוואָס קוקסטו אויס אַזוי טרויעריג?

איד: אונשולדיגערהייט האָט מען מיר היינט באַליידיגט און געשאָלטען און איך פאַרלאַנג אַז דו, גנעדיגער קעניג, זאָלסט זיך אַנעהמען פאַר מיר. די מעשה איז אַזוי געווען: מיט אַ מאָנאַט צוריק האָט מיינער אַ שכן פאַררייזט, און האָט איבערגעלאָזען צוויי טייערע שטיינער צו זיינע צוויי זיהן אַלס

אנדענקען. אצינד זיינען געקומען די צוויי ברידער און מיר געבעטען איך זאָל זיי זאָגען דעם ווערטה פון די שטיינער און וועלכער איז דער בעסערער. איך האב די ברידער געענטפערט — ווער ווייסט נאך בעסער פון אייער פאטער? אייער פא־טער א חוץ וואס ער איז א סוחר פון בריל אנטען, איז ער אויך א גרויסער מבין אויף אלע סארטען עדעלשטיינער, שיקט איהם רופען און ער וועט אייך שוין געבען דעם ריכטיגען ענטפער אויף אייער פראגע, וועלכע פון די צוויי שטיינער איז דער טייערער. צוליב דעם דאזיגען ענטפער האבען די ברידער מיר געזידעלט און געשאלטען.

קענ ג: זיי האבען ניט געהאנדעלט ריכטיג געגען דיר, און זיי פארדינען באשטראפט צו ווערען.

איד: זאל דער גנעדיגער קעניג הערען און באטראכטען דאס וואס עס האט אצינד ארויסגערעדט. יעקב און עשו זיינען געווען צוויי ברידער און דער הימעלשער פאטער האט געגעבען יעדען פון זיי א טייערען שטיין, א באזונדערע רעליגיאן, אצינד וויל דער קעניג איך זאל איהם זאגען וועלכע איז א בעסערע? זאל זיין קעניגליכע מאיעסטעט שיקען א שליח צום הימלישען פאטער וועלכער ווייסט בעסער ווי יעדער אנדערער דעם ווערט פון טייערע שטיינער און ער וועט שוין זאגען וועלכע איז די בעסערע פון די צוויי.

באמערקונג: דעם אידענס ענטפער צום שפאנישען קעניג איז דער גרונ־געדאנק אין לעססינג׳ס באריהמטע דראמע „נאטהאן דער ווייזע״ (נתן החכם). אין דער דאזיגער דראמע וויל לעססינג ארויסברענגען דורך דער מעשה׳לע פון די „דריי גאלדענע רינגען״ אז אידענטהום, קריסטענטהום און מאחמע־דאניזם זיינען דריי גאלדענע רינגען וואס דער הימעלשער פא־טער האט אונז געשאנקען און מיר מענשען האבען קיין רעכט ניט צו פרעגען וועלכער רינג איז דער ריכטיגער. ביז וואנען דער הימעלשער פאטער אליין וועט אונז ניט זאגען וועלכע איז ד ריכטיגע רעליגיאן, טארען מיר ניט זוכען אויסצוגעפי־נען וועמעס רעליגיאן איז א בעסערע.

לעסינג זאגט, אז די דאזיגע מעשה׳לע האט ער גענומען פון באקאצציא׳ס בוך (1310—1375) „דע־קאמעראן״. די זעלבע מעשה׳לע געפינט זיך אבער אויך אין אנדערע אלטע קוועלען, און פראפעסאר דיקהאף אין זיין ווערק וועגען „נאטהאן דער וויזע״ וויל האבען אז א שפאנישער איד אין יאהר 1100, האט געשאפען די „דריי גאלדענע רינגען״ אום ארויסצובריינגען דעם מאראל פון רעליגיעזע טאלעראנץ.

אין דעם אידענס ענטפער צום שפאנישען קעניג ווערט די דאזיגע מעשה׳לע איבערגעגעבען קורץ און שארף און איז דערפאר פיעל מעהר געלונגען.

7

# װעגן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות אין פּױלן

# בילדער פון דעם אידישען לעבען אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט

## ערשטער קאַפּיטעל

ארים איז דאָס רבנישע ליטעראַטור אין היסטאָרישע אדער ביאָגראַפישע ווערק. אונזערע אַמאָליגע געלעהרטע האָבען זיך ניט פארגונען אָפּצוגעבען זייער צייט אויף שרייבען זאַכען וואָס נאָך זייער באַגריף איז דאָס געווען קליינליכקייטען, נאַרישקייטען איבער וועלכע מען דאַרף ניט צונעהמען די צייט פון לערנען תורה. אונזערע חכמים זיינען געווען אינטערעסירט אין די פארשידענע טעגליכע לעבענס פּראָבלעמען בלויז פון דעם שטאַנדפּונקט פון הלכה — ווי ווייט דאָס געהער זיך אָן מיט דעם אידישען דין. אין יעדע לעבענספראַגע איבער וועלכע זיי האָבען געהאַט צו זאָגען האָבען זיי נאָר געזוכט די באַציהונג צו דעם פון דעם טרוקענעם געזעץ־בוך. אין דער באַהאַנדלונג פון אַזעלכע לעבענס־פראַגען האָבען זיי אַנגעווענדעט די בעסטע קרעפטען מיט וועלכע זייער תלמודישער געניוס איז געבענשט געווען און אין דעם גייסט פון תלמודישע פאָרשונג האָבען זיי דאָס פארצייכענט און איבערגעלאָזען פאַר די צוקינפטיגע דורות.

די פסיכאָלאָגישע אדער געשיכטליכע זייט פון געוויסע לעבענס פּראָבלעמען האָט זייער תלמודיש־אויסגעשליפענער גייסט ניט באַמערקט. צופיל איז זייער נשמה געווען אריינ־

געצויגען אין די ספערען פון תורה אדער קבלה אז זיי זאלען באמערקען די פראזאאישע זייט פון א געוויסע לעבענס ער־שיינונג. מיט דעם רעזולטאט אז דער אידישער פאלקס לעבען פון יענע יאהרען איז פארצויגען מיט א נעבעל פון טרוקענע הלכה פארשונגען. דער לעבען פון דער אידישער מאסע לויט ווי דאס ווערט באהאנדעלט אין דער הלכה ליטעראטור איז געבליבען אין הינטערגרונד צוליב די טיפע פלפולים אונטער וועלכע דער פאקט אליין איז בא־זייטיגט געווארען. די פילע גייסטיגע האאר־שפאלטענדע סברות און קונציגע דרעדלאך וואס זיינען באשאפען געווארען אין דער תלמודישער פעכטער שולע — ווי היינע דריקט זיך אויס — האבען פארטונקעלט די לעבענס־פאקטען ארום וועלכע די דא־זיגע גייסטיגע רייבונגען זיינען פארגעקומען. שליסליך, האבען מיר איבערגענומען פון אונזערע עלטערען א ריזיג גרויסע קולטור ירושה פון פלפול׳יגע אבהאנדלונגען וועגען געוויסע פאסירונגען, אבער זעהר ווייניג וועגען די געזעלשאפטליכע אדער פאליטישע באדינגונגען וואס האבען ארויסגערופען די דאזיגע פאסירונגען.

זעהר ווייניג, כמעט ווי גארניט, האבען מיר ווערק וואס זאלען אונז דערצעהלען וועגען דעם טאג־טעגליכען לעבען פון די פארגאנגענע דורות אין זעכצעהנטען אדער זיבענצעהנ־טען יאהרהונדערט. די פאאר ווערק וואס באהאנדלען דעם פראזאאישען לעבען קען מען אויסצעהלען אויף די פינגער, און דאס זיינען דער „צמח דוד״, „יון מצולה״ און אפשר נאך עטליכע, צווישען וועלכען מ׳קען אריינרעכענען דעם „עמק הבכה״ פון ר׳ יוסף הכהן.

דא איז ניט דער פלאץ פאר קריטישע רעצענזיעס, אבער דאך איז ווערט צו דערמאנען אז דער „יון מצולה״ איז דאס וויכטיגסטע היסטארישע ווערק פון זיבענצעהנטען יאהרהונ־דערט. דער מחבר ר׳ נתן נטע האנאווער, האט בייגעוואוינט די טרויעריגע פאסירונגען פון די פאגראם יאהרען אין ת״ח

ות״ט. און זיין באשרייבונג, קורץ ווי זי איז, איז אנערקענט אלס א מוסטער פון קלאהרקייט און דייטליכקייט. מיט׳ן „יון מצולה״ האבען זיך באנוצט אלע אידישע און ניט־אידי־שע מאדערנע היסטאריקער וואס האבען באהאנדעלט יענע עפאכע, און דאך זאגט דער מחבר פון „יון מצולה״ אז ער האט זיין ווערק ארויסגעגעבען בלויז מיט דעם איינציגען צוועק צו שאפען דורך דעם געלד ארויסצוגעבען זיין מעהר וויכטיגען ספר אויף דרוש.

דער גרויסער גאון און פארשער יעקב עמדען, זוכט אין א לענגערע אבהאנדלונג צו ערקלעהרען וועלכע היסטארישע אידישע ספרים מ׳מעג לעזען אום שבת. מיט א טיפע ערנסט־קייט באהאנדעלט ער אין זיין ספר „מור וקציעה״ אויפ׳ן „טור אורח חיים״ די דאזיגע פראגע, און ער רעכענט אויס וועלכע ווערק פון דיזען קלאס מען מעג יא לעזען און וועלכע ניט.

ר׳ יוסף קארו פארבאט אין גאנצען זיך אבצוגעבען מיט אזעלכע ספרים, ניט אזוי שבת נאר א גאנצע וואך אויך ניט. וועהרענד דער קריטיש־געזאנענער ר׳ משה איסערלעס (רמ״א) האט עס יא ערלויבט און פלעגט אליין אויך זיך אפגעבען מיט היסטארישע וויסענשאפט. נאכמעהר, ער האט ערמוטיגט זיין תלמיד, ר׳ דוד גאנז, צו שרייבען זיין בארימטען היסטא־רישען בוך, דעם „צמח דוד״.

ווען צונץ איז שוין בארימט געווארען מיט זיינע פאר־שונגען אויפ׳ן געביט פון אידישע וויסענשאפט, פלעגט אויף איהם זאגען דער בערלינער רב עטלינגער: „אויב איהר ווילט וויסען וואס פאר א טאבאק רש״י האט געשמעקט, פרעגט צונץ׳ען, ווען איהר ווילט אבער וויסען וואס רש״י האט געזאגט, פרעגט מיך״.

* * *

אויב מיר האבען ניט גע׳ירשנ׳ט א היסטארישע ליטע־ראטור פון אונזערע פאריגע דורות, האבען מיר אבער אן

אונערשעפּליכען אוצר פון היסטאָרישע וויסענשאַפט אין אונ־זערע שאלות ותשובות ליטעראַטור. די שאלות ותשובות ספרים זיינען אַ קוואַל פון נאָך אונערפאָרשטער אידישער לעבענס־געשיכטע. זיי שטעלען פאַר אויף אַן אינדירעקטען אופן דעם אידישען לעבען אין זיינע פאַרשידענע קאָלירען.

איינער פון די דאָזיגע ספרים איז דער שאלות ותשובות „מהר"ם מלובלין". כמעט יעדע פון די הונדערט און פערציג שאלות, וואָס ווערען באַהאַנדעלט פון אַ הלכה שטאַנדפּונקט אין דיזען ספר, איז אַ קאַפּיטעל אידישע געשיכטע, אַ שטיק אידיש לעבען.

ר' מאיר מלובלין איז געבוירען געוואָרען אין שי"ח (1558). נאָך אַלס אינגעל איז ער אָנגעקומען אַלס תלמיד אין דער גרויסער קראָקויער ישיבה, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם גרויסען גאון און שטאָטישען רב ר' יצחק שאַפּירא. ר' מאיר האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט מיט זיין לערנען אויף אַזוי פיל, אַז דער ראש ישיבה, דער דערמאָנטער ר' יצחק שאַפּירא האָט איהם צוגענומען אַלס איידים פאַר זיין אַן אייניקעל. ר' מאיר האָט זעהר שטאַלצירט מיט זיין שווער, און אין די מעהרסטע פון זיינע תשובות שרייבט ער זיך אונ־טער „חתן המלך, הגאון מהרי"ץ ז"ל" (דער איידים פון קעניג פון תורה, הגאון ר' יצחק ז"ל).

צו פיער און צוואַנציג יאָהר איז ער אָנגעקומען אַלס ראש ישיבה אין לובלין. שפּעטער מיט פינף יאָהר האָט ער איבערגענומען זיין שווער'ס פּלאַץ אין קראָקא. אין יאָהר שנ"ה (1595) איז ער געוואָרען הויפּט רב אין לבוב (לעמבערג). צוליב א מחלוקה האָט ער פאַרלאָזען לבוב און אין יאָהר שע"ג (1613) איז ער ווידער געקומען אין זיין געבורטס־שטאָט לובלין און איבערגענומען די רבנות. דריי יאָהר שפּעטער איז ער געשטאָרבען (1616). זיין נאָמען און אָנדענקען לעבען אָבער נאָך היינט. נאָך היינט ווייזט מען אין לובלין דעם מהר"ם'ס שוהל.

דער אויבענדערמאַנטער „יון מצולה" דערצעהלט געגוי וואס דער אמת פון „ראש ישיבה" האט צו יענער צייט גע־מיינט. דער ראש ישיבה איז געשטאַנען פיעל העכער ווי דער שטאַדטישער רב אין וויכטיגקייט. צו זיין א ראש ישיבה איז געווען דאס העכסטע אויסצייכנונג אין דעם אידישער לעבען אין פוילען. שבת האט קיינער נישט געטארט פאר־לאזען די שוהל בעפאר דעם ראש ישיבה מיט זיינע תלמידים. עס איז ניט איבערטריבען צו זאגען, אז דער גאַנצער גייס־טיגער לעבען פון דאס פוילישע אידענטום צו יענער צייט האט זיך קאַנצענטרירט ארום די ישיבות. אלס ביישפיל קען דינען דער פאַקט, אז דער גרויסער גאון ר' שמואל אליעזר הלוי, באַקאַנט אלס דער „מהרש"א, האט זיך גערופען ר' „שמואל אידלש" אויף זיין שוויגער'ס נאמען. זיין שוויגער „אידל" איז געווען א רייכע פרוי און האט מיט איהר געלט אויסגעהאלטען איהר איידעם'ס גרויסע ישיבה אין פויזען פאר א צייט פון צוואַנציג יאהר. אלס אנערקענונג האט ער זיך גערופען אויף איהר נאמען ר' „שמואל אידלש".

וויסענדיג דעם דאזיגען צושטאַנד איז לייכט צו פאר־שטעהן ווארום דער מהר"ם מלובלין דערמאַנט אפט אין זיינע שאלות ותשובות זיין ישיבה מיט זיינע ישיבה לייט.

פון זיינע כתבים זעהט מען, אז ער איז געווען מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען זיין ישיבה. מעהרערע מאל דריקט ער זיך אויס, אז „זיין צייט איז פארנומען מיט שאפען מאטעריעלע און גייסטיגע נאהרונג פאר זיינע תלמידים"; אדער: „איך טראג אויף זיך דעם שווערען יאך פון צופרידענ־שטעלען מיינע ישיבה־קינדער מיט תורה", א. אז. וו.

גליקליך איז דער גרויסער מהר"ם געווען ווען זיינער א תלמיד האט זיך ארויסגעוויזען ערפאלגרייך אין לערנען. אזוי דריקט ער זיך אויס אין איינע פון זיינע תשובות צו זיינעם א תלמיד: „מיין טייערער תלמיד נתן, דיינע ווערטער מיט דיין שאלה זיינען מיר אנגעקומען און איך האב זיך געפרעהט

ווי מיט דעם גרעסטען פארמעגען צו זעהן ווי דיין קלאהרער שכל שטייגט העכער אין פארשטאנד, און די ריינקייט פון דיין פארשטאנד ווענדעט זיך צום ריכטיגען ציל״, א. אז. וו.

דער מהר״ם איז געווען א מענש פון פעסטע פרינציפען און האט פעסט געגלויבט אין זיינע מיינונגען. ער האט געהאט דעם קוראזש פון זיינע איבערצייגונגען און האט עס ארויסגעזאגט עפענטליך, ניט אכטענדיג צי וועט עס איהם ברענגען אין קאנפליקט מיט די אנערקענטע הלכה אויטאריטעטען. זעהר אפט דריקט ער זיך אויס: „אזוי ווי איך האב געזאגט איז אמת אהן דעם קלענסטען ספק״; „מען קען ניט אוועקגעהן פון דאס וואס איך האב געשריבען״; „מען קען ניט ערקלעהרען אנדערש ווי איך האב געזאגט״, און אנדערע עהנליכע אויסדריקען.

גלויבענדיג פעסט אין זיך, האט ער זיך ניט אפגעשראקען פון קריטיקירען די בעלי תוספות און אויפווייזען זייערע פעהלערען. ער האט זיך אויך שארף אויסגעדריקט געגען רא״ש ווען ער האט געדענקט, אז דער לעצטער האט א טעות געמאכט.

איינער א ר׳ יוסף אשכנזי אין ווירמיישא (ווארמס) האט געהאט אטאקירט דעם מהר״ם פאר זיינעם א פסק דין. דער מהר״ם ווען ער האט דאס דערהערט, האט ער זיין פסק דין צוגעשיקט צו די גרעסטע רבנים פון זיין צייט אין פוילען, ליטא און רוסלאנד, צווישען וועלכע עס זיינען געווען ר׳ מרדכי יפה פון פאזען, ר׳ משה איסערלעש פון קראקא. ר׳ ליב פון בריסק און גאנץ ליטא. און ר׳ יוסף פון לבוב און גאנץ פאדאליען. דיזע אלע האבען באשטעטיגט זיין אורטייל. ווענען זיין קריטיקער ר׳ יוסף אשכנזי דריקט ער זיך אויס: „מיינע תלמידים זיינען היינט אלע ראשי ישיבות און מורי הוראה צווישען אידען. די דאזיגע נידעריגע בריאה קען זיך ניט פארגלייכען אפילו מיט׳ן קלענסטען פון זייערע תלמידים. לאנג צוריק האב איך געדענקט עפענטליך אויפצודעקען זיין

שאַנדע און ארונטערגעריסענע פון איהם די מאַסקע אין דער היגער גרויסער לובלינער שוהל ווען עס וועט פאַרקומען די פאַרזאַמלונג פון אַלע ראשי ישיבות און די מנהיגים פון אַלע לענדער אין צייט פון יאַריד. איך האָב אָבער געענדערט מיין מיינונג וועגען טאָהן אַזאַ זאַך אונטער אַזאַ גרויסער פאַר־זאַמלונג, ווייל פאַר אַזאַ מענשען ווי ער, וועט עס צופיעל כבוד זיין אַז אזעלכער ווי איך זאָל זיך אָפּגעבען מיט איהם".

# מוסרים און משומדים

## צווייטער קאַפּיטעל

אַ מערקווירדיגער פאַקט שטעלט זיך ארויס פון צוויי תשובות, וואָס באַהאַנדלען די שמד־פראַגע פון יענער צייט. די ערשטע תשובה איז אַן ענטפער אויף אַן אַנפראַגע פון דער אידישער קהלה אין אָפּטאָ. צווישען אַנדערעס זאָגט דער מהר"ם מלובלין: „וואָס איהר האָט מיר געפרעגט וועגען אַ אינגעל, וואָס איז געפאַנגען געוואָרען ביי די גויים, וואָס באַ־שולדיגען איהם, אַז מען האָט איהם געכאַפּט מיט אַ זונה און מען וויל איהם פאַראורטיילען צום טויט אָדער צו געצוואונ־גענעם שמד, חס ושלום, אויב דער קהל איז מחויב איהם צו באַפרייען ווי די מצוה פון פדיון שבוים פאָדערט, אָדער ער קומט אונטער דער קאַטעגאָריע פון מומרים, וועלכע מען איז ניט געצוואונגען זיי אויסצולייזען? און אויב איהם יאָ אויס־לייזען, מעג די סומע אויסלייז זיין גרעסער ווי ער איז אליין ווערט?"

דער מהר"ם לאָזט זיך דאַן אַוועק אין אַ לאַנגער אָפּ־האַנדלונג וואו ער זוכט צו באַלייכטען דיזע פראַגע פון פאַר־שידענע תלמודישע קוועלען. מעהרערע ציטאַטען פון תלמוד און הלכה זוכט ער אויסצוטייטשען אין איינקלאַנג מיט דיזער פאַ־

סירונג. ער דערמאַנט אויך אַ פאַל, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט ר׳ אברהם אבן עזרא׳ס פרוי און מיט זיינס אַן אייניקעל. די לעצטע צוויי זיינען געפאַנגען געוואָרען ביי אַ געוויסען סולטאַן, וואָס האָט זיי געוואָלט טויטען, אָדער צווינגען צום שמד דאָס אייניקעל, ווען אַ געוויסער ר׳ דוד האָט זיי אויס־געלייזט פאַר אַ טויזענד גולדען. דער אבן עזרא האָט נאָכער ניט געוואָלט באַצאָלען די דאָזיגע סומע, זאָגענדיג, אַז דאָס איז צו הויך (יותר מכדי דמיהם).

די דאָזיגע פאַסירונג נעמט דער מהר״ם אַרויס פון אַ ספר שאלות ותשובות ביי רבינו יעקב ווייל. ר׳ יעקב ווייל איז געווען אַ תלמיד פון מהרי״ל און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1456. ער איז געווען רב אין ערפורט. די אידישע וועלט האָט איהם אין זיין צייט אַנערקענט אַלס גרויסע אויטאָריטעט און זיין ספר שאלות ותשובות האָט צוגעצויגען גרויס אויפ־מערקזאַמקייט.

מערקווירדיג, אַז קיינער פון אבן עזרא׳ס היסטאָריקער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף דיזען אינצידענט, אמווייניגס־טענס די יעניגע היסטאָריקער, וועלכע זיינען באַקאַנט צום שרייבער פון דיזע צייל‎ען. די מעשה מיט דעם אבן עזרא׳ס פרוי און אייניקעל איז אַלזאָ זאָנדערבאַר דערמיט אליין, וואָס נאָך מיט פינף הונדערט יאָהר צוריק איז עס באַהאַנדעלט געוואָרען ביי אַ דאַמאַלסדיגען מחבר, ווערענד די שפּעטער־דיגע מחברים דערמאַנען דאָס גאָר ניט. אָדער זאָל עס האָבען געווען אַ גאַנץ אַנדער אברהם אבן עזרא און ניט דער היסטאָ־ריש־באַרימטער. יעדענפאַלס דער מהר״ם באַהאַנדעלט ברייט די פראַגע פון דעם אַפּטאַ׳ער אינגעל, ווען מען וויל פאַר־אורטיילען צום טויט אָדער צום שמד, צוליב דעם וואָס מען האָט איהם געכאַפּט מיט אַ פּראָסטיטוטקע.

נאָר נאָך אַ לאַנגער שקלא וטריא האָט דער גרויסער מהר״ם דאָך ניט געקענט קומען צו אַ באַשטימטען באַשלוס, און ער זאָגט: „אויב איהר וועט זיך ראַטעווען פון זיין האַנט

וועט זיין כעס נאך מעהר ברענען אויף אייך, פונקט ווי א לייב אדער א וואלף, ווען זייער קרבן באפרייט זיך פון זייערע נעגעל. און אויב, חס ושלום, דער אינגעל וועט קומען צום שמד, וועט ער אויך זיין איינער פון אייערע אונטערדריקער, וועלכער וועט אויסטראכטען נייע בלבולים מיט פרישע פאר־לוימדונגען און ווער ווייסט וואו דאס קען אייך פארפיהרען, דערפאר, מיינע ליבע, זאג איך אייך, חכמים און פארשטענדיגע ווי איהר זייט באטראכט אליין די זאך מיט אייער קלארען שכל און געפינט אויס דעם בעסטען וועג, נעמענדיג אין אנבא־טראכט די אומשטענדען אין באצוג צו צייט, די באציהונג פון דער רעגירונג, און זעהט וואס איהר האט צו טאן. מיט דער ברכה פון גאט, אז ער זאל אויסהיטען זיין פאלק פון צרות, פארבלייב איך אייער ליבענדער מאיר״.

די דאזיגע ווערטער רעדען פאר זיך. זיי דערצעהלען אונז קלאר די באציהונג פון אמאליגע אידען צו משומדים און מוסרים. דער פאקט איז, אז א משומד אדער מוסר איז אנער־קענט געווארען אלס געפאר פאר דער אידישער עקזיסטענץ, און די אידישע באפעלקערונג אין זעלבסטפארטיידיגונג האט אנגענומען שטארקע מיטלען אויסצוראטען די מוסרים פון אידישען לאגער. א מוסר האט ניט פארדינט קיין סימפאטיע און קיין שטראף איז ניט געווען צו גרויס פאר איהם. האט ווער באגאנגען א מסירה, צוליב וועלכער דער קהל האט געליטען, איז ער באשטראפט געווארען אלס אזעלכער, וואס קומט אונטער דער קאטעגאריע פון „הבא להרגך השכם והרגו!״ דאס ערקלערט ווארום אידען האבען זיך אזוי געשראקען טא־מער געהט איבער א פארברעכער צו קריסטענטום — ווייל דאס האט געמיינט צו קריגען נאך א מוסר.

גלייכצייטיג ווייזט עס אויף די פאליטישע און אדמי־ניסטראטיווע פארהעלטניסע אין פוילען. ענטוועדער א טויט־שטראף, אדער זיך שמד׳ען, אלס שטראף פאר א פארברעכען געגען מאראל! דיזע שאלה ותשובה פון מהר״ם (ט״ו) האט

אונז געגעבען אַ קלאָרע בילד פון פוילען אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט.

* * *

צו אַן ענגליכען שלוס קומט מען באַקאַנט ווערענדיג מיט דעם אינהאַלט פון שאלה ותשובה סימן קל״ח.

אין דיזער תשובה ווערט גערעדט וועגען אַ אידישען מערדער, וואס איז באַגאַנגען אַ שרעקליכען צווייפאַכיגען מאָרד, און דער מהר״ם זאָגט וועגען דעם:

„אַצינד, מיינע ליבענדע, וועגען דער שענדליכער מעשה, וואס איהר דערמאַנט אין אייער אַנפראַגע. בין איך דאָך פון וויימענס, וועהרענד איהר זענט נאָהענט גענוג צו וועגען אין אייער קלאָרען שכל די נויטווענדיגקייט ווי צו האַנדלען נאָך די אומשטענדען פון דער צייט. דער פאַרברעכער איז אין גע־פאַנגענשאַפט צווישען די גויים, און זיין טאַט איז באַקאַנט איבעראַל און טאַמער וועלען איהם די גויים לאָזען לעבען, וועט עס ברענגען צו אַ גרויסען חלול השם. דאס וועט אויך ברענגען דערצו, אז די גויים זאָלען באַטראַכטען אַלס ביליג אידיש בלוט, חס וחלילה. און וואס דו זאָגסט אין דיין שרייבען וועגען אָפּשניידען גלידער פון זיין קערפּער, קען דאָך זיין אַז דאס וועט נאָך פיהרען צו אַ גרעסערען אומגליק, צו שמד, און ער וועט ווערען אַ שטעכענדער דאָרן גלייך מיט אַלע שונאי ישראל. אַזאַ זאַך האָט שוין אַמאָל פּאַסירט אין מיין יוגענט אין דער צייט פון דעם גאון ר׳ שכנא (לובלינער רב און ראש ישיבה). עס איז דאַן געווען אַ „איש בליעל ורוע מעללים״ — אין די ווערטער פון מהר״ם — אין אַנדערע ווערטער, אַ פאַר־רעטער און מוסר, און דער גאון האָט ערלויבט איהם אויסצו־שטעכען די אויגען און איהם אָפּשניידען דעם צונג. נאָכער ווי מען האָט דאס געטאָן צו איהם האָט ער זיך ג׳שמד׳ט און געהייראַט אַ קריסטין פון וועלכער ער האָט געהאַט קינדער. ער מיט זיינע קינדער זיינען געבליבען אידישע שונאים זייער גאַנצען לעבען. מיין עצה איז דאָרום, אַז איהר זאָלט לאָזען די

גויים טאָן זייער משפט. זאָלען זיי איהם אַפּראַמען פון דער וועלט און זאָלען די אידען אין דעם קיין האַנט ניט האָבען. יעדענפאַלס, איהר האַנדעלט נאָך אייער פאַרשטאַנד א. אז. וו.״

ווי שוין געזאָגט, דער מוסר איז באַטראַכט געוואָרען אַלס שרעקליכער ווי אַ מערדער. דער פאַרפאָלגטער געטאָ־איד האָט פאַר׳ן מוסר מעהר געציטערט ווי פאַר׳ן בלוטיגסטען מער־דער. דער לעצטער האָט געמאָרדעט דעם יחיד, וועהרענד דער מוסר האָט געשטעלט אין געפאַר דעם לעבען פון גאַנצע אידישע קהלות. דערפאַר האָט מען דעם מוסר פאַראורטיילט צו די שרעקליכסטע יסורים, ווי אויסשטעכען די אויגען, אָפּשניידען דעם צונג אָדער די אויערען. א פאַקט, אין פּאָזען האָט מען נאָך צים ענדע פון אַכצענטען יאָהרהונדערט פאַראורטיילט צום טויט אַ געוויסען מוסר.

די מורא פאַר מוסרים און משומדים האָט געפירט דער־צו, אַז די רבנים און אידישע פיהרער האָבען מאַנכעס מאָל געצעגערט אין דער אויספיהרונג פון אַ געוויסען אורטייל, טאָמער וועט עס פיהרען צו שמד. די דערמאַנטע צוויי תשובות גיבען אונז א בילד פון דעם מערקווירדיגען פסיכאָלאָ־גישען צושטאַנד פון דאָס פוילישע אידענטום אין זעכצענטע יאָרהונדערט.

* * *

צום שלוס איז ווערט צו דערמאָנען נאָך אַ תשובה (כ״ד) וואָס גיט אונז אַ באַגריף וועגען דער סאָציאַלער גערעכטיג־קייט, וואָס האָט געהערשט אין פוילען צו יענער צייט.

אין דער תשובה האַנדעלט זיך וועגען א גט, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבען אַ איד, וואָס איז געזעסען אין תפיסה צוליב אַ גנבה. איין בוכשטאַב אין גט איז ניט געווען געשריבען ווי עס פאָדערט דער דין. און דער מהר״ם האָט געהייסען וואַרטען מיט דעם גט טאָמער וועט מען דעם מאַן פאַראורטיי־לען צום טויט, וועט די פרוי בלייבען אַן אלמנה און וועט ניט דאַרפען אָנקומען צו גט.

טויט אורטייל פאר גנבה האט נאך עקזיסטירט אין דער מעהר פארגעשריטענער ענגלאנד מיט א הונדערט יאהר צוריק. קיין וואונדער ניט, אז דערזעלבער בארבארישער געזעץ האט עקזיסטירט אויך אין אנדערע לענדער.

# א אידישער קאזאק

## דריטער ארטיקעל.

א אידישער קאזאק!

שאלה קל״ז באהאנדעלט די פראגע וועגען אן עגונה ווענעס מאן איז גע׳הרג׳עט געווארען אין מלחמה. דער מהר״ם ווי זיין שטייגער איז, ווייזט ארויס טיפע געלעהרזאמקייט אויפ׳ן געביט פון הלכה באהאנדלענדיג דיזע פראגע. פארביי־געהענדיג אבער, ערפאהרען מיר וועגען א מערקווירדיגען טיפ פון א אידען, וועלכער איז געוועזען א סאלדאט אין א רעגי־מענט קאזאקען. דער דאזיגער איד וועמענס נאמען איז געווען „ברכה״ איז געווען דער בעסטער רייטער צווישען די קאזא־קען, און די לעצטע האבען אויף איהם עדות געזאגט אז ער פלעגט „שפרינגען אויף דריי פערד״. זיינע קאמעראדען די קאזאקען האבען ביטער געוויינט אויף זיין טויט.

די מלחמה וועגען וועלכע עס ווערט גערעדט איז דאן פארגעקומען צווישען פוילען און רוסלאנד, אדער ווי דער מהר״ם רופט זיי די „מאסקאוויטער״. אין יאהר 1610 האט פוילען מלחמה געהאלטען מיט רוסלאנד און די קאזאקען זיינען געווען אונטער פוילענס הערשאפט. ווען דער איד „ברכה״ האט געקעמפט מיט זיינע קאזאקען נעבען מאסקווע איז ער גע׳הרג׳עט געווארען און די קאזאקען האבען פארברענט זיין קערפער. אויף מארגען האבען די פאליאקען צוזאמען מיט די קאזאקען אטאקירט די רוסען און האבען צוריק גענומען זיין

פערד מיט זיין העלמעט. עס איז דאן געקומען צו א קריג צווישען די קאזאקען וועגען ברכה׳ס איבערגעבליבענע זאכען, און עס איז געבליבען אז דער „שר עשרה״ (דעסיאטקי) זאל עס באקומען.

„ברכה דער קאזאק״ איז געוועזן דער זוהן פון דעם קדוש (מארטירער) ר׳ אהרן פון טישאוויטץ, און דער מהר״ם ווי אויך דער ב״ח—ר׳ יואל סירקעס — דערמאהנען איהם און דערצעהלען וועגען זיינע העלדענטאטען צוליב וועלכע די קאזאקען האבען איהם באטראכט אלס העלד, אלס פלינקער און געוואגטער רייטער האט ער מעהרערע מאל געזוכט צו ברעכען דעם שונא׳ס ליניע ביז ער איז ענדליך געפאלען פון א קויל.

דיזע פאקטען זיינען ארויסגעבראכט געווארען פון מעהרערע קאזאקען, און אידען וועלכע האבען עדות געזאגט וועגען זיין טויט אום צו באפרייען זיין ווייב פון עגונה׳שאפט.

דער מהר״ם גיט איבער די צייגניסע פון די פארשידענע עדות אין זייער אריגינעלען לשון, די אידיש פון יענער פעריאדע איז העכסט כאראקטעריסטיש, און אינטערעסאנט פון א היסטארישען שטאנדפונקט.

„עדות שהעיד כמר משה בר׳ יעקב וזה לשונו״ — הויבט אן דער מהר״ם — „אזו דאבין כמה פעמים כמה קאז׳קין זיי גאט גיקלאגט דו דער ריצר דער יהודי ברכה אזוי שייצליך אוועק גקומן איז מן האט אים מיט דען קארדעס צו הקט אונ׳ צו שטאכן״.

ווייטער זאגט דער מהר״ם אז דער זעלבער עדות האט באהויפטעט אז ער אליין האט געזעהן ווי דער זעלבער „ברכה״ איז געוועזן דער ערשטער אנצוהויבען די מלחמה, און דא גיט ווידער דער מהר״ם דעם עדות׳ס אריגינעלע ווערטער:

„דא איז ארויש גישפרונגן אויז אונזרס חיל איין יהודי דער האט געהיישין ברכה בן הקדש ר׳ אהרן מטי׳שאוויץ איך האב אין וואול גיקענט אוד זיין פאטער דער יהודי ברכה הנ״ל

האט גידינט צווישן זי אין דען חיל אויף ב׳ סוסים דא איז ער געשפרונגען אויף זיין סוס וכו׳ ב׳ ג׳ פעמים כסדר המלחמה וכו׳.״

אויף דיזע עדות און אויף נאך א קאזאק, וועלכער האט דערצעהלט ווי מען האט פארברענט זיין קערפער און ווי דער קאזאק „מולפקי״ האט גע׳ירש׳ענט זיינע זאכען, האט דער מהר״ם ערלויבט זיין אלמנה צו הייראטען א צווייטען.

* * *

נאך א שאלה (קכ״ח) באהאנדעלט אן עגונה־פראגע, א פרוי וועמענס מאן איז דער׳הרג׳עט געווארען אין דיזעלבע מלחמה האט געזוכט זיך צו באפרייען פון עגנה׳שאפט, נאר ווערהענד דער פאריגער הרוג איז געפאלען אין שלאכט אלס סאלדאט, איז דער לעצטער געפאלען אלס קרבן פון פראפי־טירונג.

אין באצוג צו דיזען פאל זאגט דער מהר״ם: „איך בין געבעטען געווארען צו זאגען א מיינונג וועגען דער ווייב פון ר׳ דניאל דער זוהן פון דעם „קדוש״ ר׳ יואל פון שדה לבן (ביעלא צערקאוו) וועלכער איז אוועק נאך מאסקווע אין דער צייט פון מלחמה. ווען אונזער מלך יר״ה מיט זיינע חייל האבען באלאגערט דיזע שטאדט, מיט׳ן חיל זיינען מיטגע־גאנגען פילע אידען וואס האבען מיטגעפירט יין שרף מיט אנדערע סחורות צו פארקויפען צווישען די סאלדאטען, דער דאזיגער ר׳ דניאל איז אוועק מיט צוויי וועגען יין שרף און מיט אנדערע סחורות און האט זיך שוין מעהר ניט אומגע־קעהרט צוריק. דען עס האט זיך פארשפרייט א קלאנג אז ער איז גע׳הרג׳עט געווארען. ר׳ דניאל האט געהאט אויף זיך א סימן נאך וועלכען ס׳איז געווען לייכט איהם צו דערקענען, ווייל ער האט געהאט א קרומע האלז און ווען ער פלעגט געהן איז זיין האלז געלעגען אויף זיין פלייצע״.

פון די עדות ווייזט זיך ארויס אז דאס פוילישע מיליטער האט זיך געהאט צוריק געצויגען און ר׳ דניאל מיט זיינע צוויי

וועגען סחורה איז געווען פון די לעצטע ביי׳ם צוריקצוג. די רוסען האבען איהם געכאפט און איהם ערמארדעט. קאנפיס־קירענדיג דערביי זיין סחורה.

איינער פון די אידישע עדות גיט איבער, אין זיין ארי־גינעלען לשון „כמה שעות דער נאך זיין קומן (זיינען געקו־מען) כמה עכו״ם אונ׳ האבן גזאגט לפי תומן עש הוט זיא נימנץ גפרעגט וויא וויא מאסקוויט׳ר האבן פיל סוחרים אום גבראכט די דא האבן פלעגן מיט אונזרם פאלק צו גין אונ׳ האבן גזאגט וויא אונטר די סוחרים ווער געוועזן איין יהודי מיט איינם וואגן יין שרף איין קרומן הלז האט דער יהודי גהאט״.

נאך צוויי אידישע עדות האבען באשטעטיגט אז: „ער איז אום קומן״ א. אז. וו.

שפעטער האט א „פריץ״ געזאגט צו עטליכע אידען: „איהר יהודים שלעפט אייך ניט אום אין דער מאסקוו׳א דארטען ביי דער סטאליצ׳א (א שטאדט נעבען וועלכע די מלחמה איז פארגעקומען) איז איין יהודי אום קומען ער האט שטיוולן אום גטראגען אונ׳ האט גהאט איין קרומ׳ן הלז״.

די דאזיגע שאלה ותשובה טראגט דעם דאטום פון פ׳ ויגש, שע״ג (1613). אויף דעם סמך פון די דערמאנטע עדות האט דער מהר״ם ערלויבט די אלמנה צו הייראטען א צווייטען.

* * *

נאך א שאלה וועגען אן עגונה ווערט באהאנדעלט אין שאלה ז׳. דער הרוג איז געווען איינער א יהודה בן כתריאל א ברודער פון נתן קערפל. וועגען זיין טויט האט עדות געזאגט ראובן בן שמואל אין די פאלגענדע ווערטער: „עש איז נוא ג׳ שנים אויף דעם מכס צו יורבר׳ג האב איך אימר דארן גי־הערט מן כמה עכו״ם לפי תומם דז דער פאוויל האט הורג גי־וועזין כמר יודא, אונ׳ם זיין אייגנר איידם האט מיר גיזאגט כמה פעמים דז פאוויל האט דען כמר יודא הורג גיוועזן אונ׳

צו יורבר׳ג איז דאש גאַנץ מקום פול דז פאוויל האט הורג גי־ווען כמר יודא׳׳.

אַנאַנדער עדות האט געזאגט אין באצוג צו דעם: ,,דז יענדרזי׳ ליסבסקי׳ האָט לפי תומו גיזאגט וויא יעדער רוצח האט אים גיזאגט דז ער האט הורג גיוועזין׳׳ א. ז. וו. ,,אונ׳ דער עכו׳׳ם יענדרזי הנ׳׳ל האט מעצמו גיזאגט מיר דיא דברים׳׳.

אַנאַנדער איד אין באַשטעטיגונג פון דיזע ווערטער האט צוגעגעבען: ,,איין עכו׳׳ם היישט יענדרזי ליסבסקי׳ הוט גע־זאגט וויא ער הוט מיט דען רוצח גוטר דינג גוועזין דאַ האט ער אין גיפרעגט ער זאל אין די ווארהייט זאגן מיט דען יהודי קערפליץ ברודר איז דאך נוא אליץ פר איבר דא האָט ער אים גיענטפרט אונ׳ געשווארין דז עש זיין ערבט איז וואש זאל ער פיל ליקנן מען ווערט אין דאך פון דאש יהודי וועגין ניט אום ברענגן.׳׳

אויך אין דיזען פאַל האט דער מהר׳׳ם מלובלין, אויף דעם סמך פון די דערמאַנטע עדות, ערלויבט די אלמנה צו הייראַטען אן אנדער מאן.

אינטערעסאנט איז דער פאקט וואס דער יענדרזי ליסבסקי האָט געמאַכט גלויבען דעם מערדער אז ,,מען ווערט אין דאך פון דאש יהודי וועגין ניט אום ברענגן׳׳. הפנים די דריי הונ־דערט יאָהר וואס זיינען זייט דאַן אַוועק האָבען פיל ניט געענדערט די לאַגע אין באַצוג צו אידען־מערדער אין פוילען. ביז ניט לאַנג צוריק האָט נאָך אין געוויסע קרייזען געהערשט דער גלויבען אז ,,מען ווערט אין דאך פון יהודי וועגין ניט אום ברענגן׳׳.

* * *

נאָך אַ טראַגישע פאַסירונג ווערט איבערגעגעבען אין שאלה קל׳׳ב, אין דעם אריגינעלען לשון וואס די עדות האָבען באַנוצט, נעמליך: ,,עס איז געקומען פאר אונז ר׳ שמעון בן הקדוש ר׳ יעקב און האט געזאגט פאר אונז אין זיין לשון

אשכנז״: „איך בין געווען בעיר סרא׳קה, דא האבען מיר גירעט מיט איינם וואלח פון דען הרוגים וועגן, דיא מאן האט הורג גיוועזין בארץ וואלי׳חיי. דא האב איך געפרעגט דען וואל׳ח אויב עס זיינען אלץ איינס רוצחנ׳י געוועזען די דא האבען די יהודים הורג געוועזען? דא האט ער מיר געענט־פערט דאס זיין אנדערע רוצחונים געוועזען וואו ישראל מיט זייער חברותא איז אום קומן, און דארטען וואו ניסן און משקה און שלום איז אום קומן זיין אויך אנדרי רוצחנים געוועזען, מאן האט דען ניסן אונ־משקן געזעהן אים וואלד ליגן ביי אונדר דערוואַרגין, און שלום איז אויך ביי זיי געלעגען געקעפט, דער קאפ איז ווייט פון איהם געלעגען״.

איבער דיזע טראגישע פאסירונג וואו מעהרערע אידען זיינען גע׳הרג׳עט געווארען אין רומעניען האבען מעהרערע מענשען עדות געזאגט, נאר די איינצעלהייטען האבען זיך ניט געשטימט. אייניגע האבען דערצעהלט אז, זיי האבען געהערט פון די גויים אז די אידען האט מען דערטרונקען, אנדערע האבען געהערט אז מען האט זיי דערווארגען, און נאך אנדערע האבען געהערט אז מען האט זיי געקעפט. די דאזיגע עדות ווערען אלע איבערגעגעבען אין דעם אריגינעלען אידיש וואס די עדות האבען באנוצט.

געשטיצט אויף דיזע עדות האט דער מהר״ם באפרייט פון עגונה׳שאפט די אלמנות פון די דריי דערמאנטע הרוגים: ניסן, משה און שלום.

שאלות קל״ג און קל״ד באהאנדלען אויך א פאל פון אן עגונה וועמענס מאן, א איד פון פרילוקא, איז גע׳הרג׳עט גע־ווארען אין רומעניע. דיזער פרילוקער איד,ביים נאמען זלמן חזן, איז געווען א פראמינענטע פערזאן און מיט זיין טויט האבען זיך אינטערעסירט מעהרערע מענשען. א גרויסער טייל פון דיזע צוויי שאלות גיט איבער אין פולען די אויסזאגונגען פון די פארשידענע עדות און אויפ׳ן גרונט פון זייערע ווערטער האט דער מהר״ם באפרייט די אלמנה פון עגונה׳שאפט.

ווי עס שיינט איז די אלמנה פון דעם ר' זלמן געבליבען שולדיג געלט און די קרעדיטארען האבען איהר געזוכט צו שטערען צו הייראטען א צווייטען מאן. צו דיזען צוועק האבען זיי געמאכט א קאנספיראציע און געשאפען עדות צו שווערען אז זיי האבען געזעהן דעם ר' זלמן'ען א געפאנגענעם צווישען טאטארען ערגעץ אין א ווייטע לאנד.

דער מהר"ם האט אבער פארדעכטיגט די עדות און ערקלעהרט אז ער קען זייער שבועה ניט נעהמען ערנסט, און די קאנספיראציע איז געווען א דורכפאל.

די דאזיגע פאסירונגען צוזאמען מיט דעם אידישען לשון פון די פארשידענע פערזאנען, שטעלען פאר א קלאהרע בילד פון דעם טעגליכען אידישען לעבען אין פוילען צו יענער צייט, און דער מהר"ם זיך רעכענענדיג בלויז מיט דעם טרוקענעם דין, האט צו דערזעלבער צייט פארצייכענט א קאפיטעל וויכטיגע אידישע געשיכטע.

## אמאליגע אבערגלויבענס

### פערטער ארטיקעל.

מען קען מיט רעכט זאגען אז די מערקווירדיגסטע שאלה ותשובה איז די שאלה קט"ז, וואו דער גרויסער מהר"ם מלובלין באהאנדעלט פון א געזעצליכען שטאנדפונקט דעם פאל פון א געוויסע פרוי וועלכע איז פארפיהרט געווארען פון א רוח אדער א שד.

דער לעזער וועט פילייכט אויפנעהמען דיזע באהויפטונג מיט א שמייכעל אויף די ליפען. דער מהר"ם אבער פאר־נעהמט זיך מיט דיזער פראגע, מיט דעם זעלבען ערנסט ווי אין אלע אנדערע פראגען, ביים מהר"ם איז עס ווייט קיין סארקאזם ניט, מיט דעם זעלבען ערנסטען טאן איין וועלכען ער באהאנדעלט די פראגע ווי מתיר צי מאכען אן עגונה מיט

דעם זעלבען ערנסטען טאָן באַהאַנדעלט ער די פראַגע: צו זאָל געשטעמפּעלט ווערען אַלס זינד, אַ פאַרהייראַטע פרוי וועלכע האָט געהאַט געשלעכטליכע באַציהונגען מיט א שד אדער רוח?

וועגען דיזער מעשה דערצעהלט דער מהר״ם אין די פאָלגענדע ווערטער: „מען בעט מיר איך זאָל פּסק'ענען וועגען אַ פרוי מיט וועלכע עס האָט פּאַסירט אַ וואונדערליכער פאַל. מיט דיזער פרוי איז געלעגען א רוח, אדער א שד וואס רופט זיך „טרכ'ט״. דעם ערשטען מאָל איז דער דאַזיגער שד געקר־מען צו דער פרוי אין דער געשטאַלט פון איהר מאַן, און דעם צווייטען מאָל אין דער געשטאַלט פון א „פריץ״. שדים, ווי באַוואוסט הייראטען און האָבען קינדער ווי געוועהנליכע מענשען. איז אצינד די פראַגע צו מעג די פרוי ווייטער לעבען מיט איהר מאַן? אדער איז אַזאַ טהאַט פון אַ שד אזוי ווי אַ זאַך וואס האָט קיין שום ממשות ניט?״

נאָך אַ לענגערע הלכה אָפּהאַנדלונג קומט דער מהר״ם צום באַשלוס אַז אַ פאַרהייראַטע פרוי קען געשטעמפּעלט ווערען אַלס זונה נאָר דאַן ווען זי האָט געהאַט געשלעכטליכע באַצי־הונגען מיט א פרעמדען מאַן, אָבער א רוח איז ניט קיין מענש, אלזאָ קומט די פרוי ניט אונטער דער קאַטעגאָריע פון א זונה.

דיזע ערנסטע אבהאנדלונג ביי איינעם פון די גרעסטע רבנים אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט, גיט אונז א קלאַהרע בילד וועגען די אבערגלויבענס צו יענער צייט. אין קיין לאַנד איז צו יענער צייט ניט געשטאַנען די תורה אזוי הויך ווי אין פוילען. צו דערזעלבער צייט אָבער האָט אין קיין לאַנד ניט גע־הערשט אזוי פיעל אַבערגלויבענס ווי צווישען דאָס פוילישע אידענטום.

עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אין דעם בארימטען ספר „מעשי טוביה״ פון טוביה הרופא, אום צו וויסען ווי די שוידער־ליכסטע אַבערגלויבענס זיינען געווען איינגעווארצעלט אין טאָג טעגליכען לעבען פון די פוילישע אידען צו יענער צייט. טוביה

הרופא האט געלעבט א דור שפעטער ווי דער מהר"ם מלובּ־לין, און זיין ווערק איז איינער פון די ווייניגע וואס גיבען אונז א געטרייען איבערבליק איבער דעם לעבען פון דאס אידישע מאסע אין יענעם פעריאדע. אלס דאקטאר און אלס וויסענ־שאפטס־מאן האט טוביה הרופא פארצייכענט אין זיין ווערק, זיינע איינדריקען פון די אידען אין פוילען. און ער באקלאגט זיך שטארק אויף דעם פאלקס גלויבען אין כשוף און אין רוחות. פון דעם דאזיגען בוך ערפאהרען מיר גענוי ווי ווייט דאס פאלק איז געווען פארזונקען אין די פינסטערע אבערגלוי־בענס, אויף אזוי פיל אז געוויסע קינדערשע קראנקהייטען האט מען צוגעשריבען נאר צו דעם שעדליכען איינפלוס פון געוויסע שדים און ניט־גוטע.

און ניט אליין דאס פראסטע פאלק נאר אפילו תלמידי חכמים און געלעהרטע אידען, האבען זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די דאזיגע אבערגלויבענס. נאכמעהר, דאס גע־לעהרטע וועלט אין אלגעמיין איז ניט געווען פריי פון דיזע מיינונגען. אין דער געלעהרטער וועלט איז געווען אנגענומען אלס פאזיטיוו, די עקזיסטענץ פון אונזיכטבארע טייוואלים און שדים, דבוק'ס און רוחות וואס פילען אויס דעם וועלט חלל, און טוען אפ געוויסע מעשים תעתועים.

אויב דער מהר"ם מלובלין האט ערנסט באהאנדעלט די פראגע וועגען א פרוי וואס איז פאראומגליקט געווארען פון א שד וואס רופט זיך „טרכ'ט", איז ער ניט מעהר ווי א פראדוקט פון זיין צייט געווען, א צייט אין וועלכע אידישע און ניט אידישע געלעהרטע האבען אנגענומען דיזע טעאריע אלס פאקט.

ר' מנשה בן ישראל, אין זיין בעריהמטען ספר „נשמת חיים" גיט אונז דעם בעסטען בילד וועגען די באציהונג פון די געלעהרטע אין זיין צייט צו דעם גלויבען אין רוחות און אין שדים. ר' מנשה בן ישראל, דער בעריהמטער אראטאר, שריפטשטעלער, געלעהרטער, שתדלן און פאלקס־מענש, ער־

שיינט פאר אונז אין זיין „נשמת חיים״ אלס ערנסטער מאמין אין די העכסט פאנטאסטישע אבערגלויבענס. מיט גאר זיין געלעהרזאמקייט, האט ר׳ מנשה דאך זיך ניט געקענט באַ־פרייען פון די טעאריעס אין וועלכע די אנדערע געלעהרטע פון זיין צייט האבען געגלויבט. מיט דעם זעלבען ערנסט אין וועלכען ער האט געזוכט צו איבערצייגען די ענגלישע רעגירונג דעם פראקטישען ווערט פון אידישע איינוואנדערער, מיט דעם זעלבען ערנסט דרוקט ער איבער ווארט פאר ווארט, די מעשה מיט׳ן דיבוק וואס האט פאסירט אין צפת אין דער צייט פון אר״י הקדוש, די זעלבע מעשה איז איבערגעדרוקט אין פילע ספרים. ר׳ חיים וויטאל און אנדערע תלמידים פון דעם האר״י׳ס חדר האבען געזוכט צו פארשפרייטען דיזע מעשה, און ר׳ מנשה בן ישראל האט זיך באנוצט מיט דער זעלבער מעשה אום צו באשטעטיגען זיין באהויפטונג אז רוחות און שדים לאזען זיך מאנכעס מאל אריין אין א לעבעדיגען מענשען.

דיזע מעשה וואס איז פארגעקומען אין צפת טראגט דעם אונטערשריפט פון ר׳ אליה׳ פאלקן. ר׳ שלמה הלוי אלקבעץ (דער מחבר פון לכה דודי) איז אויך אונטערגעשריבען און ער זאגט דערביי: „דארטען וואו די מעשה האט פאסירט, בין איך געווען, און מיינע אויגען האבען געזעהן, און מיינע אויע־רען האבען געהערט דאס אלעס״. נאך אן עדות, — אברהם ארואיטי, באשטעטיגט דיזען פאל און ער זאגט: „איך בין אויך גערופען געווארען צו זעהן דיזען עניך, און מיינע אויגען האבען געזעהען, און מיינע אויערען האבען געהערט, און דאס איז א וואונדערליכע זאך, צו ווייזען אונז אז מיר זאלען טאן תשובה״. אין דעם זעלבען זין זיינען אונטערגעשריבען נאך צוויי עדות — אברהם לחמי און שמאל בויאינו.

דער מיסטיקער ר׳ מנשה בן ישראל האט מיט אזוי פיל עדות ניט געקענט צווייפלען אין דער ווארהייט פון דעם צפת׳ער דיבוק. מיט דיזע און עהנליכע פאנטאסטישע פאסי־רונגען האט ער געזוכט פעסטצושטעלען זיין אמונה אין שדים

און רוחות, און אויב ר׳ מנשה בן ישראל וועלכער האט געלעבט א דור נאך דעם מהר״ם מלובלין, אין די מעהר פארגעשריטענע האלאנד, האט געגלויבט אין דער מאכט פון שדים און רוחות וואס איז אלזא דער וואונדער אז אידישע געלעהרטע אין א דור בעפאר האבען אויך געגלויבט אין דעם? די געבילדעטע וועלט, דאס קריסטליכע אזוי גוט ווי דאס אידישע, האט באַטראכט כשוף, שדים און גייסטער, אלס זאכען מיט וועלכע מען מוז זיך רעכענען, אין פילע לענדער זאגאר האבען עקזיסטירט געוויסע געזעצען געגען מכשפות און שווארץ קינסטלער. עס איז באוואוסט דער פאקט אז אין באסטאן האט מען פארברענט אומגעפעהר צו יענער צייט, א געוויסע פרוי אויף דער באשולדיגונג אז זי איז א מכשפה.

איבעריגענס וואס זאל מען זיך וואונדערען אויף דעם מהר״ם מלובלין, ווען א הונדערט יאהר שפעטער האט דער גרויסער גאון און געלעהרטער. דער „חכם צבי״, באהאנדעלט אין א שאלה ותשובה די פראגע אויב מען מעג א גולם צורעכענען צו א מנין? די דאזיגע שאלה ותשובה געפינט זיך אין „שאלות ותשובות חכם צבי״, שאלה צ״ג. דער מחבר, דער גרויסער ר׳ צבי אשכנזי, דער פאטער פון ר׳ יעקב עמדין, האט פעסט געגלויבט אין די מעשיות וואס האבען זיך ארומגעטראגען צווישען דאס פאלק וועגען דער באשאפונג פון א גולם דורכ׳ן שם המפורש, הייגט אז א גולם קען געמאכט ווערען, דארף דאך א איד וויסען ווי מיט איהם אומצוגעהן אין רעליגיעזען לעבען?

מיט א הונדערט יאהר בעפאר האט דער מהר״ם געוואלט וויסען וואס די הלכה האט צו זאגען וועגען א פרוי וואס איז „פאראומגליקט״ געווארען פון א שד וואס רופט זיך „טרכ׳ט״, און מיט א הונדערט יאהר שפעטער האט אן אנדער רב געוואלט וויסען אויב מען קען א פאבריצירטען מענשען, א גולם, צורעכענען צו א מנין?

און מען דארף געדענקען אז ר׳ צבי אשכנזי דער „חכם

צבי״ איז געווען איינער פון די גרעסטע רבנים אין זיין צייט. ער איז געווען רב אין אַמסטערדאַם, האַמבורג, לאָנדאָן און לעמבערג. אויסער זיין גרויסקייט אין תורה איז ער אויך געווען הויך געבילדעט, און האָט גערעדט פליסיג מעהרערע שפּראַכען, דארונטער לאַטייניש. דער „חכם צבי״ אין זיין צייט האָט זיך ערוואָרבען דעם גרעסטען רעספּעקט דורך זיין געלעהרזאַמקייט, פאַרשטאַנד, און טיפע קענטניס פון מעהרערע אייראָפּעאישע שפּראַכען. דיזע אַלע אייגענשאַפטען האָבען איהם געמאַכט פאַר איינעם פון די בארימטעסטע מענשען אין זיין צייט. דאָס האָט איהם אָבער ניט אָבגעהאַלטען פון פארהאַנדלען די אויבענדערמאַנטע פראַגע אויב אַ גולם קען זיך צעהלען אין אַ מנין ?

דער אידישער גדול אין יעדען דור איז נאָך אַלעם דעם ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון זיין צייט, ווען עס קומט צו אַלגעמיינער בילדונג. די אַנגענומענע טעאָריעס אין וועלכע דאָס געבילדעטע וועלט גלויבט, געפינען זייער אָבקלאַנג אויך צווישען די אידישע תלמידי חכמים, אין די ד׳ אמות של הלכה. דער מהר״ם מלובלין, דער חכם צבי, און זייער גלייכען אין די אַמאָליגע דורות, האָבען זיך געלאָזט פיהרען פון די אידעען וואָס האָבען געהערשט אין דער אַלגעמיינער אויסערליכער וועלט. אין תורה און הלכה איז זייער גייסט געווען פריי. אינדיווידועל — אין חכמת הציונית באייגפלוסט פון די קאָנוענציאָנעלע אידעאָלאָגיע.

בלויז ווייניג געצעהלטע אידישע גדולים אין די אַמאָליגע צייטען, האָבען זיך ערלויבט צו האַנדלען רעוואָלוציאָנעריש אין באַצוג צו די אַנגענומענע אידעאָלען פון זייער דור. די מעהרסטע גאונים, די מענשען פון געניאוס, זיינען געווען גייסטיג פריי אויף זייער אייגענעם געביט, אין קרייז פון תורה. אין אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען האָבען זיי זיך געלאָזט געהן מיט׳ן שטראָם.

# אמאליגע געשעפטס מעטאָדען

פינפטער קאַפּיטעל.

„ממר'ם'', „ממרן'', פּיצוי.

עס לאָזט זיך קוים גלויבען אַז פילע הייגטיגע לעזער האבען ווען געהערט, אַדער ווייסען די באַדייטונג פון דיזע ווערטער. דער שרייבער אַליין האָט עס אויך קיינמאָל בעפאַר אַנגעטראָפען. ערשט דורכגעהענדיג די שו"ת פון מהר"ם מלובלין, האט ער צום ערשטען מאָל זיך אַנגעשטויסען אָן דיזע זאַנדערבאַרע ווערטער. נאָך מעהר זאַנדערבאַר איז עס ווען מיר ערפאהרען אַז דיזע ווערטער, אַדער טערמינען, האבען אַמאָל געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם אידען'ס האַנדעלס לעבען. דער אידישער האנדעל און פאַרקעהר איז געווען פיל אפּהענגיג פון דיזע פילאָלאָגישע טערמינען.

אין קורצען, „ממר'ם'' אדער „ממר'ן'' מיינט אַ וועקסעל, ריכטיגער דער מאָדערנער „נאָוט'', וואס מיינט אַ פאַרשפּרע־כונג צו צאָהלען אַ שפּעטערדיגען דאַטום. „ממר'ם'', אַדער „ממרן'' איז אלזאָ, א „פּראָמיסאָרי נאָוט'', אַ פאַרפּליכטונג צו צאָהלען א צוקינפטיגען דאַטום ווען עס ווערט פעליג. אַ געוויסער אויטאָריטעט וויל האָבען אַז דער וואָרט „ממרן'' שטאַמט פון דעם העבּרעאישען וואָרט „המיר'', אויסבייטען, אויסוועקסלען. פון „המיר'' איז געוואָרען „ממר'ם'' אַדער „ממרן'' — אַ וועקסעל, וועהרענד אַן אַנדער אויטאָריטעט בּאַהויפּטעט אז דער וואָרט שטאַמט פון לאַטייניִשען „מעמבּ־ראַנאַ''. וואס מיינט אַ פּראָמיסאָרי נאָוט.

„פּיצוי'' נאָך דעם שרייבער'ס מיינונג, מיינט אַ גאַראַנ־טיע צו באַצאָהלען, פּילייכט, פון „פצה'' וואָס מיינט באַפרייען —(פצני והצילני) — דער וואָס האָט א „פּיצוי'' איז באַפרייט און געזיכערט אַז ער וועט ניט דאַרפען צאָהלען.

באַקאַנט ווערענדיג מיט דיזע ביזנעס טערמינען וועט דער שרייבער אצינד איבּערגעבען די שאלה ותשובה וואו די דאָזיגע טערמינען קומען פאָר.

„ראובן שמעון און לוי — הויבט אן דער מהר״ם — האָ־
בען אונטערגעשריבען א „ממר׳ם״, אַ וועקסעל, און האָבען
עס אוועקגעגעבען יהודה׳ן. יהודה האָט באַדאַרפט צאָהלען
געלט צו אַ גוי און האָט ניט געקענט שאַפען די נויטיגע סומע
פאַר דער באַשטימטער צייט, האָבען זיי איהם צוליב דעם
געגעבען דעם „ממר׳ם״ ער זאָל עס פארקויפען און דורך דעם
אָפּצאָהלען דעם גוי זיין חוב.

אום צו פאַרזיכערען ראובן, שמעון און לוי, האָט יהודה
זיי אַרויסגעגעבען א „פיצוי״ ד. ה. אַ שריפטליכע גאַראַנטיע
אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען ליידען פאַר דער סומע פון די צוויי
הונדערט גולדען פאַר וועלכע דער וועקסעל איז געווען אויס־
געמאַכט. אַלזאָ, יהודה האָט געקראָגען אַ „ממר׳ם״, אַ וועק־
סעל, אָדער ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט אַז „אקאָמאָדיישאָן
נאָוט״, און דערפאַר האָט ער געגעבען אַ „פיצוי״ א שריפט־
ליכע גאַראַנטיע אַז ער באַפרייט די אונטערשרייבער פון וועק־
סעל צו צאָהלען.

בעפאַר דער „ממר׳ם״ איז געוואָרען פעליג, האָט ראובן,
ביי וועמען דער „פיצוי״ איז געווען איינגעלייגט, געקויפט
סחורה ביי יהודה׳ן פאַר אַ געוויסע סומע געלט, דערצו נאָך
האָט איהם יהודה געגעבען באַרעס געלט, צוזאַמען אַ סומע
פון פופציג גולדען.

ווען שמעון און לוי, די אַנדערע צוויי אונטערשריפטען
אויפ׳ן וועקסעל, האָבען געהערט אַז ראובן האָט ערהאַלטען
פופציג גולדען אויפ׳ן חשבון פון די צוויי הונדערט, האָבען זיי
פאַרלאַנגט אַז די פופציג גולדען זאָל צוטיילט ווערען צווישען
אַלע דרייען. ראובן ווידער, האָט גע׳טענה׳ט אַז בשעת ער האָט
געקראָגען פון יהודה׳ן די פופציג גולדען האָט ער אויסדריקליך
געזאָגט אַז דאָס נעהמט ער אָפּ בלויז זיין חלק, און יהודה האָט
דערביי צוגעשוויגען. די פראַגע איז אַלזאָ, איז די דאָזיגע
סומע געגעבען געוואָרען אויפ׳ן חשבון פון דעם „נאָוט״ אויף
וועלכען זיי זיינען אַלע אונטערגעשריבען, פאַלגליך באַלאַנגט

עס צו אַלע דריי שותפים, אדער דאָס איז געגעבן ספּעציעל צו ראובן׳ען איהם אבצוצאָהלען זיין טייל?

דער מהר״ם לאָזט זיך אַוועק אין אַ לאַנגע תלמודישע אבהאנדלונג וואו די פראַגע ווערט באַלייכטעט פון אַלע זייטען, און ער קומט צום שלוס, אז אזוי ווי ביי ראובן׳ען איז געווען איינגעלעגט דער „שטר״ פיצוי״, הייסט עס אז ראובן איז געמאַכט געווארען דער שליח, דער אַגענט, איינצומאָהנען דיזען חוב פאַר אַלע דריי שותפים, און ער מוז דאָס צוטיילען אין גלייכע חלקים. נאָר טאָמער טענה׳ט ער דורכאויס אַז ער האָט געזאָגט בפירוש צו יהודה׳ן אז דאָס נעמט ער אָפּ זיין חלק, איז אפילו אויב יהודה זאָל אויך זאָגען דאָס זעלבע, איז ער אַלץ ניט באַגלויבט, סיידען ראובן זאָל אויף זיך נעהמען אַ שבועה אז ער זאָגט דעם אמת״.

אין אנדערע ווערטער, פּרינציפּיעל באַלאַנגט די פופציג גולדען צו אַלע דריי נאָר אזוי ווי יהודה האָט געהאַט דאָס רעכט צו זאָגען אז דאָס האָט ער געגעבן ספּעציעל אָפּצוצאָה־לען ראובן׳ען, איז דער לעצטער ניט באַגלויבט אויף זיין ווארט, נאָר ער מוז שווערען נאָכ׳ן אידישען דין אז אזוי איז עס טאַקע געווען.

דער וואָס איז באַקאַנט מיט דעם אמאָליגען אידישען לע־בען ווייסט וואָס דאָס האָט געמיינט „נעמען אַ שבועה״, אין די מעהרסטע פעלע האָט אַ איד בעסער געלאָזט פאַלען געלט איידער נעהמען אַן עפענטליכע שבועה, שווערען אין אַ שוהל, מיט ספרי תורה׳ס, מיט ברענענדע ליכט, מיט ערנסטע וואָר־נונגען פון רב, מיט דעם גאנצען ערנסטקייט וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט אַזאַ צערעמאָניע — איז געווען צופיעל פאַר דעם געוועהנליכען אידען אין דער געטאָ, און ער האָט דאָרום דאָס געזוכט אויסצומיידען מיט אַלע מעגליכקייטען. עס איז דעריבער גיכער צו גלויבען אז ראובן האָט זיך געטיילט מיט דאָס געלט, אַנשטאָט נעהמען אַ שבועה.

* * *

וועגן דעם ועד ארבע ארצות, אדער שלש ארצות. דער אידישער קאנגרעס פון אמאל, איז שוין פיל גערעדט געווארן אין די לעצטע יאהרן. דער מהר"ם מלובלין דרוקט איבער דריי שאלות ותשובות פון זיין צייט־קאלעגע ר' מרדכי יפה, איינער פון די גרעסטע רבנים אין זיין צייט און רב פון פראג, בעפאר דעם באקאנטן מהר"ל מפראג.

איינע פון דיזע תשובות, קכ"ה, איז אדרעסירט ביי ר' מרדכי יפה צום „ועד שלש ארצות", און נאך דעם טאן אין וועלכען ר' מרדכי יפה דריקט זיך אויס זעהט מען דייט־ליך די וויכטיגע ראלע וואס דער דאזיגער קאנגרעס האט גע־שפילט אין דעם לעבען פון דאס פוילישע אידענטום אין זעכ־צעהנטען יאהרהונדערט.

עס איז אפילו געווען די געוואוינהייט אדער פיליכט די שוואכקייט, פון די אמאליגע רבנים אין פוילען אבצוגעבען גרויסע און לאנגע טיטולען, אויפגעבלאזענע, איבערטריבענע און איבערגעזאלצענע כבודים וועלכע האבען פארנומען א גרויסען טייל פון די בריף וואס זיי האבען אדרעסירט צו אימעצען א גדול, דאך זעהט מען אז די טיטולען און די כבודים וואס ר' מרדכי יפה טיילט אויס צו די פארשטעהער פון „ועד שלש ארצות" זיינען ניט פון דעם געוואוינליכען סארט וואס זיינען נאר פון פארמע וועגען. אום ניט צו שאדען דעם עפעקט דורך אן איבערזעצונג, וועלען מיר איבערגעבען ר' מרדכי יפה'ס ווערטער אין אריגינאל:

„המאורות הגדולים, המאירים לארץ ולדרים, הן הנה ראשי גליות אריאל, העומדים על משמרת תפארת ישראל, שלטי הגבורים ראשי בני המעלה העולים, במעלות הגבוהים והרמים, החרדים אל דבריהם, משרתי עליון מוסדי ארץ ואיתנים, העומדים על הפקודים, לעשות רצון קונם וחפץ צורם, פרנסים וראשים ומנהיגים, דשלש ארצות יצ"ו ועטרותיהם בראשיהם, בעלי תריסין ראשי ישיבות אשר כל בית ישראל נשען עליהם,

מורים צדק מחזיקי כל בדק, המה הגבורים המאירים והבהירים היושבים ראשונה במלכות ולכל דבר אמת, ישמרם השומר אמת לעולם״.

דער אויסערגעוועהנליכער כבוד וואס דער גרויסער ר׳ מרדכי יפה טיילט דא צו, צו די „פרנסים וראשים ומנהיגים״ דשלש ארצות״ דערצעהלען אונז מעהר ווי אלעס וועגען דעם טיפען רעספעקט וואס דאס פאלק האט געפילט צו זיין קאנגרעס. אין פאקט, אין נאך אייניגע ערטער דערמאנט דער מהר״ם וועגען געוויסע פראגען וואס זיינען פארגעבראכט געווארען פאר׳ן „ועד שלש ארצות״, אויף די פארשידענע יארידען. אין דיזער הינזיכט אליין קען פאר אונז דינען דער „שאלות ותשובות מהר״ם מלובלין״ אלס א וויכטיגער קאפיטעל אידישע לעבענס געשיכטע פון יענער פרוכטבארער פעריאדע, פון יענער פעריאדע ווען דער ועד שלש ארצות אלס אידישער פארלאמענט איז געווען דאס העכסטע אויטאריטעט אין דעם אידישען לעבען.

* * *

נאך צוויי לעבענס בילדער וועלען מיר איבערגעבען אין קורצען, נאך צוויי שאלות וואס זיינען פארגעבראכט געווארען פאר׳ן מהר״ם און וועלכע האבען צו טאן מיט׳ן טעגליכען לעבען פון יענער עפאכע.

שאלה פ״ז, האט צו טאן מיט די וואליוטא פראגע פון א רעליגיעזען שטאנדפונקט. נעמליך, א כתובה וואס איז געשריבען געווארען אין לובלין, פוילען, אויף דער סומע פון צוויי הונדערט גולדען (זקוקים), שפעטער האט דאס פאאר פאלק זיך באזעצט אין פינסק, ליטא, וואו דער מאן איז געשטארבען. צוויי הונדערט „זקוקים״ אין ליטא האט געהאט דעם ווערטה פון 5 הונדערט פוילישע גולדען. די פראגע איז אלזא געווען: דארף די אלמנה קריגען צוויי הונדערט זקוקים, ווי דאס איז ווערט אין פוילען. דאס מיינט צוויי הונדערט פוילישע גולדען? איזאנדערע ווערטער, נאך וועלכע וואליוטע דארף די אלמנה

קריגען איהר כתובה, נאך די פוילישע וואו די כתובה איז אויס־געשטעלט געווארען, אדער נאך די ליטווישע וואו זי האט געוואוינט? דעם מהר״ם'ס פסק דין לויטעט אז די אלמנה דארף קריגען די כתובה נאך די ליטווישע וואליוטע.

די צווייטע שאלה פ״ו דערצעהלט ווענען א מאן וואס איז גע'הרג'עט געווארען און דער רוצח איז באפרייט געווא־רען פון טויט שטראף, אבער ער האט געמוזט באצאהלען א געלט־שטראף צו דער אלמנה אלס דעמעדזשעס. (שאדען).

אזוי ווי דער ערמארדעטער איז געבליבען שולדיג געלט, האבען די בעלי חובות געוואלט איינמאהנען וואס עס קומט זיי פון דער סומע וואס די אלמנה האט געקראגען פון מערדער אלס דעמעדזשעס.

דעם מהר״ם'ס ענטשיידונג לויטעט אז בעלי חובות קענען ניט איינמאהנען פון געלט וואס א פרוי באקומט אלס „כופר נפשו״ — געלד פאר איהר מאן'ס לעבען.

שטודירענדיג די פארשידענע ענטשיידונגען פון דעם גרויסען ר' מאיר מלובלין, מוז מען קומען צו דער איבערציי־גונג אז כמעט אין אלע זיינע אורטיילען איז ער געווען באַ־איינפלוסט פון הומאניטארישע פרינציפען. דאס מענש אין איהם איז ניט באזייטיגט געווארען צוליב דאס טרוקענע לעגאַ־ליזם, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט פילע אנדערע תלמידי חכמים.

## א בעל-תשובה

### זעקסטער קאפיטעל.

אין די היינטיגע דורות האט דער „בעל־תשובה״ פאר־לארען זיין באדייטונג. דאס ווארט „בעל־תשובה״ איז היינט ניט מעהר ווי אן אבסטראקטער באגריף, א טערמין וועלכער האט ניט קיין געמיינשאפטליכעס מיט דעם פראזאאיש־טעג־

ליכען לעבען. אנדערש איז עס אבער געווען מיט דריי הונ־דערט יאהר צוריק. „בעל־תשובה״ צו יענער צייט האט פארגעשטעלט עטוואס שרעקליכעס. צו נעהמען אויף זיך א „תשובה האט געמיינט, פאקטיש, זיך אפזאגען פון א נארמא־לען לעבען. צו ווערען א „בעל־תשובה האט איינער זיך גע־מוזט צוריקציהען פון פאמיליע, פון באקאנטע, פון זיין שטאט, פון מענשען, פון אלעס וואס מאכט דעם לעבען אנגענעהם. שווער און ביטער איז געווען דער גורל פון אזא אומגליקליכען בעל־תשובה. דער היינטיגער מאטעריאליש־געשטימטער מענש קען זיך קוים מאכען א באגריף פון דעם לעבען פון א בעל־תשובה אמאל. דער אמאליגער איד אבער איז געווען צופרידען דורכצומאכען דעם גיהנום מיט אלע זיינע שרעקען אויף דער וועלט, אום צו קומען צו זיין באשעפער מיט אן אויסגעלייטער־טער נשמה. צו הייליג איז געווען דער אמאליגער אידישער לעבען אז דער איינצעלנער איד זאל קענען טראגען אין זיך א פארפלעקטען געוויסען. האט א איד אמאל באגאנגען א זינד, אפילו ניט ווילענדיג, האט ער געפיהלט אז ער מוז אפקומען פאר דעם זינד, און דאס האט געמיינט נעהמען אויף זיך א תשובה.

וואס עס האט געמיינט אין דעם אמאליגען אידישען לעבען אין פוילען צו זיין א „בעל־תשובה״ — איבער דעם וועלען מיר לאזען דעם גרויסען גאון, דעם מהר״ם מלובלין אליין רעדען. אין דריי שאלות ותשובות, נעמליך, מ״ג, מ״ד און מ״ה, דערצעהלט דער מהר״ם מלובלין וועגען געוויסע פערזאנען אין זיין צייט פאר וועלכע ער האט פארשריבען תשובה־רעצעפטען אום אפצוקומען פאר געוויסע באגאנגענע זינד, און דער היינטיגער לעזער וועט, אהן צווייפעל, מיט שטוינען און אינטערעס לעזען די דאזיגע תשובה־רעצעפטען וועלכע גיבען אונז א קלאהרע בילד אויס דעם אידישען לעבען צו יענער צייט, די צייט ווען דאס פוילישע אידענטום איז געווען, אזוי צו זאגען, אן ארגאניזירטע קערפערשאפט מיט

געוויסע אויטאנאמישע פריווילעגיעס, און דעם רב׳ס אויטאָרי־טעט איז געווען כמעט ווי אונבאגרעניצט.

שאלה מ״ג דערצעהלט: אין די גרענעץ שטעדט פון וואהלין פלעגען אפט פארקומען איבערפאלען פון באנדעס טאטארען — אדער ווי דער מהר״ם רופט זיי „קדרים״. די רעגירונג האט צוליב דעם באפוילען אז יעדער בירגער מוז זיין גוט באוואפענט און געלערענט ווי אומצוגעהן מיט א ביקס. יעדער בירגער האט צוליב דעם זיך געלערענט שיסען אין ציל. האט זיך געמאכט אז א איד האט געוואלט שיסען אין א ציל וואס ער האט געהאט אויפגעשטעלט אין זיין אייגענעם הויף. פון אויסענווייניג איז געשטאנען א גוי און האט געווארענט פארבייגעהער ניט אריינצוגעהן אינעווייניג אין הויף. איינער א איד האט אבער ניט געאכטעט דעם גוי׳ס ווארנונג און אריין אין הויף, וואו א קויל האט איהם באלד געטראפען און גע־טויטעט אויף אן ארט.

דער שיסער איז געווען א קרענקליכער מענש, שוואך אויף די פיס און דערצו נאך א בעל מטופל פון א גרויסער פאמיליע. צוליב דעם — זאגט דער מהר״ם — האב איך געזוכט צו פאר־לייכטערען די תשובה וואס איך האב איהם געהייסען נעהמען.

„נעהמענדיג אין אנבאטראכט — הויבט אן דער מהר״ם — אז ער איז א קראנקער מענש, דארף ער דעריבער אפריכ־טען גלות נאר אין די דערבייאיגע שטעדט, וועלכע איך האב פארצייכענט אויף דעם תשובה פאפיר וואס איך האב איהם ארויסגעגעבען. יעדען מאנטאג און דאנערשטאג זאל ער געהן אין א דערבייאיגע שטאדט און זיך מתודה זיין און קריגען מלקות, דהיינו צום ערשטען זאל ער געהן אין אסטראג און זאל זיך לייגען ביים שוועל פון שוהל ווען דער עולם געהט פון דאווענען, און דאן זיך מתודה זיין אין וועניצא, נאכער זאסלאוו, נאכער אין אסטריפאלע און אין סינאווע, און אומעטום זאל ער ווידערהאלען דאס זעלבע און אזוי אויך אין קאנסטאנטין. אויך זאל ער פאסטען יעדען טאג פאר א האלב יאהר און

מעהרערע מאהל דריי טעג און דריי נעכט. נאר זעהענדיג אז צוליב זיין שוואכען געזונד וועט איהם פאלען שווער דריי טעג און דריי נעכט, האב איך איהם עטוואס פארלייכטערט, און ער זאל פאסטען נאר דריי טעג יעדע וואך און ער זאל ניט עסען קיין פלייש א גאנצע וואך און ניט טרינקען קיין בראנפען, בלויז שבת און יום טוב. און ער זאל ניט שלאפען אויף קישענס א גאנצע וואך, און ער זאל ניט איבערטאן א העמד בלויז איינמאל א חודש, און ער זאל זיך ניט וואשען און ניט קעמען די קאפ, בלויז איינמאל א חודש, און ער זאל ניט געהן צו קיין סעודה און זאל זיך ניט שערען די האר פון קאפ״.

„איך האב איהם פארלייכטערט״ — ענדיגט דער מהר״ם — „צוליב דעם וואס ער איז א ליידענדער מענש, און זיינע פיס דינען איהם ניט צו געהן פון שטאדט צו שטאדט, און ער האט פיעל קינדער צו ערנעהרען.״

אז דער שיסער איז געווען פאלקאמען אונשולדיג, אין דעם איז קיין צווייפעל ניט. נאר זיין אידישע נשמה האט ניט געקענט פארטראגען דעם געדאנק פון פארגאסענע אונשולדיגע אידישע בלוט. בלויז אין א געזעלשאפט וואו דער לעבען האט ערררייכט צו דער העכסטער מאראלישער שטופע האט אזא פאל געקענט פארקומען: בלויז דארטען וואו דער לעבען איז אנערקענט אלס דאס הייליגסטע וואס איז דעם מענשען אנ־פארטרויט געווארען, קען פארקומען אזא אפהאנדלונג ווי דיזע שאלה ותשובה. עס האט ניט אויסגעמאכט צו איז ער געווען שולדיג אדער ניט. דער פאקט איז געוועזען, אז דורך איהם איז גע׳הרג׳עט געווארען א מענש, און דאס האט באַוויזען אז ער איז א שולדיגער לויט דעם כלל פון „מגלגלין חוב על ידי חייב״ — א שלעכטער טאט קומט דורך אזעלכען וואס איז אליין שלעכט, און צוליב דעם האט ער געמוזט זוכען „תקון״ פאר זיין נשמה אין דער פארמע פון א תשובה.

* * *

שאלה מ״ד האט פאלגענדעס צו דערצעהלען: דער רב פון בריסק דליטא, דער גאון ר׳ ביינעש ז״ל האט ארויסגעגע־בען א געוויסען פסק געגען א אינגעל פון שטאדט. דעם אינ־געל׳ס א קרוב איז געגאנגען צום רב אויסצווירקען א לייכטע־רע שטראף. דער רב דערזעהענדיג דורכ׳ן פענסטער דעם אינגעל׳ס קרוב קומענדיג צו איהם האט זיך שטארק דערשרא־קען און איז געלאפען פארמאכען די טיר. דער רב, אום בע־סער צו פארשפארען די טיר. האט ער גענומען שלעפען א שווערען קאסטען צום טיר. די משא איז געווען צו שווער פאר׳ן רב און ער איז קראנק געווארען. און א פאאר טעג שפעטער געשטארבען. דער מאן וואס האט אונשולדיגערהייט פאראור־זאכט דעם רב׳ס טויט איז געקומען צום מהר״ם מלובלין בע־טען א תשובה.

„נאכ׳ן דין האט דער מאן דעם קלענסטען שולד ניט״ — זאגט דער מהר״ם — „נאר אזוי ווי זיין געוויסען פלאגט איהם, וואס צוליב איהם איז פארלאשען געווארען דאס גרויסע אידישע ליכט, וועל איך פארשרייבען די פאלגענדע תשובה וועלכע ער איז צופרידען צו נעהמען אויף זיך.

„ערשטענס זאל ער פאסטען פערציג טעג נאכאנאנד. נאכהער פאסטען דריי טעג יעדע וואך. ניט עסען פלייש, ניט טרינקען וויין, אפילו ניט קיין ביער, ביים אבפאסטען. ניט שלאפען אויף קישענס א גאנצען יאהר חוץ שבתים און ימים טובים. ניט וואשען דעם קערפער ניט קעמען די קאפ, בלויז איינמאל א חודש. קומענדיג צוריק אין בריסק זאל ער זיך באלד לעגען ביים שוועל פון שוהל און אלע וואס געהען ארויס זאלען טרעטען אויף איהם. א גאנצען יאהר זאל ער זיצען ביים טיהר אין שוהל. איינמאל א חודש זאל ער געהן מיט צעהן מענשען אויפ׳ן קבר פון פארשטארבענעם גאון און מיט געבעט און מיט געוויין בעטען ביי איהם מחילה. אזוי זאל ער טאהן א צייט פון 12 חדשים. א יאהר צייט זאל ער ניט געהן אויף

קיין שמחה אדער סעודה און זאל זיך ניט נעהמען קיינע אנדע־רע פארגעניגענס. נאך דעם ערשטען יאהר זאל ער פאסטען יעדען מאנטאג און דאנערשטאג ביז צו ענדע פון דריי יאהר. ביער אדער וויין און בראנפען זאל ער ניט טרינקען ביז צום ענדע פון פינף יאהר, ניט ביי זיך און ניט ביי א פרעמדען אין הויז. אין ערשטען יאהר זאל דער שמש איהם שלאגען מלקות איינמאל א וואך יעדען מאנטאג. נאכדעם ווי ער וועט דאס אלעס אויספיהרען בין איך גוזר מיט דער שטארקסטער גזרה אז קיינער זאל איהם ניט רופען רוצח אדער אנדערע באליידי־גענדע ווערטער, און דער וואס וועט ניט צוהערען וועט אויף איהם פאלען דער פלוך פון די רבנן.״

דער מהר״ם האט עס באטראכט אלס א לייכטע תשובה. ווייל די בעלי תשובה זיינען ווירקליך געווען אומשולדיג.

א פיעל שווערערע און שטרענגערע תשובה איז אבער די, וועלכע דער מהר״ם האט ארויסגעגעבען אין שאלה מ״ה.

אין דיזער שאלה ווערט דערצעהלט וועגען א איד א תלמיד חכם, וועלכער האט אין א שכור׳ן צושטאנד באגאנגען א מאראלישען פארברעכען מיט אן אשת איש. ווען ער האט זיך אויסגענִיכטערט און פארשטאנען וואס ער האט אבגעטאן איז ער געקומען צום מהר״ם מלובלין בעטען א תשובה. דער דאזיגער תשובה־רעצעפט איז ווי פאלגענד:

„צום ערשטען זאל ער געהן אין דריי פארשיידענע שטעט. און עפענטליך זאל ער צווישען מנחה און מעריב, זיך מתודה זיין און זאגען אין דער הויך: „אזוי און אזוי האב איך גע־זינדיגט. און אזוי און אזוי האב איך געטאן, און אצינד האב איך חרטה, און איך וועל תשובה טאהן מיט׳ן גאנצען האר־צען.״ באלד נאכהער זאל איהם דער שמש געבען פערציג מלקות. דאס זאל ער טאהן אין דריי שטעדט. צום ערשטען אין לובלין, נאכהער אין קראקא און נאכהער אין לעמבערג (לבוב). אין יעדע פון דיזע שטעדט צו איין מאל.

„ער זאל פאסטען דריי הונדערט און פינף און זעכציג

טעג, א חוץ די טעג אין וועלכע מען זאגט ניט קיין תחנון.

„ער זאָל ניט עסען פליש, ניט טרינקען וויין און אַנדערע געטראַנקען ביים ענדיגען אַ תענית, און אפילו אין די טעג ווען ער דאַרף ניט פאַסטען זאָל ער עס אויך ניט טרינקען, אויסער שבת און יום טוב מעג ער עסען פלייש און טרינקען ביער צו שטילען זיין דורשט אַבער ניט ווי אַ שכור.

„יעדען טאָג זאָל דער שמש איהם געבען מלקות, ווען קיינער איז דערביי ניטאָ, און ער זאָל זיך מתודה זיין אויף זיין זינד דריי מאָל אַ טאָג, מיט וויין און געבעט נאָך יעדען דאַוונען.

„ער זאָל ניט שלאָפען אויף פעדערען, נאָר אויף דר׳ערד אָדער אויף אַ ברעט מיט בלויז אַ בגד צוקאָפּענס, אַ חוץ שבת און יום טוב ווען ער מעג שלאָפען אויף שטרוי מיט אַ קישען צוקאָפּענס״.

„ער זאָל אימער טראָגען אַ זאַק אויף׳ן לייב, און ווינטער זאָל ער זיצען נאַקעט אין קאַלטע וואַסער אָדער אין שניי איין שעה אַ טאָג, אָדער ניט ווייניגער ווי צוויי מאָל אַ וואָך. דהיינו יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און אין זומער זאָל ער זיצען אַזוי פיעל צייט נאַקעט דאָרטען וואו עס איז דאָ פליגען, מאָסקיטאָס אָדער ביהנען.

„אין די עשרת ימי תשובה זאָל ער פאַסטען דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד, דאָס זעלבע נאָכ׳ן צעהנטען טאָג אין טבת און צווישען שבעה עשר בתמוז און תשעה באב.

„ער זאָל ניט רייניגען די קאָפּ בלויז איין מאָל א חודש און זיך וואַשען עטוואָס בלויז פאַר אַ יום טוב. ער זאָל זיך שערען די האָר בלויז דריי מאָל אַ יאָהר, און זאָל טראָגען שוואַרצע קליידער, און זאָל זיצען אין שוהל ביים טהיר ווי אַן אבל. ווען ער וועט ענדיגען די דריי הונדערט פינף און זעכציג תעניתים זאָל ער אָנהויבען צו פאַסטען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פאַר אַ צייט פון דריי יאָהר, און די דריי יאָהר

זאָל ער ניט עסען פלייש אדער טרינקען אַנדערע משקאות ביים אָפּפאַסטען.

,,אין די דריי יאָהר זאָל ער יעדען טאָג זיך מתודה זיין אויף זיין זינד און זאָל זיך ניט ערלויבען צו קוקען אויף קיין פרוי אין דער וועלט, אדער געהן נעבען אַ פרוי. ער זאָל זיך ניט געפינען אין אַ פּלאַץ וואו פרויען אדער מיידלאך קומען צו זינגען אדער זיך צו אַמוזירען; ער זאָל ניט רעדען וועגען זאַכען וואָס פיהרען צו תאוה, און ער זאָל איבערהויפּט זיך ניט לאָזען באדינען פון אַ פרוי, בלויז פון זיין אייגענער אין אַזאַ צייט ווען זי מעג״.

דיזער תשובה־רעצעפּט, מעהר ווי אַלעס אַנדערש, דער־צעהלט אונז וועגען דעם לעבען פון אידען אין פוילען צו יענער צייט. עס גיט אונז אַ פאָלקאָמענע בילד וועגען דעם גייסטי־גען מצב פון דאָס פוילישע אידענטום אין זעכצעהנטען יאָהר־הונדערט.

מיר האָבען איבערגעגעבען די תשובה פּינקטליך ווי דער מהר״ם האָט עס פאַרצייכענט, און קאָמענטאַרען זיינען ניט נויטיג.

# אַ פּאָר ווערטער וועגען דער ענטשטעהונג פון חסידיזם

## זיבעטער קאַפּיטעל.

באַקאַנט ווערענדיג מיט די גרויזאַמע תשובה־רעצעפּטען וואָס די רבנים פון 16־טען און 17־טען יאָהרהונדרעט האָבען פאַרשריבען פאַר א זינד וואָס אַ איד איז באַגאַנגען, שולדיג אדער אונשולדיגערהייט, קען מען לייכט פאַרשטעהן די סיבות וואָס האָבען א הונדערט יאָהר שפּעטער ארויסגערופען דעם חסידיזם.

דאָס רבנישע אידענטהום, לויט ווי עס זעהט זיך ארויס קלאָהר פון די דערמאָנטע עטליכע תשובות פון מהר"ם מלובּ־לין, האָט זיך ניט גערעכענט מיט'ן אידענ'ס גוף נאָר מיט זיין מוח. פאַר דער קלענסטער עבירה האָט דער איד געמעגט פאַרפייניגען זיין קערפּער, וואָס האָט געמיינט אבצושוואַכען דעם קערפּער אזוי אז דער יצר הרע זאָל מעהר ניט האָבען קיין שליטה איבער איהם.

געגען די דאָזיגע לעהרע פון „סגופים" — פייניגען דעם קערפּער — איז געקומען די לעהרע פון ר' ישראל בעל שם־טוב אַלס רעאַקציע, און אַנשטאָט מרה שחורה, פּעסימיזם, אין וועלכע דאָס פאָלק איז פאַרוויגט געוואָרען, האָט ער געלערענט דאָס פאָלק דעם רעליגיעזען אָפּטימיזם. דינען גאָט, האָט ר' ישראל בעל שם־טוב באַהויפּטעט קען מען נאָר דורך פרעה־ליכקייט, דורך שמחה און ניט דורך עצבות. מיט אַ צוברא־כענעם קערפּער צו וועלכען דער יצר הרע קען מעהר ניט האָבען קיין צוטריט, קען מען ניט משיג זיין, באַגרייפען, די אמת'ע געטליכקייט מיט וועלכע דער מענש און די גאַנצע נאַטור איז אויסגעפילט. יעדער מענש מוז באַטראַכט ווערען אַלס גוט און אויב ער האָט באַגאַנגען אַ זינד, דאַרף מען איהם ניט פאַרדאַמען נאַר אויפקלעהרען. קיין מענש דאַרף ניט באַטראַכט ווערען אזוי נידעריג געזונקען אַז ער זאָל זיך ניט קענען דער־הויבען צו גאָט. גאָט איז אזוי נאָהענט צום זינדיגען ווי צום צדיק — האָט ר' ישראל בעל שם־טוב געלערענט דאָס פאָלק — און דעם מענשענ'ס עבירות איז נאָר דער רעזולטאָט פון זיין נאַרישקייט.

דער וואָס זאָגט אז עולם הזה האָט קיין ווערטה ניט מאַכט אַ גרויסען טעות — האָט ער ווייטער באַהויפּטעט — עולם הזה, דער טעגליכער לעבען, האָט זעהר א גרויסען ווערט נאָר מען דאַרף וויסען ווי דאָס אויסצונוצען. פּונקט אַזוי גוט ווי מען דאַרף זיך זאָרגען פאַר דער נשמה אזוי דאַרף מען אויך זאָרגען פאַר'ן גוף — דער חומר פונ'ם מענשען איז אַ

טייל פון גאָט אַזוי ווי די נשמה און דער וואָס גיט ניט אַכטונג אויף זיין גוף באַגעהט אַן עבירה געגען זיין שעפער.

ווערענד די רבנים מיט אַ צוויי דורות פאַר׳ן בעל־שם האָבען געהאַנדעלט אין איינקלאַנג מיט די מיינונגען פון דעם מהר״ם מלובלין אַז אַ איד דאַרף פייניגען דעם גוף פאַר אַן עבירה, האָט דער בעל־שם גע׳טענה׳ט, אַז דעם גוף דאַרף מען ניט אַטאַקירען ווייל ער איז פונקט אַזוי הייליג ווי די נשמה, חרטה דאַרף קומען פון האַרצען, פונ׳ם געפיהל; אַ זיפץ, אַ קרעכץ פונ׳ם אינערליכען געוויסען, דאַרף באַצייכנען אַז דער מענש אַנערקענט זיין שולד און אַז גאָט וועט איהם העלפען צוריקצוקומען אויפ׳ן גלייכען וועג.

געגען די יעניגע רבנים וועלכע זיינען געוועזען אַזוי איינ־געטאָן אין לערנען אַז זיי האָבען זיך ניט גערעכענט מיט׳ן טעגליכען לעבען, און ביי זיי איז געוועזען רעכט צו פאַרנאַכלע־סיגען דעם אייגענעם קערפּער, געגען די דאָזיגע רבנים פלעגט דער בעל־שם זאָגען, אַז: „זיי זיינען אַזוי פאַרטיפט אין דער תורה אַז זיי האָבען קיין צייט ניט צו טראַכטען וועגען גאָט״.

און אויף די יעניגע וואָס זוכען דורך פאַסטען און פייני־גען דעם קערפּער קומען נעהענטער צו גאָט, פלעגט ר׳ ישראל בעל שם־טוב זאָגען דעם פאָלגענדען משל:

„אַ גנב האָט אַמאָל זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ הויז אין מיטען נאַכט מיינענדיג אַז דער בעל־הבית שלאָפט. דער בעל־הבית איז געווען וואַך און זעהענדיג דעם גנב, האָט ער גענו־מען שרייען און דער גנב איז אַנטלאָפען אין שרעק. באַלד, נאָכהער האָט דער זעלבער גנב זיך אַריינגעכאַפּט אין אנאַנ־דער הויז. דער בעל־הבית וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער מאַן האָט דעם גנב באַמערקט, אָבער האָט זיך געמאַכט שלאָ־פענדיג. דער גנב מיינענדיג אַז דער בעל־הבית שלאָפט, איז ער צוגעקומען נעהענטער צו איהם. דער בעל־הבית האָט דאַן געלעגט זיין האַנט אויף איהם און איהם געהאַלטען איינגע־קלאַמערט ביז די פּאָליציי איז אָנגעקומען און איהם אַרעס־

טירט. דערמיט האָט ער ניט נאָר זיך אַליין געשיצט פון דעם גנב נאָר ער האָט איהם געמאַכט אונשעדליך אויך פאַר אַנדערע מענשען״.

פאַרפייניגען דעם קערפּער אום צו פאַרטרייבען דעם יצר הרע שוואַכט מען אָפּ צו דערזעלבער צייט די נשמה. פאַרקעהרט מען דאַרף דעם יצר הרע צולאָזען נאָהענט צו זיך אום צו קענען לייגען די האַנט אויף איהם און איהם מאַכען אומ־שעדליך — האָט ר׳ ישראל בעל שם־טוב אויסגעפיהרט.

דער שרייבער באַצוועקט ניט צו געבען אַן אויספיהרליכע אָבהאַנדלונג וועגען חסידיזם, בלויז אַ פאַר ווערטער וועגען די סיבות וואָס האָבען די דאָזיגע באַוועגונג ארויסגערופען אינ׳ם אידישען לעבען. אין קורצען, די שוידערליכע גרויזאַמקייט געגען דעם מענשליכען קערפּער וואָס די „פאַרלייכטערטע״ תשובה־רעצעפּטען פון די רבנים האָבען פאַרשריבען פאַר דער לייכטסטער עבירה, האָט ארויסגערופען שפּעטער די רעאַקציע, אָדער דעם פּראָטעסט וואָס מיר רופען „חסידיזם״.

געגען די לעהרע פון די רבנים אז דעם „קערפּערליכען איך״ דאַרף מען פאַרניכטען, איז געקומען דער חסידיזם און געלערענט אז דער קערפּער איז פּונקט אזוי הייליג ווי די נשמה און מען דאַרף איהם ניט צוברעכען אום זיך אפּצורייניגען פון זינד.

אין די דערמאָנטע תשובה־רעצעפּטען פונ׳ם מהר״ם מלובּ־לין קען מען געפינען די סיבות וואָס האָבען ארויסגעבראַכט דעם חסידיזם!

# קבלה און
# בעלי־קבלה

ערשטער קאפיטעל.

# צפת — דער הייליגסטער אידישער צענטער

איידער מיר געהן רעדען וועגען קבלה און בעלי־קבלה, מוזען מיר צוערשט מאַכען אַ פּאָר באַמערקונגען וועגען דער שטאָט צפת פון וואַנען „קבלה" האט זיך פארשפרייט און איז געוואָרען אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין דעם אידישען קולטורע־לען און מאַטעריעלען לעבען.

* * *

צפת איז אַ קליינע אונבאַדייטענדע שטאָט אין גליל העליון, און ווערט דערמאַנט אין דער ביבעל אַלס אַ טייל פון שבט אָשר. וועגען צפת ווערט אין תלמוד'ישע ליטעראַטור אַזוי גוט ווי גאָר ניט דערמאַנט; אויך אין די מיטעל־אַלטער ליטעראַטור ווערט וועגען צפת ווייניג דערמאַנט. ערשט צום ענדע פון דרייצעהנטען יאָהר הונדערט, אין יאָהר 1289, הויבט צפת אָן צו ווערען באַרימט. אין דיזען יאָהר איז דער צפת'ער הויפּט רב, ר' משה בן יהודה הכהן, צוזאַמען מיט די אַנדערע רבנים פון שטאָט אַוועק צום רמב"ם'ס קבר און האָבען מחרים געווען אַלע זיינע חקירה ספרים. אָבער די אמת'ע עפּאָכע פון צפת'ס באַרימטקייט הויבט זיך ערשט אָן מיט דער איינוואַנ־דערונג פון שפּאַנישע אידען, וועלכע זענען ארויסגעטריבען געוואָרען פון שפּאַניען אין יאָהר 1492.

אין דעם ארטיקעל „ר׳ עובדיה מברטינורה״ האט דער שרייבער דערמאנט דעם „אגרת הארכי״, א רייזע באשרייבונג פון ארץ ישראל אין יאהר 1495, און אין דיזער באשרייבונג זאגט דער אונבאקאנטער „הארכי״ אז די ערד אין צפת איז זעהר פרוכטבאר, רייך מיט זיסע וואסער־קוואלען און וואוינונגען זעהר ביליג. דיזע אומשטענדען האבען געבראכט אז פילע שפאנישע אידען האבען זיך באזעצט אין צפת, וועלכע האט אין א קורצע צייט זיך ערווארבען א באדייטענדע אידישע באפעלקערונג, דארונטער גאונים און מקובלים, וויילויט ר׳ יוסף קארו דערמאנט אין זיין ספר „שו״ת אבקת רוכל״ — זיינען תלמידי חכמים פריי געווען פון אלערהאנט טאקסעס און צאהלונגען. דאס האט, נאטירליך, געהאלפען אז צפת זאל ווערען א וויכטיגער גייסטיגער צענטער — פון וואנען עס האט זיך פארשפרייט תורה און קבלה איבער דער גאנצער אידישער וועלט.

די פיהרער פון ירושלים׳ער קהלה האבען דורך שווערע טעקסעס און אנדערע אונבאקוועמליכקייטען פאקטיש פארטריבען אלע נייע אנגעקומענע. צוליב דער קליינליכער פאליטיק פון די ירושלים׳ער פיהרער זענען די וויכטיגסטע איינוואנדערער אוועק נאך צפת און דערמיט געהאלפען די אידישע צפת אויפבליהען אויף דעם חשבון פון ירושלים.

ר׳ יוסף קארו, שרייבענדיג אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט וועגען דער שטאט צפת, מאכט די פאלגענדע כאראקטעריסטישע באמערקונג: „נאך געגויע פופצעהן הונדערט יאהר, זייענדיג אין גלות און ליידענדיג פארפאלגונג, האט גאט ענדליך זיך דערמאנט אן דעם בונד וואס ער האט געמאכט מיט די אבות, און האט צוריק געבראכט זיין פאלק פון געפאנגענשאפט אחד מעיר שנים ממשפחה, פון אלע ווינקעלאך פון ערד־קוגעל האט ער זיי צוריקגעבראכט נאך דעם לאנד פון אונזער שטאלץ און האט זיי באזעצט אין צפת, די געווינשטע פון אלע לענדער״.

אום צו קריגען א באגריף ווי די אידישע וועלט האט

דאָן געקוקט אויף טירקאַי אין אַלגעמיין, װעלען מיר דאָ ציטירען די װערטער פון אַ אידישען משורר אין זעכצענטען יאָהר הונדערט, נעמליך, ר׳ שמואל די אושקו, אין זיין ספר „תנחומות ישראל״, דערמאָנט אין „מוצאי גולה״ פון דעם געניאַלען שפ״ר: „גרויסע טערקאַי . . . אין דיזער נייער מעכטיגער לאַנד װעלען זיך עפענען פאַר דיר, ישראל די טויערען פון רחמנות װאָס װעלען זיך קיינמאָל ניט פאַרשליסען. די טויערען פון פרייהייט, ערלעזונג און ישועה. דאָ װעסטו געפינען געװאָג קרעפטען ארונטערצואוואַרפען פון זיך דיינע פאַרשמוצטע קליידער; ארונטערװאַרפען פון זיך די פרעמדע געטער און פרעמדע מנהגים װאָס דו האָסט געמוזט אָפּהיטען אין די לענדער פון אַ בלוטיגען פיינט: דאָ װעסטו באַנייען דיין יוגענד און װעסט זיך אומקעהרען צו דיין תורה א. אז. װ.

דיזע טרייסט־װערטער גיבען אונז דעם בעסטען בילד פון די האָפנונג װאָס די אידישע אויסװאַנדערער פון שפּאַניען האָבען געלייגט אויף דאַמאָלסדיגער מעכטיגער טירקאַי. עס װעט אונז צוליב דעם ניט װאונדערען װאָרום פילע גרויסע אידישע קהלות זיינען דאָן אויסגעװאַקסען אין די פאַרשידענע טיילען פון דיזער אימפּעריע.

די אידישע צפת איז אין אַ קורצער צייט געװאָרען דער װיכטיגסטער און הייליגסטער אידישער צענטער. פילע גאונים און צדיקים האָט צפת דאַן פאַרמאָגט, און װעגען דיזע קאַן מען מיט רעכט זאָגען אז זיי האָבען מקיים געװעזען „אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות״. אזוי דערצעהלט דער אויבענדערמאָנטער „הארכי״, אז דער צפת׳ער רב ר׳ פרץ קולובי האָט זיך ערנעהרט דורך זיין ארבייט, פאַרקויפענדיג שפּייז־אַרטיקלען. שלמה שלאָמעל (שלמיל) דער מחבר פון „שבחי האר״י״ זאָגט אז איבערהויפּט זיינען חכמי צפת צו באַװאונדערען פאַר זייער ענוות און זייער איינפאַכקייט. „קיינער צװישען זיי — זאָגט שלמיל — שעהמט זיך ניט אליין צו געהן צום ברונען און ברייגען אויף זיינע פּלייצעס עמערס װאַסער, אָדער געהן אין מאַרק קויפען ברויט, אויל, פּרוכט;

זיי טוען אלע ארבייט אין הויז און באנוצען ניט קיין פרעמדע הענט׳.

אין „שבחי האר״י״ ברענגט ער פאלגענדע פאסירונג: ר׳ אברהם גאלאנטי, דער הויפט תלמיד פון ר׳ משה קורדובירו און מחבר פון פילע ספרים, האט געטראגען פון מארק א זאק מעהל. האט עס באמערקט איינער פון די אנדערע תלמידים, און דיזער האט באלד ארונטערגעכאפט דעם זאק מעהל פון גאלאנ־טי׳ס שולטער און האט געשווארען, אז קיין אנדערער אויסער איהם זאל מעגען טראגען דעם זאק מעהל צו גאלאנטי׳ס הויז. אן אנדער מאל האט גאלאנטי געטראגען אויף זיין שולטער א פעסעל וואסער פון א דארף נעבען צפת. אויף דעם איז אנ־געקומען דער צדיק ר׳ מעסוד און געבעטען ר׳ אברהם זאל איהם געבען א טרונק, האט ר׳ מעסיד באלד א כאפ געטאן דאס פעסעל און עס אפגעטראגען אין גאלאנטי׳ס הויז אין צפת.

אין יענער צייט האט צפת עררייכט דעם אויבען־אן צווי־שען אלע אידישע שטעדט. פון דער גאנצער וועלט פלעגען טאג טעגליך אנקומען שאלות ותשובות איבער רעליגיעזע ענינים, און די ווערטער פון צפת׳ער רבנים האבען געמאכט א טיפען איינדרוק צווישען אלע אידען אין די גלות־לענדער. אין אלע אידישע קהלות האט מען אנערקענט דעם באשלוס פון צפת׳ער רבנים אלס די העכסטע אויטאריטעט. ר׳ יוסף קארו, דער מחבר פון בית יוסף און שולחן ערוך זאגט דייט־ליך אין איינע פון זיינע תשובות אין זיין ספר „אבקת רוכל״ סימן י״ז אין יאהר (שי״ד, 1554) אז דאס בית דין אין צפת האט די זעלבע קראפט ווי דער בית דין הגדול, ווייל זיי האבען קיין גלייכען צו זיך אין תורה און אין צאהל אין קיין לאנד, און אויף זייערע ווערטער טאר מען ניט מהרהר זיין.״

אין יאהר שס״ג (1603) האט צפת געהאט 18 ישיבות און איין און צוואנציג שוהלען, אויסער א גרויסע תלמוד תורה פאר די ארימע, אין וועלכער 20 מלמדים האבען געלערענט מיט פיער הונדערט קינדער. דיזע תלמוד תורה איז אויפגע־

האלטע געווארען אויף דעם חשבון פון רייכע אידען אין קאנסטאנטינאפאל.

יענע תקופה קאן באצייכענט ווערען אלס ״תקופת התפשטות הגשמיות״, א תקופה אין וועלכער די גאונים און צדיקים פון צפת האבען מיט זייער הייליגען לעבען און שטרע־בען נאך מידות טובות איבערגעלאזען א טיפען איינדרוק אויף דאס אידישע פאלק ביז היינטיגען טאג.

די אידישע צפת אין זעכצענטען יאהרהונדערט איז גע־ווען א פארזאמלונג פון לויטער בעלי תשובה צו דינען גאט און לערנען זיין הייליגע תורה, אונגעשטערט פון יעדען באגעהר נאך גשמיות. א רעליגיעזע אטמאספערע האט דאן געהערשט אין דער אידישער צפת און האט באאיינפלוסט די דאמאלס־דיגע אידען צו פארברענגען זייער גאנצען לעבען על התורה ועל העבודה.

ר׳ אליעזר עזקארי אין זיין ״ספר חרדים״ רעדט וועגען א סאסייטי מיט דעם נאמען ״סוכת שלום״ פאר וועלכע ער האט דעם ספר חרדים געשריבען. דאס בוך ענטהאלט געוויסע רעגלען ווי זיך צו פיהרען. נאך דיזע רעגלען האט יעדער באַ־דארפט אפגעבען זיין גאנצען לעבען און שטרעבען נאר לעבודת הבורא. און ניט נאר זיך אליין, נאר אויך יעדען אנדערען זוכען אפצואווענדען פון זינד דורך אויפקלערונג און שטראף־רייד, דער צוועק פון די ״סוכת שלום״ איז געוועזען דורך תשובה און מעשים טובים ברענגען נעהענטער די גאולה.

אזוי ווי ר׳ משה קורדובירו׳ס ״חברים״ וועגען וועלכע ס׳ווערט גערעדט אין קומענדען קאפיטעל, אזוי האבען אויך די מיטגלידער פון ״סוכת שלום״ באדארפט אויף זייער פאר־זאמלונג אפגעבען דין וחשבון פון אלעס וואס זיי האבען געטאן דורך דער וואך און זיך מתודה זיין אויף אלעס.

נאך אזא חברה אין יענער צייט איז געווען ״חברת בעלי תשובה״. מיטגלידער פון דיזע גרופע האבען זיך געפיהרט ווי עכטע בעלי תשובה און זייער ארט לעבען איז געוועזען זעהר שטרענג. א גאנצען טאג פלעגען זיי פאסטען און מתפלל זיין

פארגיסענדיג דערביי פיעל טרעהרען און דאן אנטאהן א זאק מיט אש אויף זיך. די יעניגע וואס פלעגען ניט קענען פאסטען אלע טאג, פלעגען פאסטען צוויי טעג און נעכט נאכאנאנד יעדע וואך. צפת איז דאן געווען ניט נאר דער צענטער פון פרומקייט און הייליגקייט, נאר אויך פון תורה און תלמידי חכמים. מעהרסטע פון דיזע בעלי תשובה ווי אויך דער גרעסטער טייל פון צפת׳ער איינוואוינער זיינען געוועזען גרויסע תלמידי חכמים, שוין אפגערעדט פון די באַריהמטע גאונים פון יענער פעריאדע וועלכע האבען זיך דאן געפונען אין צפת, פאר דעם יעניגען וואס האט געזוכט א גייסטיגע אומגעבונג האט צפת באדארפט זיין אן אמת׳ער גן עדן. האט איינער פארגעצויגען תלמוד און פוסקים האט ער געקענט געהן הערען ר׳ יוסף קארו, ר׳ משה טראני (מבי״ט), ר׳ שלמה סאגיז און די אנדערע בארימטע ראשי ישיבות; האט איינער ספעציאליזירט אין קבלה און סתרי תורה האט ער געקענט זעטיגען זיין נשמה מיט די פארטרעגע פון ר׳ שלמה אלקאבעץ הלוי (דער מחבר פון „לכה דודי״) און ר׳ משה קורדיבורו, האט אימיצער געוואלט הערען דרוש האט ער זיך געקענט צופרידען שטעלען מיט די דרשות פון ר׳ משה אלשיך, וועלכע זיינען נאך היינט אויך זעהר פאפולער ביין דרוש־ליבענדען עולם. אין קורצען, צפת איז דאן געוועזען אן אינטעלעקטועלער גן עדן.

צווייטער קאפיטעל.

## ר׳ משה קורדיבירו (לעז-קארדאווערא) און זיין איינפלוס אויף דעם אידישען מיסציטיזם

ר׳ משה קורדיבירו איז געבוירען געווארען אין יאהר רפ״ב (1522). פון זיין פריוואטען לעבען איז ווייניג וואס באַקאנט אויסער דעם פאקט אז ער האט געהייראט די שוועסטער

פון ר׳ שלמה אלקאבעץ הלוי, דער פארפאסער פון די וואונדער שעהנע מעלאדיע „לכה דודי״. (אין די ראשי תיבות פון „שמור וזכור״ ביז „ימין ושמאל״ געפינט זיך דער נאמען „שלמה הלוי״). אלס תלמיד פון ר׳ יוסף קארו האט ער גע־לערענט תלמוד און הלכה און ר׳ יוסף קארו האט מיט איהם זעהר שטאלצירט און געזאגט אויף איהם דעם פסוק: „בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני״. (מיין זוהן אויב דיין הארץ איז קלוג וועט זיך מיין הארץ אויך זעהר פרעהען). ווייטער ווייסען מיר פון איהם אז ער איז געוועזען איינער פון די דיינים אין צפת און ער האט געהאט זיין אייגענע ישיבה, אין ר׳ יוסף קארו׳ס ספר פון שאלות ותשובות „אבקת רוכל״ וועלכען מיט האבען דערמאנט אין פאריגען ארטיקעל, ווערט געבראכט א שאלה ותשובה פון מהר״ם קורדובירו און ר׳ יוסף קארו טיילט איהם צו דעם גרעסטען כבוד אלס תלמיד חכם. אבער ווי גרויס ער איז געוועזען אלס תלמיד חכם, איז ער אבער נאך מעהר בארימט געווארען אלס מקובל. און אלס מחבר פון ספרי קבלה, אין וועלכע לעהרע ער האט איבער־געשטיגען אלע זיינע פארגענגער. אין דער הקדמה צו זיין ספר „פרדס״ זאגט ר׳ משה קורדובירו, אז נאך צו צוואנציג יאהר אלט האט איהם א געטליכע שטימע געווארענט „צו פארריכטען דעם מזבח פון גאט וועלכער ליגט צושטערט״ און אונטער דיזע ווארנונג האט ר׳ משה קורדובירו פארשטאנען אז דאס מיינט ער זאל ניט פארנאכלעסיגען צו לערנען און שטו־דירען די געהיימניסע פון דער תורה.

די ערשטע באקאנטשאפט זיינע מיט די געהיימע לעהרען פון דער קבלה האט ר׳ משה קורדיבירו געקראגען פון זיין שוואגער שלמה אלקאבעץ הלוי, וועלכער האט דאן פיגורירט אלס דער פיהרער פון די קאבאליסטען אין צפת. אין אנאנדער ארט ווערט דערמאנט אז אויך יוסף קארו פלעגט זיך ווענדען צו ר׳ שלמה הלוי ווען ער האט געהאט פאר זיך עפעס דונקע־לעס אין זוהר. צו זעקס און צוואנציג יאהר טרעפען מיר שוין

ר׳ משה קורדובירו אלס מיטגליד פון דער גרופע באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „חברים׳׳.

דיזע גרופע „חברים׳׳ איז באַשטאַנען פון אַזעלכע וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט די געהיימניסע פון קבלה, מיט ר׳ שלמה אלקאַבעץ הלוי אַן דער שפּיצע. דיזע גרופע שטעלט פאַר מיט זיך אַ רעליגיעזע גרופע וואָס איהר גלייכען איז כמעט שווער צו געפינען אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע. מיטגלידער פון דיזער גרופע פלעגען זיך פאַרזאַמלען אויף דעם קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי און זיין זוהן, און דאָרטען זיצען און קלאָגען אויף די שכינה וואָס איז אוועק אין גלות און אויף גאָט׳ס נאָמען וואָס ווערט פאַרשוועכט צווישען די אומות העולם צוליב אונזערע זינד. דאָן פלעגט מען לערנען צוזאַמען זוהר און אַנדערע הייליגע ספרים. די „חברים׳׳ פלעגען מוזען זיצען אַ גאַנצע וואָך על התורה ועל העבודה. די תקנות וואָס ר׳ משה קורדובירו האָט פאַרפאַסט פאַר די „חברים׳׳ וועלען אונז געבען אַ באַגריף וועגען דעם רעליגיעז־מאָראַלישען לעבען פון יענער מערקווירדיגער עפּאָכע אין צפת:

אַ „חבר׳׳ מוז אימער טראַכטען און קלעהרען נאָר וועגען דער תורה און די הייליגע ווערטער פון די חכמים, אום אין זיין הארץ זאָל די שכינה קאָנען געפינען אַ פּאַסענדען פּלאַץ.

אַ „חבר׳׳ זאָל קיינמאָל אַריינקומען אין כעס, ווייל כעס ברייננגט דעם מענשען צו זינד. אַ „חבר׳׳ זאָל אימער זיין געלאַסען אין זיין אומגאַנג מיט מענשען, אפילו מיט די יעניגע וואָס פאַרברעכען געגען דער תורה מוז ער זיין געלאַסען (בנחת) ניט צו רעדען שלעכטעס געגען מענשען, אַפילו ניט געגען אַ חיה אָדער אַ בהמה. אַ „חבר׳׳ זאָל קיינמאָל אימיצען שעלטען, אפילו ווען ער איז אין כעס; פאַרקעהרט, ווען ער וויל שעלטען, זאָל ער בענשען.

ער זאָל נישט שווערען אַפילו אויף אַן אמת׳ע זאַך.

אין קיין פאַל זאָל ער ווען אַרויסלאָזען אַ פאַלשקייט פון מויל.

יעדען פרייטאָג מוזען די „חברים׳׳ אָבגעבען דין וחשבון

פון דאס וואס זיי האבען געטאן א גאנצע וואך און דאן ערשט מקבל שבת זיין.

צו בענשען נאכ'ן עסען מיט א הויך קול אום די קינדער זאלען נאכזאגען ווארט פאר ווארט.

זונטאג זאל מען זיך היטען ניט צו עסען פלייש, אדער פליישיגע מאכלים און ניט טרינקען ווייך און איבערהויפט זיך ניט לוסטיג מאכען אין דעם טאג, אויסער יום־טוב, ראש חודש און ביי א סעודת מצוה.

יעדע נאכט זאל מען זיצען אויף דער ערד און קלאגען אויף'ן חורבן און האבען אין זינען די אייגענע זינד צוליב וועלכע מען פארלענגערט דעם גלות.

אויסצומיידען יעדען אוננוציגען שמועס.

אין יעדען וואכעדיגען טאג צו זאגען „על נהרות בבל" פאר'ן בענשען.

צו געבען צדקה יעדען טאג אלס כפרה פאר די זינד.

א נדר זאל מען באלד באצאלען און ניט שפעטער ווי דריי־סיג טעג.

א „חבר" מוז אבהיטען זיך מתודה צו זיין פאר'ן עסען און פאר'ן שלאפען.

מען זאל פאסטען וויפיעל מען קען פארטראגען.

ביי יעדער ביסען זאל מען טראכטען אין דברי תורה אום דער עסען זאל זיין גערעכענט אלס א קרבן.

א „חבר" מוז לערנען יעדען טאג מקרא, משנה, תלמוד, קבלה און פסק.

מען דארף לערנען דעם גאנצען תלמוד דריי מאל געגען צוועלף חדשים.

צו פארגיסען טרעהרען ביים דאווענע, אמווייניגסטען כאטש ביי איין תפלה.

צו פאסטען דריי טעג כסדר פיער מאל א יאהר, אין די פיער פארשידענע תקופות פון יאהר, און וואס מעהר פאס־טען, אלץ בעסער.

די חברים מוזען רעדען צווישען זיך אין אלע צייטען נאר לשון הקודש.

די אויבענגענאנטע פארשריפטען זיינען בלויז א טייל פון די תקנות נאך וועלכע ר׳ משה קורדובירו מיט זיינע תלמידים און חברים האבען זיך געפיהרט. עס איז איבעריג צו זאגען אז אונטער אזוינע שטרענגע לעבענס־פארשריפטען ערדייכט דער מענש צו א שטופע פון הייליגקייט און געטליכקייט וואס איז פאר דעם געוועהנליכען בשר ודם שווער משיג צו זיין. אין יעדע פון די אמאליגע אידישע קהלות זיינען געוועזען מענשען וואס האבען געלעבט דעם לעבען פון הייליגע, אבער אזא קאנצענטרירונג פון קדושה און געטליכקייט ווי די אידישע צפת האט דאן פארגעשטעלט, איז שווער צו געפינען אין דער גאנצער אידישער געשיכטע.

צווישען די פארשידענע ווערק פון ר׳ משה קורדובירו איז אהן צווייפעל דער „פרדס״ דער וויכטיגסטער. דער „פרדס״ (ראשי תיבות, פשט, רמז, דרוש, סוד) איז דער דייטליכסטער און קלאהרסטער קבלה ספר וואס גיט דעם לעזער א גענויען באגריף וועגען די געהיימניסע פון קבלה נאך די אויפפאסונג פון ר׳ משה קורדובירו. אין „פרדס״ ווערט באנוצט די זעלבע מעטאדישע געדאנקען און לאגישע ארגומענשען פון זיין רבי׳ן ר׳ יוסף קארו, וועלכע האבען אזוי בארימט געמאכט דעם „בית יוסף״ און „שולחן ערוך״, דער „פרדס״ האט ארויסגע־בראכט א גרויסע צאהל קבלה ספרים פון מחברים אין צפת, אין איטאליען און אין דייטשלאנד, פאר ווען דער „פרדס״ איז געווען דער וועג־ווייזער. דער „פרדס״ ווערט נאך היינט אנערקענט ביי מאדערנע פארשער פון קבלה אלס גרויסע אוי־טאריטעט.

ר׳ משה קורדובירו האט פארפאסט פילע ספרים פון וועל־כע מעהרערע זיינען נאך ניט געדרוקט. די מעהר באקאנטע זיינען: „הפרדס״, זבחי שלמים״, „אלימה רבתי״, „ואלימה זוטרתי״, „שיעור קומה״, און מעהרערע אנדערע. ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי (החיד״א) אין זיין „שם הגדולים״ דערמאנט

אַז מאַנכע פון קורדובירו׳ס אונגעדרוקטע ווערק וואָלטען פאַר־נעהמען אין דרוק פאָרמע מעהר ווי זעכצעהן גרויסע בענדער, ווייטער דערמאָנט אזולאי, אַז דער גרויסער אידישער גביר אין איטאַליען, ר׳ מנחם עזריה פון פאַנו (פאַנאַ) וועלכער איז אַליין אויך געווען אַ גרויסער בעל מקובל, האָט זיך געלאָזט קאָסטען אַ גרויסען פארמעגען אויף קורדובירו׳ס ספרים.

עס ווערט באַהויפּטעט ביי פילע געלעהרטע אַז דער שפּע־טערדיגער גרויסער פילאָזאָף, ברוך שפּינאָזאַ, האָט זיך באַנוצט מיט קורדובירו׳ס קבלה׳שע לעהרע אַלס גרונד פּרינציפּ פאַר זיינע פילאָזאָפישע אַנשויאונגען. שפּינאָזאַ׳ס פילאָזאָפיע — זאָגען דיזע געלעהרטע — איז געבויט הויפּטזעכליך אויף ר׳ משה קורדובירו׳ס סיסטעמע אין קבלה.

קורדובירו איז געשטאָרבען אין עלטער פון אַכט און פער־ציג יאָהר, און ר׳ יוסף קאַרו אין זיין הספד אויף זיין קבר האָט געזאָגט: „כאן נגנז ארון התורה״. ר׳ יצחק לוריא (האר״י) האָט אויף איהם געזאָגט „משה אמת ותורתו אמת״.

## ר׳ יצחק לוריא — האר״י און זיינע קבלה אַנשויאונגען

### דריטער קאַפּיטעל

די העכסטע מדרגה פון באַרימטהייט האָט צפת ערדייכט מיט דעם אַנקומען פון ר׳ יצחק לוריא (האר״י). ר׳ יצחק לוריא איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר תצ״ד (1534). שטאַמענדיג פון אַ דייטש־אידישע פאַמיליע, האָט מען איהם גערופען ר׳ יצחק אַשכנזי, און די ראשי תיבות „האר״י״ לעזט זיך „האשכנזי ר׳ יצחק״.

וועגען זיין געבורט ווערט דערצעהלט, אַז אליהו הנביא האָט זיך באַוויזען צו זיין פאָטער און איהם געזאָגט: „זיי וויסען, אַז פון הימעל האָט מען מיך געשיקט דיר זאָגען, אַז

דיין ווייב וועט האבען א זוהן און דו זאלסט איהם א נאמען געבען יצחק. ער וועט די אידען באפרייען פון די פינסטערע כחות פון די סטרא אחרא, און ער וועט ברענגען א תיקון פאר די נשמות וואס מוזען ליידען פון גלגולים. דורך איהם וועט פארשפרייט ווערען די ליכט פון קבלה". ווייטער האט איהם אליהו הנביא פארזאגט אז צום ברית זאל מען ווארטען אויף איהם. דער פאטער האט געטאהן ווי אליהו הנביא האט איהם געזאגט. און דאס קינד איז ווירקליך אויסגעוואקסען א וואונ־דער קינד.

צום עלטער פון אכט יאהר איז ער שוין געווען אזוי קלאר אין תורה אז קיינער פון ירושלים'ער תלמידי חכמים האט זיך ניט געקענט גלייכען צו איהם אין לערנען. צו יענער צייט איז זיין פאטער, שלמה, געשטארבען און איבערלאזענדיג די אלמנה אין ארימע אומשטענדען, האט זי פארלאזען ירושלים און איז אוועק צו איהר רייכען ברודער, דער מוכס (טעקס קאר־לעקטאר) מרדכי פראנסיס אין קאירא, מצרים. דער רייכער ברודער האט אויפגענומען זיין שוועסטער מיט איהר קינד מיט אפענע ארעמס און האט מיט א ברייטע האנט זיי פאר־שאפט די מיטלען צום לעבען. נאכמעהר, דעם פלימעניק יצחק לוריא האט ער אדאפטירט אלס אייגען קינד, און האט איהם אנפארטרויעט אלס תלמיד אונטער דער אויפזיכט פון ר' בצלאל אשכנזי. דער מחבר פון „שיטה מקובצת". ביי איהם האט דער יונגער יצחק לוריא געלערענט ביז צום עלטער פון פופצעהן יאהר.

זיין ערשטע באקאנטשאפט מיט דער קבלה האט דער האר"י באקומען דורך ר' דוד בן זמרה (הרדב"ז) און קוים האט ער געקראגען א צוטריט צו דעם איז ער באלד אריינגעשלעפט געווארען מיט זיין גאנצער סענטימענטאלער נשמה. דורך א צופאל האט ער באקומען דעם „זוהר" וואס איז דאן צום ערש־טען מאל געדרוקט געווארען, און איז באלד ווי דורך א צויבער פארוואנדעלט געווארען אין א זאנדערלינג. ער האט זיך באלד אפגעזונדערט פון דעם טאג־טעגליכען לעבען און פון זיינע

מיטמענשען, און מיט דעם גאַנצען רעליגיעזען ענטוזיאַזם זיך אריינגעוואָרפען אין שטודיום פון „זוהר" און אַנדערע קבלה ספרים. „נאָר דורך התבודדות — פלעגט ער זאָגען — קען מען טיעף אריינדרינגען אין די סודות פון קבלה".

צום עלטער פון פופצעהן יאָהר האָט ער געהייראט די טאָכטער פון זיין רייכען פעטער ר' מרדכי, און דיזער האָט איהם אויסגעהאַלטען מיט אַלע לעבענס באַדערפניסע. זעהענדיג אז זיין יונגער איידים וויל פיהרען התבודדות, האָט ער אויסגעבויט פאַר איהם אַ הויז ביים ברעג פון טייך נילוס. אין דיזער איינזאַמער וואוינונג האָט ר' יצחק לוריא געפּראַוועט תקונים, און טאָג ווי נאַכט געלערענט קבלה. ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, בלויז ערב שבת פלעגט ער קומען צו זיין פאַמיליע אַ היים, און אויך דאַן פלעגט ער רעדען מיט זיין פרוי נאָר לשון הקודש. אַ גאַנצע וואָך האָט ער פאַרבראַכט אין פאַסטען, אין תפלה און אין לערנען. זייענדיג אָבגעזונ־דערט פון דער וועלט אונטער אַזאַ אַרט לעבען פאַר אַ צייט פון אַכט יאָהר, האָט ער עררייכט אַ מדרגה פון הייליגקייט וואָס האָט איהם געמאַכט פעהיג זיך צוזאַמענצוקומען מיט אליהו הנביא און אַז די „שכינה" זאָל זיך אַנטפּלעקען צו איהם. לויט ווי געוויסע מחברים פון יענער צייט גיבען איבער. אַ שטימע פון הימעל — דערצעהלט מען — האָט איהם דאַן גע־לאָזט וויסען אזוי ווי ער וועט לאַנג ניט לעבען אויף דער וועלט זאָל ער דאָרום באַלד פאַרלאָזען דאָס לאַנד מצרים, דאָס לאַנד פון טומאה, און געהן נאָך צפת צו ענדיגען דאָרטען די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען אין עולם התחתון.

די פאָלקס־אַגדה דערצעהלט ווייטער פון איהם אַז די נשמה פון „האר"י" פלעגט יעדע נאַכט האָבען עלית נשמה, און דאָרטען אין די הימלישע ספערען פלעגען די מלאכי השרת שטעהן צו זיין דיענסט און איהם אפפיהרען אין יעדע הימלישע ישיבה וואו זיין נשמה האָט געוואָלט געהן לערנען. אין דיזע הימעלשע ישיבות באַגלייטעט פון דער פמליא של מעלה, פלעגט דער „האר"י" יעדע נאַכט לערנען די סודות פון קבלה.

אנקומענדיג אין צפת און אריינפאלענדיג אין אזא הייליגע סביבה, האט זיך די גרויסקייט פון האר״י באלד ארויסגעוויזען אם בעסטען. ר׳ משה קורדובירו האט באלד אין איהם דערקענט דעם פאסענדען יורש וועמען איבערצוגעבען די גרויסע גייסטיגע ירושה. נאר כל־זמן ר׳ משה קורדובירו האט געלעבט, האט זיך דער „האר״י הקדוש״ געהאלטען ניט מעהר ווי א תלמיד וואס איז אונטערוואָרפען צו זיין רבינ׳ס ווארט. דער שם טוב פון האר״י טראָץ זיין יוגענד, האט אבער באלד אריבערגעשטיגען גרויסע גאונים, וואס זיינען דאן געווען אין צפת.

די לעהרע אין שיטת הקבלה פון האר״י האט אין א קורצע צייט צוגעצויגען צו זיך מעהר אנהענגער ווי יעדע אנדערע קבלה׳ישע לעהרע. דערצו נאך האט די פערזענליכקייט פון האר״י געהאט אין זיך אזא מאגנעטיזם, וואס האט באאיינפלוסט און באצויבערט אלע וועלכע זיינען געקומען אין באריהרונג מיט איהם.

עפעס געהיימניספולעס און באצויבערענדעס האט געמוזט ליגען אין דער פיגור פון האר״י, אז אלס יונגערמאן האט ער געקענט אין א שטאדט פון לויטער גאונים און מקובלים אין א קורצער צייט צוציהען צו זיך אזא גרויסע נאכפאלגערשאפט.

* * *

אים צו ערקלעהרען, ווי ווייט מעגליך, דעם פונדאמענט אויף וואס עס איז געבויט דעם האר״י׳ס לעהרע, מוז מען געבען אן ערקלעהרונג וועגען דעם באגריף פון „אין־סוף״. די „אונענדליכקייט״ וואס האט אויסגעפילט דעם גאנצען וועלט־חלל, בעפאר די וועלט, דער „סוף״ איז באשאפען געווארען; איבער „צמצום״ (קאנצענטראציאן), איבער דעם באגריף פון די „ספירות״, איבער „אצילות״ איבער „צינורות״ און „פרצופים״; און צעהנדליגע אנדערע אזעלכע מושגים (טערמינען) פון וועלכע יעדע באזונדער וואלט געפאדערט א לענגערע ערקלעהרונג, דער שרייבער וועט אלזא איבערגעבען דעם

הויפּט געדאנק פון האר״י׳ס שטה אין קבלה, אדער ריכטיגער, די פּסיכאָלאָגישע לעהרע אויף וואס דעם האר״י׳ס קבלה איז באגרינדעט.

אַלע נשמות וואָס האָבען געזאָלט ארונטערקומען אין עולם התחתון פאַר די מענשליכע ראַסען זיינען באַשאַפען גע־ווארען צו דערזעלבער צייט ווען אדם הראשון איז באַשאַפען געווארען צוזאַמען מיט די נשמות פון אַלע קומענדע דורות. אין גוף פון אדם הראשון — ,,אדם קדמאה״ ווי דער זוהר דריקט זיך אויס, געפינען זיך אלזא, אַלע נשמות וואס האָבען געזאָלט צוזאמענשטעלען די מענשהייט.

אזוי ווי אין קערפּער געפינען זיך פאַרשידענע גלידער, מאַנכע וויכטיגערע, מאַנכע געמיינערע, אַזוי אויך זיינען די נשמות מאַנכע וויכטיגערע, פון העכערען ווערטה, און מאַנכע אונוויכטיגע, פון קלענערען ווערטה. עס ווענדעט זיך מיט וועלכען גליעד אין אדם הראשונ׳ס קערפּער די נשמה איז פאַר־בונדען, איז די נשמה פארבונדען מיט א וויכטיגען גליעד איז זי אליין אויך אַ וויכטיגע און גרויסע נשמה, איז די נשמה אָבער באהעפטט צו אן אונבאדייטענדער גליעד, איז זי אליין אויך אַ קליינע געמיינע נשמה. דערפון קומט עס אז עס איז דאַ נשמות וואס שטאַמען פון די מארך, נשמות וואס שטאַמען פון די הענט און נשמות וואס שטאַמען פון די פיס און אנדערע נידעריגע טיילען אין מענשליכען חומר.

יעדע מענשליכע נשמה איז אַ פונק, א ,,ניצוץ״ פון אדם הראשון.

אין דער וועלט באַשאַפונג איז געוועזען אויסגערעכענט אַז יעדע נשמה זאָל האָבען איהר באַשטימטען פּלאַץ אין דער וועלט ; צו גוט אדער שלעכט, יעדע נשמה האַט געזאָלט וויסען וואו זי באלאנגט און וואו איהר פּלאַץ איז. אָבער ווען אדם הראשון, דער פאַטער פון דער מענשליכער ראַסע, האַט גע־זינדיגט, איז באַלד געקומען אַ צומישעניס אויף דער וועלט. דורך אדם הראשונ׳ס זינד איז אויסגעמי״שט געווארען דאס גוטע און דאס שלעכטע און דאס שלעכטע אין דאס גוטע. נשמות

פון פארשידענע קלאסען זיינען באלד אויסגעמישט געווארען איינע אין דאס אנדערע, און צוליב דעם איז אפילו אין דאס ריינסטע נשמה געפינט זיך אן עלעמענט פון שלעכטעס, אדער ווי דער האר״י דריקט עס אויס: די „קליפה״. דאס אונריינע און שעדליכע געפינט זיך אויך אין דער בעסטער נשמה. די היילינסטע נשמה קען זיך אין גאנצען נישט באפרייען פון די שמוציגע „קליפה״, דער סימבאל פון דאס שלעכטע אין צו־שטערענדע וואס איז אויסגעמישט געווארען אין דאס גוטע, צוליב דעם מענשענ׳ס זינד. וואלט אדם הראשון געבליבען ריין פון זינד, וואלטען די נשמות פון די צוקונפטיגע דורות געבלי־בען אונבאפלעקט פון זינד און עס וואלטען עקזיסטירט געווי־סע גרעניצען אבצוזונדערען דאס גוטע פון דאס שלעכטע, אזוי אבער איז אלעס אויסגעמישט און דער רעזולטאט איז אז אין דער ריינסטער נשמה געפינט זיך עפעס פון דאס שלעכטע און פארקעהרט, אין די שלעכטע נשמות געפינט זיך אויך עפעס פון דאס גוטע און ערהאבענע.

דיזער צושטאנד, דיזע ערבוביה, וועט אנהאלטען אזוי לאנג ווי די מענשהייט געפינט זיך אונטער דעם איינפלוס פון אדם הראשונ׳ס זינד. וועט די מענשהייט זיך באפרייען פון דאס ערשטע מענשליכע זינד וואס ליגט אויף איהר ווי א לאסט, וועט דאן קומען די מלכות השמים, די הימלישע רעגי־רונג אויף דער וועלט.

ווייטער באהויפטעט דער האר״י, אז פון די ערגערע נשמות, די נשמות וואס זיינען באהעפט געווארען צו די געמיינערע טיילען אין דעם ערשטען מענשליכען חומר, איז ענט־שטאנען די געצענדינערישע וועלט, ווערענד פון די העכערע נשמות איז ענטשטאנען דאס אידישע פאלק, דער „עם סגולה״. נאר ווי שוין געזאגט, עפעס גוטעס געפינט זיך אויך אין די געמיינערע נשמות, און טיילען פון דער טומאה מיט די סטרא אחרא זיינען אנגעשטעקט אין די בעסטע נשמות, און דיזע טומאה מיט וועלכע די עדעלסטע נשמות זיינען אנגעשטעקט דערלאזט נישט דעם מענשען זיך צו דערנעהענטערען זיך צו דער

תורה און דאָס הייליגקייט. „השאור שבעיסה" דערלאָזט ניט די עדעלסטע נשמה זיך צו דערהויבען צו די עולמות העליונים.

ווען די קדושה וועט זיך אָפּזונדערען פון די טומאה, ווען די „ניצוצות הקדושות", די געטליכע פונקען, וועלען זיך באַפרייען פון די קליפות, ערשט דאַן וועט משיח קומען, און עס וועט אויפטרעטען די פּעריאָדע פון „מלכות שדי" — אַ וועלט באהערשט פון הימלישע אידעאַלען.

ביז יענער צייט פון מלכות שדי, מוז די מענשליכע נשמה צוליב די קליפה פון וועלכע זי קען זיך ניט באפרייען, ארומוואַנדערען אין פארשידענע קערפּערס פון מענשען, פון חיות, פון בוימער, פון וואַסערען און פון שטיינער. די מענשליכע נשמה מוז ווערען געלייטערט און גערייניגט פון דעם שמוץ וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט אויף איהר, און דיזער רייניגונגספּראָצעס ווערט פארווירקליכט דורך דעם וואָס די נשמה מאַכט דורך פארשידענע גלגולים.

די טעאָריע פון „גלגולים" איז דער הויפּט שטריך אין דעם האר"י'ס קבלה'שע לעהרע. דאָס הייסט, אַז די נשמה, אפילו פון דעם גרעסטען צדיק, מוז דורכמאַכען גלגולים, ווייל „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" — דעם צדיק'ס נשמה איז אויך ניט ריין פון די קליפה. צוליב דעם מוז זי אויך דורכמאַכען דעם זעלבען רייניגונגס פּראָצעס און פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַן אנדער קערפּער, ביז וואַנען זי וועט קענען קומען צוריק צו איהר הימלישער אַבשטאַמונג.

* * *

אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעהרע פון גלגול הנפש האָט דער האר"י ז"ל באַשאַפען די טעאָריע פון „סוד העבור" — דער פּראָצעס פון נשמה-געבורט ביים לעבעדיגען מענשען. „גלגול הנפש" מיינט, אַז ווי באַלד דאָס קינד קומט אַרויס פון'ם מוטערליכען קערפּער געהט באַלד אין איהם אַריין די נשמה, און צוזאַמען מיט דאָס קינד מאַכט די נשמה אויך דורך דעם גאַנצען צער מיט די יסורים פון די חבלי-לידה; וועהרענד

„עבור‟ מיינט אַז אויך נאָכהער ווען דער מענש איז שוין געבאָרען און פיזיש אויסגעוואַקסען, געהט אין איהם אַריין אַ נייע נשמה וואָס זוכט איהם צו העלפען אין זיין קאַמף געגען די „קליפה‟, אָדער געגען די „סטרא אחרא‟.

ווען די ריינע נשמה פון א צדיק האָט פאַרנאַכלעסיגט ביים לעבען געוויסע פליכטען, געוויסע מצוות דאַן מוז די דאָזיגע נשמה זיך אומקעהרען אין עולם התחתון און זיך באַהעפטען צו דער נשמה פון אַ לעבעדיגען מענשען אום צו פאַרריכטען דאָס וואָס זי האָט פאַרנאַכלעסיגט בעפאָר אין איהר פריהעריגען עקזיסטענץ. גלייכפאַלס די יעניגע נשמה וואָס איז געוועזען ביים לעבען אין גאַנצען אונבאַפלעקט. ריין פון דעם מינדסטען שמוץ פון זינד, דיזע נשמה מוז זיך אומ־קעהרען אין עולם התחתון זיך צו באַהעפטען צו אַ שוואַכערע נשמה וועלכע איז ניט שטאַרק גענוג צו קעמפען געגען דער טומאה.

אין לעבען פון אַ צדיק — באַהויפטעט דער האר״י — קען אַלזאָ פּאַסירען, אַז צוויי אָדער דריי נשמות מיט אַ מאָל זאָלען געבאָרען ווערען, אָדער ריכטיגער „מעוברת‟ ווערען, אום איהם צו העלפען ערדרייכען צום סאַמע שפּיץ פון גייס־טיגע פאָלקאָמענהייט, צו „שלמות‟, אויך דיזע נשמות זיינען „ניצוצות‟ פונקען פון דעם זעלבען אָרגאַן אין אדם הראשון׳ס קערפּער. מעהרערע נשמות פון דעם זעלבען כאַראַקטער, פון דעם זעלבען מקור אין דעם „אדם הקדמון‟ קענען אַמאָל זיך אַרונטערלאָזען אין די ערדישע וועלט און זיך מתדבק זיין מיט דער נשמה פון אַ צדיק און העלפען די לעצטע גענצליך זיך צו באַפרייען פון די סטרא אחרא.

אין דעם זינן ערקלעהרט דער האר״י דעם תלמוד׳ישען מאמר: „צדקה עשה הקב״ה עם ישראל שפזרן לבין האומות‟ דער וועלט באַשאַפער האָט געטאַן אַ גערעכטע זאַך ווען ער האָט פאַרשפּרייט דאָס אידישע פאָלק, צווישען די אַנדערע פעלקער, ווייל ווי געזאָגט, די נידעריגע נשמות זיינען אַוועק צו די אומות העולם, און די נשמות פון א העכערע מדרגה

וואס דאס אידישע פאלק פארמאגט מישען זיך אויס און זיינען זיך מזדווג מיט די ביליגע נשמות פון די גויים; די ניט אידישע נשמות וואס זיינען באהערשט פון דער קליפה ציהען צו צו זיך די קדושה פון די אידישע נשמות און אזוי העלפט דאס אידישע פאלק ברענגען אויף דער וועלט די מאראלישע גאולה פאר דער מענשהייט.

אין אנדערע ווערטער מיט דער פארשפרייטונג פון ישראל צווישען די אומות העולם האט דער כביכול געוואלט פארשפרייטען ליכט און בילדונג אין דער ניט אידישער וועלט, — א געדאנק וואס שמעקט מיט דעם שעהנסטען סארט רעליגיעזען טאלעראנץ. די קריטיקער וואס זעהען נאר די טונקעלע זייט, די שאטענס אין דעם האר״י׳ס מיסטישע לעהרע, וואלטען כ׳לעבען זיך באדארפט רעכענען מיט דעם האר״י׳ס העכסט פארגעשריטענעם הומאנישע פרינציפען. אין האר״י׳ס לעהרע שפילט די ליבע צו זיינע מיט־מענשען די הויפט ראלע. אין פאקט ווי ווייט דעם האר״י׳ס טאלעראנץ האט געגרייכט קען דינען דער פאלגענדער פאקט: פאר׳ן דאווענען האט דער האר״י געהייסען זיינע תלמידים מקיים זיין די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך״ און מתפלל זיין פאר דעם כלל ישראל אזוי גוט ווי פאר דעם ניט־אידען. די ליבע צו דעם מיט־מענשען, אהן אונטערשיעד פון ראסע, אדער רעליגיאן; אין פאקט, די ליבע צו אלע גאט׳ס באשעפענישען, איז געווען דער לייטענדער מאטיוו אין האר״י׳ס לעבענס־אנשויאונג.

ר׳ יצחק לוריא האט מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט זיך אבגעהיט פון טויטען א לעבעדיגע זאך. אין דעם קלענסטען ווערימעל, האט ער געזעהן א לעבעדיגע נשמה; די נשמה פון לעבען. נאך זיין שיטה האט ער ערקלערט אז די נשמות פון א געזונקענע מענשהייט מוז מגולגל ווערען אין פארשידענע בעלי־חיים.

אין דער גאנצער נאטור האט דער האר״י געזעהן א וועלט פול מיט נשמות; נשמות פון פארשטארבענע וואס קומען צוריק אין עולם התחתון צו געפינען א „תקון״, און נשמות

פון הייליגע און אויסגעליטערטע וואס קומען זיך באהעפטען מיט שוואכע נשמות, אום די לעצטע צו העלפען אין זייער ווידערשטאנד געגען די שווארצע כחות פון די „סטרא אחרא.

זייענדיג איבערצייגט אז די נאטור איז פול מיט נשמות פון פארשטארבענע, אי פון די וואס קומען זוכען תקון און אי פון אזעלכע וואס קומען העלפען אנדערע נשמות, האט גע־בראכט דערצו אז דער הארי״ האט געזעהן נשמות איבעראל — א וולט חלל פול מיט נשמות; נשמות אין לעבעדיגע בא־שעפענישען און נשמות אין דוממים; אין אלעס וואס די נאטור פארמאגט ליגט ערגעץ א נשמה.

עס ווערט צוליב דעם באהויפטעט אז דער הארי״ האט פארשטאנען דעם שמועס פון בוימער — שיחות דקלים — די שפראך פון מלאכים. עס ווערט אויך באהויפטעט אז דער הארי״ ז״ל קוקענדיג אויף מענשענ׳ס שטערען פלעגט ער באלד קענען זאגען פון וואס פאר א מקור די נשמה פון דעם דאזיגען מענשען שטאמט, און וועלכע פארשידענע גלגולים זי האט דורכגעמאכט און צוליב וואס די דאזיגע נשמה איז געקו־מען פון דאס־ניי אויף דער וועלט.

אויף אזא אופן פלעגט ער זאגען פילע פון די גאונים וואס האבען דאן געלעבט אין צפת, פון וואנען זייער נשמה קומט, און די גלגולים וואס זי האט שוין דורכגעמאכט. דעם באריהמטען ר׳ משה אלשיך האט ער געזאגט אז אין איהם געפינט זיך די נשמה פון ר׳ שמואל בן נחמני, א תלמיד פון ר׳ יהונתן בן אלעזר, איינער פון די בארימטע בעלי־אגדה. איינמאל ווערענד דער הארי״ האט געלערנט מיט זיינע תלמידים איז אריינגעקומען איינער פון די אינגערע תלמידים, ר׳ שמואל די אוזעדא, ווי דער הארי״ האט איהם דערזעהן האט ער זיך באלד אויפגעשטעלט און אויסגערופען: „ברוך הבא!״ און איהם גענומען ביים האנט און אוועקגעזעצט נעבען זיך, פארפיהרענדיג מיט איהם א לאנגען געשפרעך.

ר׳ חיים וויטאל האט געפרעגט דעם רבי׳ן פארוואס ער ווייזט אזוי פיל אויפמערקזאמקייט אזא יונגען מאן, האט דער

האר״י געענטפערט: נ־ט פאר איהם האב איך זיך אויפגע־שטעלט, נאר פאר דער נשמה פון ר׳ פנחס בן יאיר, וועלכער איז געוועזען באוואוסט פאר זיין ליבע און פריינדליכקייט צו אלעמען, אפילו צו חיות. זיין נשמה האט זיך היינט ארונ־טערגעלאזען אין ר׳ שמואל די אוזעדא. ווען מען האט דעם לעצטען געפרעגט מיט וואס ער האט זוכה געווען אז ר׳ פנחס בן יאיר׳ס נשמה זאל זיך מתדבק זיין אין איהם, האט ער דער־צעהלט אז געהענדיג אין בית המדרש היינט, איז ער פארביי־געגאנגען א הויז פון וועלכע עס האט זיך געהערט וויינענדיגע קולות. אויסגעפינענדיג אז די אורזאך פון זייער וויינען איז ווייל רויבערס זיינען זיי באפאלען און זיי געלאזט שטעהן נאקעט, האט ער באלד אויסגעטאהן פון זיך אלע קליידער און זיי אוועקגעגעבען. דאן איז געגאנגען צוריק אהיים און זיך אנגעטאן אין זיינע שבת׳דיגע מלבושים.

דער האר״י פלעגט זאגען אז פונקט ווי מצוות און מעשים טובים לאזען איבער אן איינדרוק אויף דעם מענשען׳ס פנים, אזוי פארקעהרט, עבירות און תאוות לאזען איבער א שמערצליכען איינדרוק און דיספיגורירען דעם מענשליכע פנים, דעם צלם אלקים. צוליב דעם פלעגט ער באלד זאגען א מענשען א קוק־טוענדיג אויף איהם וועלכע מצוות אדער עבירות ער האט היינט באגאנגען.

פאלגענדער פאקט איז העכסט כאראקטעריסטיש: ר׳ אברהם גאלאנטי האט איינמאל געפרעגט דעם האר״י, אויב ער קען דערקענען אויף זיין פנים צו האט ער פיליכט באַ־גאנגען וועלכע עברה, און אויב אזוי, וועלכען „תקון״ ער דארף האבען פאר זיין נשמה וואס איז פאראומרייניגט געווארען. דער האר״י האט אנפאנגס ניט געוואלט ענטפערען, ווייל ער האט ניט געוואלט מצער זיין אזא תלמיד חכם און צדיק ווי ר׳ אברהם גאלאנטי. אבער ענדליך האט ער אויפגעהויבען די אויגען און קוקענדיג אויף זיין פנים, האט ער איהם געזאגט אז ער זעהט ווי זיין נשמה איז פארפלעקט געווארען, ווייל ער האט היינט אימיצען אבגענארט.

ר׳ אברהם גאַלאַנטי איז פאַרציטערט געוואָרען דאָס דער־הערענדיג און קומעדיג אַהיים האָט ער באַלד צוזאַמען געררופען אַלע זיינע אַרבייטער און זיי געפרעגט צו האָט ער אימיצען פון זיי אַבגענאַרט. אבער אַלע האָבען איינשטימיג געענטפערט אַז קיינער פון זיי האָט וועלכע עס איז טענה אָדער פאָדערונג געגען איהם. דאַרויף האָט ר׳ אברהם גאַלאַנטי געענטפערט אַז צוליב זייער נאַכלעסיגקייט און צופרידענהייט איז ער נכשל געוואָרען אין אַן עבירה, צוליב דעם וועט ער ליגען פאַר זיי געלט און זאָלען זיי נעהמען וויפיל זייער האַרץ גלוסט, און דאַן איהם מוחל זיין טאָמער איז ער באַגאַנגען אַן אונרעכט געגען זיי.

קיינער פון די אַרבייטער האָט זיך צוגעריהרט צו דאָס געלט, אויסער איין פרוי וועלכע האָט אויסגעשטרעקט איהר האַנט און גענומען צוויי פּרוטות. גאַלאַנטי איז דאַן אַוועק צום האר״י און באַטראַכטענדיג זיין שטערען, האָט ער איהם ערקלעהרט: אַז אויף זיין פּנים זעהט זיך ניט מעהר קיין פלעק פון אַן עבירה. ער האָט איהם דאַן ענטדעקט דעם סוד, אַז די עבירה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט דער פרוי ניט באַצאַהלט דאָס וואָס זי האָט באַדאַרפט קריגען אַלס איינע פון די בעסטע וועבערינס אין זיין פאַבריק. דאַרפסט וויסען — האָט דער האר״י פאַרטגעזעצט — אַז אין הימעל איז מען שטאַרק מקפּיד אויף אַזעלכע זאַכען, און יעדע אונרעכט וואָס דו באַגעהסט געגען אַן אַרבייטער לאָזט איבער א מיאוס׳ען פלעק אויף דיין פּנים.

(באַמערקונג: — פאַרבען און וועבען זייד איז געוועזען צו יענער צייט די הויפּט אינדוסטריע אין צפת. ארץ ישראל איז נאָך מיט הונדערטע יאָהרען בעפאַר געווען אַ גרויסער צענטער פאַר דעם עקספּאָרט פון זיידענע וואַרען).

די אויבענדערמאַנטע דערצעהלונג וועגען האר״י גיט דעם בעסטען באַגריף וועגען דעם לעבען פון האר״י און זיינע פילאָזאָפישע אַנשויאונגען.

ער פלעגט דערקענען די נשמות פון רשעים וואס האבען אלס שטראף פאר זייערע זינד געמוזט פארוואנדעלט ווערען אין בוימער, אין שטיינער, אין ווילדע חיות און אין פארשי־דענע שרצים ורמשים. ער פלעגט קענען זאגען מענשען זייער פארגאנגענהייט, זייער צוקונפט, און וואס זיי זאלען טהאן אום „מתקן" צו זיין זייער נשמה פאר די זינד אין א פריהער־דיגען עקזיסטענץ.

ווי שוין געזאגט, אין דעם קלענסטער ווערימעל האט דער הארי"י געזעהן א לעבעדיגע נשמה. צוליב דעם האט ער זיך באנומען מיט דער גרעסטער ליבע צו אלע מינים בעלי חיים, צו אלע גאט׳ס באשעפענישען, שוין אבגערעדט פון זיין ליבע צו דער מענשהייט. זיינע תלמידים האט ער געלערענט אז בעפאר אלע אנדערע תפלות קומט די תפלה „ואהבת לרעך"; אז יעדער איינער פון זיי זאל זיך פיהלען פאראנטווארטליך פאר׳ן כלל, זיך פיהלען מיט׳ן כלל און זיין אין כלל. ביים זאגען „ועל חטא" דארף יעדערער פיהלען הגם ער אליין אין ניט באגאנגען אלע זינד וואס עס ווערט אויסגערעכענט אין די „ועל חטא׳ס" איז ער אבער דאך ניט מעהר ווי אן איינצעלנער גליד אין דעם אידישען קערפער, און ווען ער האט אפילו ניט געזינדיגט, האט אבער אן אנדער איד געזינדיגט און צוליב דעם איז דער גאנצער אידישער קערפער קראנק. ווען דער איד שלאגט זיך אין הארצען, איז ניט בלויז פאר זיינע זינד אליין, נאר פאר די זינד פון דעם כלל אין אלגעמיין. ווען איין גליד אין קערפער איז קראנק, ליידעט דערפון דער גאנצער קערפער, דאס זעלבע ווען איין איד זינדיגט, ליידעט דער גאנצער אידי־שער קערפער, און יעדער איד מוז זיך מתודה זיין און זעהן אז דער אידישער קערפער זאל זיין גאנץ.

* * *

צום שלוס מוז באמערקט ווערען אז אויסער דריי מזמורים געשריבען אין אראמיש, נעמליך: „אזמר בשבחין", „אסדר

לסעודתא'' און „בני היכלא'', האט דער האר''י קיינע אנדערע שריפטען איבערגעלאזען.: זיין תלמיד ר' חיים וויטאל האט צוזאמענגעקליבען אלעס וואס ער און אנדערע תלמידים פון האר''י האבען געהערט און שפעטער דאס אפגעדרוקט אין באזונדערע ווערק אונטער דעם נאמען: „עץ החיים'', „שערי קדושה'' וכו''.

## ר' יוסף קארו — מחבר פון „בית יוסף" און „שולחן ערוך"

### א פסיכאלאגישער קאנטראסט.

#### פערטער קאפיטעל

ר' יוסף קארו קען מיט רעכט פארצייכענט ווערען אלס דער „געזעצליכער יורש'' פון רמב''ם. פונקט ווי דער רמב''ם האט אריינגעבראכט ארדנונג אין דעם געזעצליכען אידישען לעבען דורך זיין „יד חזקה'', אזוי האט אויך ר' יוסף קארו מיט זיין „בית יוסף'' און „שולחן ערוך'' אוועקגעשטעלט דעם אידישען דין אויף אזא אופן אז יעדער איד זאל האבען א צוטריט צו דעם. אזוי ווי דער רמב''ם האט באאיינפלוסט דעם אידישען לעבען דורך זיין „שטארקע האנט'', אזוי האט ר' יוסף קארו אויסגעאיבט א געוואלדיגען איינפלוס מיט דעם פארטיגען „געדעקטען טיש'' וואס ער האט אוועקגעשטעלט פאר דאס אידישע פאלק, אזוי אז יעדער איינער וואס וויל געניסען פון דיזען „געדעקטען טיש'' זאל קומען און זעטיגען זיין באגעהר.

נאר ווערענד דעם רמב''ם אלס מאן פון טרוקענעם געזעץ, איז לייכט צו פארשטעהן און אבצושאצען, איז אבער דאגעגען ר' יוסף קארו א פסיכאלאגישע פראבלעם. רבינו משה בן מיימון אנהענגער פון א ראציאנאליסטישע פילאזא־פישע לעהרע איז דער פאסענדער מאן אויפ'ן געביט פון טרו־

קענעם געזעץ: דעם גאנצען לעבען האט דער רמב״ם זיך שטרענג געהאלטען אונטער די געזעצען פון לאגיק און ריין מענשליכען פארשטאנד. אנדערש איז אבער דער פאל מיט זיין נאכפאלגער אין געביט פונ׳ם אידישען געזעץ — ר׳ יוסף קארו.

דער לעצטער שטעלט פאר מיט זיך צוויי עקסטרעמען. „שני הפכים בנושא אחד״. פון איין זייט א טרוקענער בעל הלכה וועלכער גריבעלט זיך נאר אין טרוקענעם געזעץ בוך, און פון דער אנדער זייט, א סענטימענטאלער טרוימער, א בעל חלום וואס לאזט זיך פיהרען אויף דעם לעבענס־וועג פון אונזיכטבארע גייסטער.

ר׳ יוסף קארו איז געווען א קינד פון פיער יאהר ווען זיין פאטער מיט אלע שפאנישע אידען זיינען ארויסגעטריבען געווארען, אין יאהר 1492. נאך א לענגערע שווערע וואנדערונג דורך פילע לענדער האט די פאמיליע קארו זיך באזעצט אין ניקאפאל, בולגאריען. אין דיזער בולגארישער שטאדט האט ר׳ יוסף קארו פארבראכט זיינע יוגענדליכע יאהרען, און זיין פאטער, ר׳ אפרים קארו, האט איהם אונטערריכט אין די אלע אידישע למודים פון זיין צייט. אבער איבערהויפט האט ער איהם געמאכט צו ספעציאליזירען אין דער משנה, און אין דאס ענטוויקלען פון דעם אידישען דין, אין וועלכען הינזיכט די מעהרסטע תלמידי חכמים פון זיין צייט זיינען געווען זעהר נאכלעסיג. פון ניקאפאל איז ר׳ יוסף קארו אוועק נאך אדריא־נאפאל, אין דער גרויסער שטאדט איז שוין זיין נאמען באַ־קאנט געווארען אין דער אידישער וועלט אלס גאון און ראש ישיבה פון א גרויסע צאהל תלמידים. אין דיזער גרויסער שטאדט האט ער אנגעהויבען שרייבען זיין גרויסע ווערק דעם „בית יוסף״, ווען ער איז נאך קוים פיער און דרייסיג יאהר אלט געווען. צוואנציג יאהר האט ער געארבייט אונאויפהערליך איבער דיזען גרויסען ספר, וועלכען ער האט פארענדיגט ווען ער האט שוין געוואוינט אין צפת. און דאן ערשט האט ער

געאַרבייט נאָך צוועלף יאָהר צו קאָרעגירען און אויסבעסערען איהם פאַר אַ צווייטע אויסגאַבע.

אויף דעם „בית יוסף" קען מען זאָגען אַז ער איז אין אַ קלאַס פאַר זיך; אַז ער האָט צו זיך קיין גלייכען צווישען די פאַרשידענע קאָדעקס ספרים. די ספרים וואָס גיבען זיך אָפּ מיט אידישער יוריס־פּרודענץ. דער רמב"ם, פאַר איהם, האָט שוין אין זיין „יד חזקה" געזוכט צו קלאַסיפיצירען און אַוועק־שטעלען דאָס אידישע געזעץ־וועזען אויף אַ פעסטען לעגאַלען באַזיס. פון אַלע פּלפּולים און גייסטיגע מלחמות מיט וואָס דער תלמוד איז אָנגעפילט, האָט דער רמב"ם ארויסגענומען דעם תמצית, דעם קווינט עסענץ, און אויף אַזאַ אופן אַרויס־געבראַכט דעם אידישען דין אַזוי, אַז ער זאָל זיין צוגענגליך פאַר יעדען תלמיד חכם. פון די גרויסע מאַסען מאַטעריאַל צושפּרייט איבער דעם גאַנצען תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי, האָט דער רמב"ם ארויסגענומען דאָס לעצטע וואָרט, דעם שלוס־וואָרט, און דערפון אויסגעאַרבייט זיין ריזיגע זאַמלונג פון אי־דישע דינים. דעם רמב"ם'ס „משנה תורה" איז אַ זאַמלונג פון הלכות, טרוקען געזאָגט און טרוקען אַוועקגעשטעלט, ניט אָנגעבענדיג די קוועלע פון וואַנען אַ געוויסע הלכה איז גענומען, אָדער די פאַרשידענע מיינונגען און דעות וועגען דיזער הלכה. אין קורצען, די הלכות וואָס דער רמב"ם האָט צוזאַמענגעקלי־בען זיינען אַוועקגעשטעלט אין דער פאָרמע וואָס מיר רופען „חוקים"—געזעצען, ניט אָנגעבענדיג דעם טעם אָדער ערקלערע־רונג דערפון, אָדער די פאַרשידענע דעות וועגען דיזען ענין.

אַנדערש איז אבער דער „בית יוסף". דיזער ספר איז גע־שריבען געוואָרען אַלס פּירוש אויף די „ארבעה טורים" פון ר' יעקב בן אשר, און געהט דאַרום צוזאַמען מיט די „טורים". דער „בית יוסף" איז אַבער מעהר ווי אַן ערקלעהרונג אויף די „טורים"; ער איז פיל גרעסער און וויכטיגער ווי דער אָרי־גינאַל. דער „בית יוסף" גיט איבער דייטליך ערקלעהרטע הלכות. אַבער ניט אין דער פאָרמע פון „חוקים"—טעמ'לאָזע געזעצען, דער מחבר פון „בית יוסף" ברענגט צוזאַמען אַלע

וואס איז געזאגט געווארען וועגען דעם ענין וואס ער באהאנ־דעלט; ער ברענגט די אריגינעלע קוועלען אין תלמוד, און אויף א העכסט לאגישען און מעטאדישען אופן שטעלט ער צוזא־מען און ערקלעהרט אלץ וואס איז געזאגט געווארען איבער דעם פון די פארשידענע פוסקים בעפאר איהם, אזוי ווי דער אלפסי, דער רמב״ם, די חכמי צרפת, דער רמב״ן און דער רא״ש. פארבייגעהענדיג באלייכטעט ער יעדען געדאנק זייע־רען; ערקלעהרט אונפארשטענדליכע שטעלען און גלייכט אויס די פארשידענע נוסחאות לויט ווי זיי דארפען זיין. אין קורצען, דער „בית יוסף״ באהאנדעלט די הלכה פון איהר אורשפרונג, פון די ענטשטעהונג ביז די לעצטע ענטוויקלונג. אבער נאך אלעס דעם צווינגט ער ניט דעם לערנער בלויז זיין מיינונג אנצונעהמען. דער לערנער געפינט אין איהם א פאלקאמענע אבהאנדלונג איבער די באטרעפענדע הלכה, ער האט אבער דאס רעכט צו האנדלען נאך זיין אייגענעם פארשטאנד, ווייל דער „בית יוסף״ זוכט ניט אויסצואיבען אן אונבאגרענעצטע אויטאריטעט.

מיר וועלען לאזען ר׳ יוסף קארו רעדען פאר זיך. אין זיין הקדמה צום „בית יוסף״ זאגט ער:

„דורך דער לאנגער צייט, זיינען מיר דורך אונזער צו־שפרייטונג, אזוי ווי איבערגעגאסען געווארען פון איין כלי אין דער אנדערער. די תורה האט אויסגעוועבט (אזלת יד התורה) זי איז געווארען ניט ווי צוויי באזונדערע תורות, נאר ווי תורות אהן א צאהל צוליב די פילע ספרים פון וועלכע יעדער באזונ־דער זוכט אנדערש צו ערקלעהרען איהרע משפטים און איהרע דינים... צוליב דעם איז מיר געקומען אויפ׳ן געדאנק צו פארפאסען א ספר וואס זאל ענטהאלטען אלע אנגענומענע דינים, מיט דער ערקלעהרונג פון זייער אבשטאמונג, זייער ענטוויקלונג פון די ערשטע קוועלען אין דער גמרא, צוזאמען מיט די מיינונגען פון די פארשידענע פוסקים. איך האב גע־דענקט דיזען געפלאנטען ספר צוצושטעלען צום רמב״ם, ווייל ער איז דער בארימטסטער צווישען אלע פוסקים אין דער וועלט

— איך האָב אָבער געענדערט מיין מיינונג, ווייל ער ברייננגט נאָר איין מיינונג (סברה) און דאָס וואָס ער זאָגט, זאָגט ער אין דער פאָרמע פון אַ גזרה, (ודבריו הם כגוזר ואומר). איך וואָלט צוליב דעם געמוזט ברענגען די מיינונגען אויך פון די אַנדערע פוסקים. איך האָב דעריבער באַשלאָסען אַז מיין ספר זאָל געהן צוזאַמען מיט די ארבעה טורים פון רבינו יעקב בן הראַ״ש ז״ל, וועלכער נעהמט אריין אין זיך אויך די מיינונגען פון די מעהרסטע פוסקים... איך האָב אויך געדענקט אַז צי־טירענדיג אַלע פאַרשידענע מיינונגען, וועל איך נאָכהער אַליין קענען באַשטימען די ריכטיגע הלכה. אָבער אַפילו ווען דאָס וואָלט געווען מעגליך צו טאָהן, וואָלט עס דאָך ניט געווען פּראַקטיש, ווייל דאָס וואָלט זיך פאַרצויגען צו לאַנג. און דאַ־ריבער האָב איך באַשלאָסען זיך צו פאַרלאָזען אויף די דריי זיילען פון דער הלכה אויף וועלכע דאָס גאַנצע הויז ישראל שטיצט זיך: דער אלפסי, דער רמב״ם, און דער ראַ״ש, און דאָרטען וואו דיזע דריי שטימען ניט צווישען זיך, וועלען מיר זיך שטיצען אויף צוויי פון דיזע דריי, און נאָך זיי פסק׳ענען דעם דין, סיידען די מעהרסטע אַנדערע אידישע געלעהרטע האַלטען ניט ווי זיי, דאַן הייסט עס אַז דער אַנגענומענער מנהג איז פונקט פאַרקעהרט... און אין אַזעלכע פראַגען וואו קיינער פון די אויבענדערמאַנטע דריי גייסטיגע זיילען האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, וועלען מיר פסק׳ענען נאָך די אַנדערע באַריהמטע חכמים... און אויב אין מאַנכע לענדער איז מען זיך נוהג אַנדערש ווי מיר האָבען ענטשיידעט, זאָלען זיי ניט ענדערען אַ מנהג״.

דיזע ווערטער פון „בית יוסף״ רעדען פאַר זיך. זיי גיבען אונז אַ קלאָהרען באַגריף וועגען ר׳ יוסף קארו אַלס דער מאַן פון געזונטע לאָגישע איבערצייגונגען. מיר לערנען פון די דאַ־זיגע הקדמה, אַז כאָטש ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון אידישען געזעץ, איז ער דאָך געווען זעהר דעמאָקראַטיש געניגט, און דאָס מיינונג פון פאָלק — דער

אנגענומענער מנהג, איז ביי איהם פאררעכענט געווען אלס דאס העכסטע אויטאריטעט.

דעם שרייבער׳ס צוועק מיט דיזען ארטיקעל איז פעסט־צושטעלען די כאראקטעריסטיק פון ר׳ יוסף קארו, דער מאן פון טרוקענעם געזעץ, אין געגענזאץ צו ר׳ יוסף קארו, דער סענטימענטאלער טרוימער. עס איז אבער ניט מעהר ווי רעכט פארבייגעהענדיג זיך אבצושטעלען אויך אויף דעם „שולחן ערוך״. ווי געזאגט, דער „בית יוסף״, אויף וועלכען ר׳ יוסף קארו האט געארבייט פולע צוויי און דרייסיג יאהר, באהאנדעלט און ערקלעהרט די הלכה, וועהרענד דער „שולחן ערוך״ איז בלויז א פארקירצונג פון „בית יוסף״. דער „שולחן ערוך״ גיט איבער אין קורצען די הלכה וואס ווערט ארויסגעבראכט דורך א לאנגע שקלא וטריא אין „בית יוסף״. נאר, ווי זאגען אונזע־רע חכמים, אז „אפילו ספר תורה מוז אויך האבען מזל״; וועהרענד דער „בית יוסף״ איז פארהעלטניסמעסיג געבליבען אין הינטערגרונד, האט דאגעגען דער „שולחן ערוך״ זיך ער־ווארבען די גרעסטע פאפולאריטעט. און מערקווירדיג, גראדע דער „בית יוסף״ איז געווען דעם מחבר׳ס ליבלינג־קינד, וועהרענד דעם „שולחן ערוך״ האט ער באטראכט ווי א שטיף־קינד. דעם ערשטען רופט ר׳ יוסף קארו „ספרי היקר״, וועהרענד דעם „שולחן ערוך״ רופט ער מיט׳ן טרוקענעם נאמען „ספרי הקצר״.

* * *

אין א גאנץ אנדער געשטאלט ערשיינט פאר אונז ר׳ יוסף קארו ווען ער געהט ארויס פון די גרעניצען פון הלכה. דער זעלבער ר׳ יוסף קארו, וועלכער איז שטרענג לאגיש און מעטא־דיש אויפ׳ן געביט פון הלכה, לאזט זיך טראגען אויף די פליג־לען פון פאנטאזיע אין די אונערפארשטע הימלישע ספערען, ווען מיר טרעפען איהם אויפ׳ן געביט פון דרוש און סתרי־תורה. פונקט ווי אויפ׳ן געביט פון הלכה שטייגט ר׳ יוסף קארו ארי־בער אלע זיינע פארגענגער מיט זיין שארפער לאגיק, אזוי אויך שטייגט ער אריבער אלע בעלי־קבלה פון זיין צייט מיט זיין

שטאַרקער איינבילדונגס־קראַפט ווען ער לאָזט זיך אַוועק אויף די געהיימע וועגן פון מיסטיציזם. זיין גאַנצער לעבען — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען — איז געווען איין לאַנגער טרוים, באַהערשט פון אַ גייסט וועמען ער רופט אָן דער „מגיד״.

דיזער „מגיד״, ריכטיגער, די נשמה פון דער „משנה״, וועלכע האָט קאָנטראָלירט דעם גאַנצען „איך״ פון ר׳ יוסף קארו, האָט איהם באַגלייטעט אויף זיין לעבענס־וועג נאָהענט פון פופציג יאָהר. דער „מגיד מישרים״, דאָס בוך וואָס איז פול מיט סתרי תורה, ענטהאַלטעט אַלעס וואָס דער מלאך, דער „מגיד״ האָט אַנטפּלעקט צו ר׳ יוסף אויף יעדע פרשה פון דער וואָך, און איז איבערגעגעבען אין דעם ראָמאַנטיש־דראַמישען סטיל פון „זוהר״. דער „מגיד״ — די נשמה פון דער משנה — האָט איהם דיקטירט אין אַלע צווייגען פון טעגליכען לעבען און איהם געלערענט וואָס צו טאָהן און וואָס אויסצומיידען און נאָך וואָס צו שטרעבען. מעהרערע מאָל פאַרזיכערט איהם דער „מגיד״ אַז ווען ער וועט אויספאָלגען אַלעס וואָס ער פאַרזאָגט איהם וועט ער זוכה זיין פאַרברענט צו ווערען אויף קדוש השם. ס׳איז אַ מערקווירדיגער פאַקט, אַז מעהרערע מאָל אין דיזען מערקווירדיגען ספר „מגיד מישרים״, דריקט זיך אויס ר׳ יוסף קארו׳ס גייסט אַז צום לעצט וועט ערפילט ווערען זיין העכסטער וואונש זיך אויפצואָפּפערען אויף קדוש השם. דער „מגיד״ פאַרשפּרעכט איהם פילע אַנדערע זאַכען אין לעבען ווי תורה, גדולה, עשירות און כבוד, אָבער איבער אַלעס, נאָך דעם ווי ער וועט האָבען דאָס אַלעס ערדרייכט, וועט ער זוכה זיין צו דאָס העכסטע גליק — פאַרברענט צו ווערען אויף קדוש השם. ובתיר כל דין אזכך לאיתיוקד על קדושת שמי).

דער פאָלגענדער ציטאַט איז העכסט פּאַטעטיש און דער־צעהלט אונז מעהר ווי אַלעס וועגען דעם לעבען פון דיזען מערק־ווירדיגען מענשען. מיר ווייסען שוין אַז זיין העכסטער וואונש איז געווען פאַרברענט צו ווערען אויף קדוש השם און אַזוי זעהען מיר ווי דער „מגיד״ זאָגט איהם: „איך האָב דיר אויס־

געקליבען פאר אָ קרבן עולה פארברענט צו ווערען צוליב „דער היילינקייט פון מיין נאמען. און דו ווייסט אז אין אָ קרבן עולה דארף זיך ניט געפינען קיין שום פלעק, אפילו ניט אין דער מחשבה. דעריבער היט זיך פון היינט אָן אז גאר דיינע מחשבות זאָלען זיין נאר אין דער תורה״. (והא ייחדתיך למיהו, עולה תמימה לפני לאתוקדא על קדושת שמי. ואת ידעת בעולה לא בעי לאשתכחא בה שום פיסול ואפילו במחשבה לכן אזדהר מן יומא דין והלאה למיהו, כל מחשבותיך באורייתא), שלוס פון פרשה „וישלח״.

ווינשענדיג צו ווערען א קרבן אויף קדוש השם האט ער געפיהלט אז זיין נשמה מוז זיין אונבאפלעקט, און פריי פון יעדען מום וואס קען איהם פסל׳ען אלס קרבן אויפ׳ן מזבח פון זיין אמונה.

כמעט אלעס וואס דער „מגיד״ האט איהם פארשפראכען איז מקויים געווארען — ר׳ יוסף קארו האט זוכה געווען צו תורה, גדולה, און כבוד. אבער דעם וויכטיגסטען וואונש זיינעם צו ווערען אָ קרבן אויף קדוש השם, דאס האט ער ניט דער־גרייכט. אין טערקיי האט דאן געהערשט פאלקאמענע רעלי־גיעזע טאלעראנץ, בלויז אין די קריסטליכע לענדער האט מען געוואוסט פון אן אויטא־דא־פע.

* * *

דער „מגיד משרים״, וועלכער איז ערשינען ארום דרייסיג יאהר נאך ר׳ יוסף קארו׳ס טויט, איז א לאנגער טרוים וואס וואס האט אנגעהאלטען א צייט פון פופציג יאהר. ר׳ יוסף קארו האט געשריבען א פירוש אויף דער משנה וועלכער איז ליידער פארפאלען געגאנגען פאר די צוקינפטיגע דורות. זייענ־דיג ארייגעטאן אין דער ערקלעהרונג פון דער משנה האט ער זיך בוכשטעבליך אריינגעלעבט אין דעם גייסט פון דער משנה אויף אזויפיל, אז די נשמה פון דער משנה איז געווארען אַ טייל פון זיין אייגענעם „איך״. די משנה איז אזוי פאר־קערפערט געווארען אין זיין פערזאן, אז דאס איז כמעט געווא־רען א ווירקליכקייט אין זיין לעבען. דער פאלגענדער ציטאט

פון „מגיד משרים", פ׳ תזריע, רעדט פאר זיך: „אני אני המשנה המדברת בפיך, אני נשמתא דמשנה, דאנא ומשנתא ואנת מתיחדין כחדא" (איך, איך די נשמה פון דער משנה רעדט אין דיין מויל, איך בין די נשמה פון דער משנה, ווייל איך און די משנה און דו זיינען פאראייניגט אין איין נשמה). אזעלכע, אדער עהנליכע ציטאטען, געפינען זיך פילע אין „מגיד משרים". וואס מאכט אונז גלויבען אז ר׳ יוסף קארו האט זיך אויף אזויפיל ארייגעלעבט אין דער משנה, אז איהר גייסט איז איהם אימער געשטאנען פאר די אויגען, און האט איהם באגלייט אויף יעדען טריט.

אין מעהרסטע פעלע האט די נשמה פון דער משנה זיך באוויזען צו איהם אין דער טונקעלהייט פון דער נאכט, נאכדעם ווי ר׳ יוסף קארו האט פארבראכט א געוויסע צייט שטודירענ־דיג די משנה. דאן פלעגט די שטימע נעהמען קלינגען אין זיין מויל און זינגען פון זיך אליין. אדער ווי קארו אליין דריקט זיך אויס: „קול דופק בתוך פי ומנגן מאליו". די שטימע האט זיך אויך געלאזט הערען צו די דערביישטעהענדע. אין אזא צו־שטאנד פון רעליגיעזען עקסטאז האט איהם אמאל באמערקט זיין פריינט און חבר ר׳ שלמה אלקאבעץ הלוי, דער מחבר פון „לכה דודי" און שוואגער פון באריהמטען מקובל ר׳ משה קארדאזווערא, מחבר פון „פרדס". דיזע בעגעבענהייט, און די ווערטער וואס די משנה׳ס נשמה, אדער דער „מגיד משרים", האט ביי דיזער געלעגענהייט געזאגט, ווערט פינקטליך איבער־געגעבען אין „של״ה" (דף קס״ב).

דער „מגיד משרים" ר׳ יוסף קארו׳ס אונזיכבארער פירער און ראטגעבער, פלעגט איהם אין מעהרסטע פעלע באלייכטען אין די געהיימניסען פון דער תורה, איהם קלאר מאכען די „רזין דאורייתא". אבער פילע מאל האט ער איהם אויך געראטען אין פערזענליכע און פאמיליען אנגעלעגענהייטען. דורך דיזע אינסטרוקציאנען ערפאהרען מיר, אז ר׳ יוסף קארו איז צוויי מאל געווארען אן אלמן. זיין דריטע ווייב, וועלכע האט איהם ארייגעבראכט א גרויסען נדן, איז געוועזן א טאכטער פון ר׳

זכריה זעכסעל. אין מאנכע פעלע באַנעהמט זיך ר׳ יוסף קארו אונפריינדליך צו געוויסע פערזאָנען אין זיין צייט. ער שוינט אָבער זיך אַליין אויך ניט, ווען דער „מגיד משרים״ איז גע־ווען אונצופרידען מיט מאַנכע פון זיינע האנדלונגען. ער איז זעהר שטרענג געגען זיך אַליין. און ער קריטיקירט זיך שאַרף ווען עס האט פאַסירט אז ער האט איבערגעטראָטען די גרע־ניצען פון מעסיגקייט אין זיינע קערפערליכע אדער גייסטיגע באַדערפנישען.

די נשמה פון דער משנה איז זעהר שטרענג אין איהרע פאָדערונגען און זי זאָגט צו איהם: „אני האם המיסרת את בניה התחזק התדבק בי״ — איך בין די מוטער וואס באַ־שטראָפט איהרע קינדער. זיי שטאַרק און זיי אַנגעבונדען אַן מיר — די שטראַף איז באַשטאַנען אין אַרויפנעהמען אויף זיך געוויסע פאַראָרדנונגען פון אַן אַסקעטישען כאַראַקטער. ער ווערט פאַרזאָרגט צו פאַסטען ביי געוויסע געלעגענהייטען, און אפילו די טעג וואס ער עסט זאָל זיין עסען באַשטעהן פון אַ מינימום שפייז. ער טאָר קיינמאָל ניט זיך אַנעסען זאַט, קיינ־מאָל אין גאַנצען באַפרידיגען זיין אַפעטיט, אפילו ביים ערש־טען מאָלצייט נאָך אַ תענית. זעלבסטפאַרשטענדליך, ער טאָר קיינמאָל ניט טרינקען צופיל ווייך, אפילו פאַר׳ן טרינקען צופיל וואַסער האט איהם איינמאָל די נשמה פון דער משנה פאַרגע־ווארפען און זי האט ביי דיזער געלעגענהייט איהם געזאָגט: „אתה משביע היצר הרע בשתיית מים הרבה ולא נכון לעשות כן״. ער ווערט געוואָרענט געגען צופיל שלאָפען, און ביי אַ געוויסע געלעגענהייט ווען ער האט חתונה געמאַכט איינע פון זיינע טעכטער צוליב וואס ער האט פיעל צייט פאַרבראַכט אויף די סעודת־חתונה, און דורך דעם געגאַנגען שפעט שלאָפען און אויפגעשטאַנען אַ שעה בעפאַר שחרית, האט צוליב דעם געהאַט אַ שטאַרקען פאַרוואורף פון זיין „מגיד״. ער האט איהם דאָן גע׳מוסר׳ט און איהם געזאָגט, אַז ער וואָלט עס כשר פאַר־דינט ווען ער זאָל איהם האָבען פאַרלאָזען אין גאַנצען, ווייל צוליב זיין שפעט שלאָפען האט ער אַזוי לאַנג פאַרנאַכלעסיגט

די תורה. די שפּראַך פון דער משנה׳ס נשמה איז העכסט כאַ־ראַקטעריסטיש: „אף על פי שהיה מן הדין לנטשך ולעזבך שהפרדת לבך הרבה מתורתי, אני לא אעשה כן״. דיזע ווערטער אַלס שאַרפע קריטיק גענען זיך אַליין ביי דער געלעגענהייט פון זיין טאַכטער׳ס חתונה, רעדען מעהר ווי אַלעס וועגען די היילינקייט פון ר׳ יוסף קארו׳ס מיסטישע פּערזאָן.

ביי אַן אַנדער פּאַסירונג האָט דער „מגיד״ גענומען די שולד אויף זיך, איינמאַל איז ר׳ יוסף קארו געגאַנגען אין מאַרק איינקויפען פאַר שבת פלייש און היהנער. עס האָט איהם אָבער ניט אָבגעגאַלטען און ער איז געקומען צוריק פון מאַרק מיט לעדיגען. דער „מגיד משרים״ זאָגט איהם דאַן, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר ניט האָבען הצלחה אויפ׳ן מאַרק, ווייל ער האָט איהם דערמיט געוואָלט ווייזען, אַז אין פלייש און ווייַן רוהט דער יצר הרע, אַז מען קען זיך באַגעהן אָהן דעם, אַז שבת קען מען האַלטען אָהן אַזאַ לוקסוס״, און ער ענדיגט מיט די ווערטער: „טראַכט ניט וועגען קיין אַנדער זאַך, נאָר וועגען גאָט׳ס תורה, ווייל אַלע דיינע האַנדלונגען ווערען שטרענג בעאָבאַכטעט, זיי צוליב דעם פּאַרזיכטיג״.

אַנדערע אינסטרוקציעס וואָס די נשמה פון דער משנה האָט איהם געגעבען זיינען די פאָלגענדע: „האַלט זיך זעהר קליין, — קיינמאָל זאָלסטו אריינקומען אין כעס, אַפילו דאַן ווען עס האנדעלט זיך וועגען זאַכען בין אדם למקום, — האָב אימער דיינע זינד פאַר דיינע אויגען, און זאָל דיין האַרץ אין דיר וויינען וועגען דעם. — רעד קיינמאָל ארויס אַ פּוסטען וואָרט. — ענטפער יעדען מענשען געלאַסען. — קיינ־מאָל זאָלסטו שפּאַסען אָדער טרייבען ליצנות. — ווען דו דאַ־ווענסט זאָלסטו ניט טראַכטען אפילו וועגען תורה און מצוות, נור אין די ווערטער פון די תפילות.

דער „מגיד״ פאָדערט אויך פון איהם אַז ער זאָל אריינ־קוקען צייטענווייז אין מוסר ספרים; צווישען דיזע איבער־הויפּט דעם „חובת הלבבות״. ווייטער דערמאָנט ער איהם, אַז ער זאָל זיך מעהר פלייסיג אָבגעבען מיט די לעהרע פון

קבלה, וועלכע ר׳ יוסף קארו, ווי עס ווייזט אויס, האָט גע־האָט פאַר אַ געוויסע צייט פאַרנאַכלעסיגט. „אויב דו וועסט האָבען באַשטימטע צייטען צו לערנען די חכמת הקבלה, — פאַרזיכערט איהם דער „מגיד״ — וועל איך עפענען דיין האַרץ אז דו זאָלסט דערגרייכען די טיפסטע סודות וואָס קיין מענש האָט נאָך ניט דערגרייכט״.

דער „מגיד משרים״ איז אָבער דאָך ניט געוועזען אלע־מאָל שטרענג אין זיינע פאָדערונגען. די נשמה פון דער משנה האָט אויך ארויסגעוויזען צערטליכע שטריכען. אזוי זאָגט זי צו איהם: „צוליב דעם וואָס די משנה ליגט דיר אימער אין די געדאַנקען, וועל איך דיר קושען מיט ליבעס קושען און וועל דיר צערטליך אומאַרמען״. ניט אַלע מאָל האָט די נשמה איהם צו מאַכען פאַרווירפע. צייטענווייז דערמוטיגט זי איהם און גיט איהם האָפנונג. לויט נאָך די פאַרשפּרעכונגען וואָס דער משנה׳ס נשמה מאַכט איהם, קען מען דייטליך ארויסזעהן וואָס ר׳ יוסף קארו, דער תלמיד־חכם און היילי‌גער, האָט זיך גע־וואונשען אין לעבען.

זיין ערשטער וואונש איז געוועזען, אז די ספרים וואָס ער האָט געשריבען, ספּעציעל דער „בית יוסף״, זאָל זיין פריי פון גרייזען, און אז נאָכדעם ווי ער וועט ארויס פון דרוק זאָל עס ווערען אָנגענומען פון אַלע אידען אין חוץ לאָרץ, וועהרענד ער אליין זאָל אָנערקענט ווערען אלס אויטאָריטעט פון ערש־טען ראַנג.

זיין צווייטער וואונש איז געוועזען אז ער זאָל זוכה זיין זיך צו באַזעצען אין ארץ ישראל. דיזער וואונש האָט אויסגע־פילט זיין געדאַנק פאַר א צייט פון פילע יאָהרען בעפאָר ער האָט זיך ענדליך באַזעצט אין צפת. דער „מגיד״ רעדט זעהר אָפט וועגען דיזען באַגעהר זיינעם. ווי עס שיינט האָט ר׳ יוסף קארו פאַר אַ לענגערע צייט זיך ניט געקענט באַשליסען וועגען פאָהרען אין ארץ ישראל צוליב מאַטעריעלע אומשטענדען, און דער „מגיד״ זאָגט איהם צוליב דעם: „אז אין משך פון אַ יאָהר וועט ער זיין אין ארץ ישראל און אז ער זאָל גאָרניט

זארגען, ווייל פערציג יאהר צייט האט איהם גארניט געפעהלט און עס וועט איהם ווייטער אויך ניט פעהלען. דו זעהסט דאך אליין — זעצט פאר דער „מגיד״ — אז הקב״ה האט דיר געגעבען פונקט אזוי פיל פארדינסט פון צוויי טויזענד זוזים ווי ביי פינף טויזענט זוזים״. (דהא חזיתא בהאי שעתא דבתרי אלפין זוזי שדר לך הקב״ה רווחא כ״ב כמו בחמשת אלפים).

ווען ר׳ יוסף קארו׳ס געפלאנטע רייזע האט זיך פארצויגען צו־ליב מלחמות אדער אנדערע אורזאכען, האט דער „מגיד״ איהם אנגעוויזען אין וועלכע שטעט ער זאל זיך דערווייל אויפ־האלטען, אזוי ווי סאלאניק און אנדערע, אבער אין קיין פאל זאל ער ניט דענקען זיך צו באזעצען אין דיזע שטעדט נאר בלויז אין ארץ ישראל. (דא איז ווערט צו באמערקען, אז אין זעכצענטען יאהר־הונדערט האט טערקיי געפירט קריג מיט עסטרייך, מיט דער רעפובליק פון ווענעדיג און אנדערע לענדער. דון יוסף הנשיא, די רעכטע האנט פון סולטאן, האט געבראכט דערצו אז ווענעדיג און די שטאלצע פראנקרייך האבען זיך געבויגען פאר טערקיי).

זיין דריטער וואונש איז געווען אז ער זאל זוכה זיין צו שטארבען אלס מארטירער אויפ׳ן שייטערהויפען. דיזען וואונש האט ער נאך געהאט בעפאר ער האט זיך באזעצט אין ארץ ישראל. מעהרערע מאל האט איהם זיין „מגיד״ פארזיכערט, אז ער וועט איהם העלפען אויספיהרען דיזען וואונש פארברענט צו ווערען אויף קדוש השם. די ערשטע צוויי וואונשען פון ר׳ יוסף קארו זיינען ריכטיג ערפילט געווארען. ער איז געקומען אין ארץ ישראל און האט זוכה געווען אז זיינע ספרים זיינען אנערקענט אלס אויטאריטעטען אין דעם אידישען רעליגיעזען לעבען. בלויז דער דריטער וואונש, זיינער, פארברענט צו ווערען אויף קדוש השם האט זיך איהם ניט איינגעגעבען. טערקיי איז ניט געווען דער פלאץ פאר מארטירערשאפט צוליב רעליגיאן. שטארבען אויף קדוש השם איז נאר געווען מעגליך אין אייראפע וואו קריסטענטום האט געפרעדיגט ליבע און צו דערזעלבער צייט געמארדעט אונגלויביגע.

* * *

די צוויי־זייטיגקייט אין דער פערזאָן פון ר׳ יוסף קארו, ערשיינט פאַר אונז נאָך מעהר זאָנדערבאַר, ווען מיר באַטראַכ־טען דעם פאָלגענדען פאַקט: אויפ׳ן געביט פון הלכה, איבער־הויפט אין דיני ממונות און אין אַלגעמיינע ציווילע פראַגען, האַלט זיך ר׳ יוסף קארו שטרענג פּראַקטיש און לאָגיש; טיף דרינגט איין זיין קריטישער בליק אין די אַלע קאָמפּליצירטע געלט־פראַגען וועלכע ער באַהאַנדעלט. אין קיין פאַל לאָזט ער זיך ניט באַאיינפלוסען ווען ער באַהאַנדעלט הלכה פראַגען פון וועלכע אַנדערע סענטימענטאַלע מאָטיווען. באַטראַכטענדיג די גרעניצען פון „תורה מעשית״ איז ער קרעפטיג גענוג זיך צו באַפרייען פון אַלע געפילען און פאַנטאַסטישע איינדריקע מיט וועלכע זיין גייסט איז אַזוי געוועזען איבערפילט. דער דמיון האַט ביי איהם קיינמאָל ניט צוגענומען דעם אָרט פון שכל. מען קען אויף איהם ריכטיג זאָגען אַז ער איז געווען א „מושל ברוחו״. ער האַט אימער געהאַט די אויבערהאַנט איבער זיין „רוח״ — זיין גייסט — דאָרט וואו בלויז דער געזונטער מענשליכער שכל דאַרף הערשען.

דיזע פארשידענאַרטיגקייט אין דער פערזאָן פון ר׳ יוסף קארו האַט געבראַכט דערצו, אַז מאַנכע אידישע געלערענטע האָבען באַהויפּטעט, אַז דער „מגיד משרים״ איז ניט געשריבען געוואָרען פון ר׳ יוסף קארו, נאָר אַן אַנדער בעל קבלה האַט איהם פאַרפאַסט, און וועלענדיג געווינען פּאָפּולאַריטעט פאַר זיין ספר האַט ער איהם צוגעטשעפּעט צו ר׳ יוסף קארו. די טענה פון דיזע געלערענטע איז, אַז עס איז אונמעגליך אַז דער זעלבער מאַן וואָס האַט געשריבען דעם „בית יוסף״ און „שולחן ערוך״ זאָל האָבען אויך געשריבען דעם „מגיד מישרים״. פראָפעסאָר גרעטץ און זיין נאָכפאָלגער שאול ראַבינאָוויטץ, באַווייזען אָבער מיט אונבאַשטרייטבאַרע באַווייזע, אַז דער „מגיד מישרים״ איז די ארבייט פון ר׳ יוסף קארו זעלבסט, און דיזע מיינונג ווערט אַנגענומען ביי די מעהרסטע אידישע גע־לערענטע.

ווארום מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַז צו יענער צייט איז צפת געווען דער צענטער אי פון תורה אי פון קבלה. זיך געפינענדיג אין דער אומגעבונג פון אַזעלכע מקובלים ווי ר׳ משה קורדיבירו, ר׳ יצחק לוריא, ר׳ משה אלשיך, און הונדערטער אַנדערע וואָס האָבן געמאַכט פון צפת דעם וויכטיגסטן קבלה צענטער צווישן אידן, וואָס איז מער ווי נאַטירליך אַז ר׳ יוסף קארו אַליין זאָל באַאיינפלוסט ווערן פון זיין אומגעבונג? בלויז יענע עפּאָכע וואָס האָט באַשאַפן דעם אידישן מיסטיציזם, אָדער ריכטיגער די ,,קבלה מעשית״ (פּאָזיטיווע קבלה, ווייל די ,,קבלה עיונית״ — טעאָרעטישע אָדער ספּעקולאַטיווע קבלה, — האָט נאָך געהערשט אין די גאַנץ אַלטע צייטן און ווערט מערערע מאָל דערמאָנט אין תלמודישע ליטעראַטור) האָט געקענט ארויסברענגען אין איין פּערזאָן אַזאַ פאַראייניגונג פון אַ טרוקענעם בעל־הלכה און אַ סענטימענטאַלן טרוימער.

* * *

צום שלוס וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף נאָך אַ פונקט, וועלכער באַלייכטעט דעם אידישן לעבן אין צפת, אין יענער ראָמאַנטיש־מיסטישער עפּאָכע. דער רמ״א, וועלכער האָט מיט זיינע הגהות אויסגעשפּרייט אַ ,,מפּה״, אַ טישטוך, איבער דעם ,,געדעקטן טיש״ האָט אין מערערע פעלע ערלויבט זאַכן, וועלכע דער ,,בית יוסף״ האָט פאַרבאָטן. דער רמ״א, אַלס רב אין קראָקוי האָט געלעבט אין אַ קריסטליך לאַנד און ער האָט זיך אָפּט גערעכנט מיט דער קריסטליכער אומגעבונג. ער האָט ערלויבט זיך באַטייליגן מיט גויים אין געוויסע אַרבייט, אין געוויסע געשעפטן, אין לעשן פייער אום שבת און געהן אום תשעה באב אַנגעטאָן אין שיך אין די קריסטליכע גאַסען, כדי די גויים זאָלן ניט לאַכן פון אונז. אין אַלגעמיין, ביי די רבנים אין די קריסטליכע לענדער באַמערקט זיך אַ נייגונג צום פאַרלייכטערן געוויסע דינים אום צו מאַכן לייכטער דעם אידענס פאַרקעהר צווישן די גויים, ווערענד

דער „בית יוסף״ דריקט זיך אויס: „נו, אז זיי וועלן לאַכן, וואס איז״? (ומה בכך שילעיגו).

ר׳ יוסף קארו, לעבענדיג אין צפת, אין אַ אידישע געזעלשאַפט, וואס האָט געפירט איהר אייגענאַרטיגען לעבען, פריי פון ניט אידישען איינפלוס, פריי פון דעם קריסטליכען, ווי אויך פון דעם טערקישען איינפלוס, האָט זעלבסט־פארשטענדליך זיך ניט גערעכענט מיט דעם „למה יאמרו הגויים״; די אידען אין טערקיי האָבען געפירט אַן אויטאָנאָמישען לעבען און זעלטען ווען די רעגירונג האָט זיך געמישט אין זייערע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. אָבער אין די קריסטליכע לענדער האָבען אידען אויף טריט און שריט זיך געמוזט רעכענען מיט זייערע קריסטליכע שכנים, און דיזער צושטאַנד שפּיגעלט זיך אָפּ אין דער הלכה ליטעראַטור.

## ר׳ מנחם עזריה מפאַנאָ

### בעל־קבלה און מעצענאַט פון דער קבלה ליטעראַטור

### פינפטער קאַפּיטעל

שטודירענדיג די געשיכטע פון קבלה און איהר ענטוויקלונג אין זעכצענטען יאָהרהונדערט שטויסט מען זיך אָן אויף דעם נאָמען פון ר׳ מנחם עזריה פון פאַנו, איטאַליען.

צפת האָט באַשאַפען די פּאָזיטיווע קבלה (קבלה מעשית), ר׳ מנחם עזריה פון פאַנאָ האָט אָבער דורך זיין געלט געהאָלפען בויען פאר דער קבלה א צענטער אין איטאַליען און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. די בעלי־קבלה אין צפת האָבען אריינגעגעבען א נשמה אין די קבלה באַוועגונג, וועהרענד ר׳ מנחם עזריה מפאַנאָ האָט די דאָזיגע נשמה אריינגעזעצט אין אַ סאָלידען קערפּער.

ר׳ משה קאָרדאָווערא מיט זיין „פרדס״ האָט אָנגעוויזען דעם וועג פאַר אַלע וואס האָבען זיך געלאָזט געהן אויף די

אונקלאָרע שטעגען פון דער קבלה; פאַר דיזע איז ר׳ משה קאָרדאָווערא געווען דער לייכטענדער שטערן. ר׳ משה קאָרדאָווערא איז אָבער באַקאַנט געוואָרען אין דער וועלט הויפּטזאַכליך דורך דער אַנשטרענגונג פון ר׳ מנחם עזריה פון פּאַנאָ. אום אַרויסצוברייגגען אין דער עפענטליכקייט ר׳ משה קאָרדאָווערא׳ס שריפטען איז קיין סומע געלט פאַר איהם ניט געווען צו קליין. און אַזוי זעהען מיר איהם באַצאָהלענדיג אַ סומע פון טויזענט גאָלדענע דוקאַטען (אלף זהובים אדומים) צו דער אלמנה פון ר׳ משה קאָרדאָווערא. פאַר דער פּריווילע־גיע פון איבערשרייבען דעם ספר „אור יקר״ וואָס איהר פאַר־שטאָרבענער מאַן האַט געשריבען אַלס פּירוש אויפ׳ן זוהר. אויסער דער סומע האַט ער אויך באַצאָהלט צוואַנציג גאָלדענע דוקאַטען צו ר׳ יוסף קארו, צוואַנציג צו ר׳ שלמה (אלקאבעץ?) און צעהן צו ר׳ משה אלשיך, דערפאַר וואָס זיי האָבען באַנוצט זייער איינפלוס צו באַקומען דיזע פּריווילעגיע.

ר׳ מנחם עזריה וועלכער האַט זיך באַזעצט אין מאַנטוא, איטאַליען, אַלס איידעם פון „הגאון והשר רבי יצחק פואה״, איז אין אַ קורצער צייט אַזוי בארימט געוואָרען מיט זיין תורה און געלערזאַמקייט, אַז די גרעסטע גאונים אין זיין צייט האָבען זיך גערעכענט מיט איהם און האָבען זיך געווענדעט צו איהם אין תלמודישע אַנגעלעגענהייטען. ווען ער איז נאָך קוים זעקס און צוואַנציג יאָהר אַלט געווען האַט שוין ר׳ יוסף קארו געהאַט אין איהם אַזויפיל צוטרוי אַז ער האָט איהם אַנפאַרטרויט צו דרוּ־קען זיין פּירוש אויפ׳ן „יד החזקה״, דעם „כסף משנה״. צו צוויי און צוואַנציג יאָהר אַלט האַט שוין ר׳ משה קאָרדאָווערא איהם געשיקט אַ קאָפּיע פון זיין „פרדס״. אין דיזען הינזיכט זאָגט ר׳ מנחם עזריה אין זיין הקדמה צו זיין ספר „פלח הרמון״: די נשמה פון דעם מחבר — ר׳ משה קאָרדאָווערא — וועט זיך פרעהען צוזאַמען מיט די אַנדערע חסידים, און וועט אַרויסגע־בען אַ לויב־געזאַנג פון קבר, דען ווען ער האַט געהערט וועגען מיין גרויסען חשק צו דיזער חכמה, האַט ער מיר געשיקט דורך איינעם פון זיינע תלמידים דעם ספר ה״פרדס״. איך האָב זיך

שטאַרק געפּרעהט מיט דעם, ווייל דורך דעם זיינען געעפענט געוואָרען מיינע אויגען צו זוכען די אמת׳ע רוה אין זיינע אנדערע חיבורים, נאָכדעם ווי ער איז גערופען געוואָרען אויף יענער וועלט.״

ר׳ גדליה, דער זוהן פון ר׳ משה קאָרדאָווערא, זאָגט אין דער הקדמה צום ספר „אור נערב״ פון זיין פאָטער: „ווען עס איז ביי מיר געבאָרען געוואָרען דער וואונש אַרויסצוגעבען דיזען ספר, האָב איך זיך באַלד געווענדעט צו ר׳ מנחם עזריה מפאנו, צו וועמען מיין פאָטער פלעגט שרייבען די מעהרסטע פון זיין תורה. ער האָט מיט דער גרעסטער ליבע זיך באַנומען צו זיינע ווערטער, און ער האָט זוכה געווען צו באַלייכטען און אוועקצושטעלען זיינע געדאַנקען אויף אַ ריכטיגען באַזיס. איהם איז קלאָר געווען יעדע כוונה זיינע, און די בריליאַנטענע ווער־טער זיינען איהם באַקאַנט געווען דורך די פילע אַנדערע חיבורים זיינע. בכל בית אבי נאמן הוא — אין אַלע זיינע געהיימנישען האָט ער טיף איינגעדרונגען״ — ענדיגט ר׳ גדליה זיין מיינונג וועגען ר׳ מנחם עזריה מפאַנו.

אַ שפּעטערדיגער מחבר, יש״ר מקאנדיא, אין זיין „מצרף לחכמה״, זאָגט אויף ר׳ מנחם עזריה מפאנו, אַז ער איז געווען „רבן של כל מקובלי ארצות המערב״ — דער פיהרער פון אַלע בעלי קבלה אין די מערב לענדער. און דאָס איז ווירקליך געווען דער פאַקט. ביז זיין צייט איז איטאַליען געווען דער צענטער פון וויסענשאַפט, אַ לאַנד וואָס האָט אַרויסגעגעבען אַ גרויסע צאָל באַרימטע מענשען אויף אַלע געביטען פון וויסענשאַפט. דער מילדער איטאַליענישער קלימאַט האָט צוגעצויגען צו זיך געלערנטע פון פרעמדע לענדער און אונטער זייער איינפלוס האָט זיך ענטוויקעלט אַ ברייטער פעלד פאַר תורה און חכמה. איבערהויפט האָט די פילאָזאָפיע געפירט אַן אונבאַגרעניצטע ממשלה אין דיזער ליבליכער לאַנד. פאַר אַ צייט פון פילע יאָהרען. פילע אידישע געלערנטע פון יענער צייט האָבען זיך שטאַרק אָבגעגעבען מיט פילאָזאָפישע שטודיען, אויף אַזוי פיל אַז דער רעליגיעזער און טאָג־טעגליכער לעבען איז געווען

שטאַרק באַאײנפלוסט פון דעם פּאַרשען און זוכען, לאָגיק און פילאָזאָפיע זײַנען געווען דער ליבלינג פון די אידישע געלע־רענטע אין איטאַליען אין יענער צייט. אויף די שטעגען פון חקירה אין אַלע געביטען דער וויסענשאַפט, האט מען געקענט געפינען די אידישע געלערענטע פון איטאַליען, און אונטער זייער איינפלוס האט זיך געפונען דאַס געבילדעטע איטאַליע־נישע אידענטהום.

ווען ר׳ עזריה מן האדומים איז ארויסגעקומען מיט זיין ספר „מאור עינים״ — דער ערשטער ספר אויפ׳ן געביט פון אידישע קריטיק — האט ער זיך אַנגעשלאָגען אַן אַ שטאַרקע געגנערשאפט — ר׳ יוסף קארו און די אַנדערע בעלי־קבלה פון צפת. צפת, דער צענטער פון אידישען מיסטיציזם האט ניט געקענט דולדען אַזאַ ספר ווי דער „מאור עינים״ וואס איז געבויט אויף היסטאָרישע און קריטישע אונטערזוכונג. דער רעזולטאַט איז געווען ווי מען האט געקענט ערוואַרטען — ר׳ יוסף קארו האט דורך זיין תלמיד ר׳ אלישא גאַליקא ארויס־געגעבען א חרם געגען „מאור עינים״ צוזאַמען מיט זיין מחבר ר׳ עזריה מו האדומים. דער דאָזיגער חרם איז אָבער ניט אַנער־קענט געוואָרען ביי די איטאַליענישע רבנים אין יענער צייט; זיי האָבען ניט דערלאָזען אז זייער לאַנדסמאַן ר׳ עזריה מן האדומים („דע ראַססי״) וועלכער איז געווען באַוואוסט אַלס גרויסער געלערענטער אין תורה און אין אויסערליכע וויסענ־שאַפטען, זאָל ווערען א קרבן פון שרעקליכען חרם וואס איז ארויסגעגעבען געוואָרען געגען איהם ביי די חכמי צפת.

דיזער היסטאָרישער פאַקט דערצעהלט אונז גענוי וועגען דעם קולטורעלען צושטאַנד פון די געלערענטע אידען אין איטאַ־ליען. זעלבסטפאַרשטענדליך אז אין אַזאַ אַטמאָספערע האט ניט געקענט פאַרפלאַנצט ווערען די קבלה־מיסטיציזם. אונטער די טרוקענע שטראַלען פון אַ ראַציאָנאַליסטישע פילאָזאָפיע און קריטישע אַנאַליזירונג, האָבען ניט געקענט שפּראָצען די צאַרטע פלאַנצונגען פון קבלה וואס אַפעלירען מעהר צום האַרצען ווי צום מוח.

אויב אין איטאַליען האָט ענדליך דאָך אריינגעדרונגען די קבלה; אויב אין דער זוניגער איטאַליען האָבען זיך אָנגעהויבען באַוויזען אָנהענגער פון ר׳ חיים וויטאַל׳ס מאַטאָ: „אַז דער מענש איז נאָר באַשאַפען געוואָרען זיך אָבצוגעבען מיט דיזער חכמה״ (ש״לא נברא האדם אלא לעסוק בחכמה הזאת״, הקדמה צום „עץ חיים״) — קומט דער קרעדיט דערפאַר צו ר׳ מנחם עזריה מפאנו! ער איז עס געווען דער יעניגער וואָס האָט זיך באַוויזען אין דער געשטאַלט פון אַ מלאך הגואל פאַר די חכמת הקבלה. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר׳ן איבער־טראָגען אויפ׳ן איטאַליענישען באָדען די קבלה לעהרע וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם צאַרטען טרוימערישען צפת׳ער הימעל.

זיין חשק צו קבלה האָט ער ארויסגעוויזען נאָך אין זיינע יונגע יאָהרען. און נאָכהער ווי ער האָט געקראָגען אַ גוטע ערציהונג אין תלמוד און הלכה, האָט ער זיך געלאָזט געהן אויף די געהיימע שטעגען פון קבלה. מיט זיין גאַנצען יוגענד־גייסט האָט ער זיך ארויפגעוואָרפען אויף די קבלה ספרים, אויף אַזוי פיל אַז אין אַ גאַנץ קורצע צייט האָט ער זיך ערוואָרבען אַ נאָמען אַלס פיהרער און אויטאָריטעט אין דער וועלט פון אצילות און ספירות.

זיין נייגונג צו קבלה האָט איהם אָבער ניט געשטערט צו מאַכען אַ ערפאָלג אויך אין פּראַקטישען לעבען. אַזוי גוט ווי ער האָט אָנגעזאַמעלט אַ גרויסען פאַרמעגען אין דער וועלט פון גייסט, אַזוי האָט ער אויך באַוויזען זיין געשיקטקייט אין זיך פאַרשאַפען מאַטעריעלע רייכטום. ר׳ מנחם עזריה איז אין זיין צייט באַרימט געווען אַלס זעהר רייכער מאַן און האָט געלעבט אין לוקסוס און עלעגאַנץ; זיין פּאַלאַץ איז געווען אַ צענטער פון רייכטום, צו דער זעלבער צייט אָבער איז עס געווען דער קאָנצענטרירונגס פונקט פאַר אַלע תלמידי חכמים. זיין הויז איז געווען אָפען פאַר געלערענטע אַזוי גוט ווי פאַר אַלע נויטליי־דענדע. די צדקה, וואָס ער מיט די אַנדערע מיטגלידער פון זיין באַרימטער פאַמיליע, פלעגען אויסטיילען, האָבען געהאַט אַ

אבקלאָנג איבעראל, און איהם פארשאפט דעם נאמען פון „פרינץ פון צדקה און חסד״.

זייענדיג באגאבט מיט מאטעריעלע מיטלען, האט ער געטאן זיין בעסטעס ארויסצוברייינגען אין דער עפענטליכקייט די דאזיגע קבלה ספרים וועלכע האבען אפעלירט צו זיין גייסט, ווי שוין אויבען דערמאנט. א חוץ דעם פלעגט ער באנוצען זיין געלט אין דער אויפזאמלונג פון טייערע ספרים און ווערטפולע מאנוסקריפטען. אזוי ארום האט ער זיך געהאט ערווארבען איינע פון די וויכטיגסטע ביבליאטעקען אין זיין צייט.

צווישען זיינע אנדערע פערזענליכע מעלות איז ווערט צו דערמאנען, אז ער איז געווען א גרויסער עניו, און האט קיינמאל ניט געלאזט אימיצען פיהלען אז ער שטעהט נידעריגער פון איהם. זיך פילענדיג קליין האט ער צוליב דעם קיינמאל ניט געצווייפעלט אין די ווערטער פון די חז״ל, און טאמער האט ער אמאל ניט פארשטאנען זייערע רייד, האט ער ער ערקלעהרט דערמיט וואס זיין מוח איז ניט פעהיג צו באגרייפען זייערע ;ייליגע ווערטער. אזוי שרייבט ער זיך אונטער מערערע מאל עפרא דארעא; אדער, „אמר מ״ע (מנחם עזריה) זה שמי מעביר עון וזה זכרי מוחל עלבון״ — אין אנדערע ווערטער, די ראשי תיבות פון זיין נאמען מ״ע מיינט „מעביר עון״ אדער „מוחל עלבון״. ער האט שטאלצירט וואס ער איז מוחל אויף א באליידיגונג און פארגיט די זינד וואס ווערט באגאנגען געגען איהם.

נאר ווי גרויס דער עניו איז אין איהם געווען האט ער דאך ניט געשוינט דעם כבוד פון אזא גאון ווי רבי שלמה לוריא (רש״ל) ווען דער לעצטער האט אטאקירט די קבלה און איהרע אנהענגער. ר׳ מנחם עזריה מפאנו זייענדיג ערצויגען אין גייסט פון דער קבלה, און אלס פיהרער פון די בעלי קבלה אין די מערב לענדער, האט ניט געקענט רוהיג פארטראגען דעם שארפען אורטייל פון רש״ל איבער דער קבלה און איבער די יעניגע וואס גיבען זיך אפ מיט דעם.

דער רש״ל האט זיך געהאט אויסגעדריקט אין א תשובה

צו איינעם פון זיינע פריינד (ש״ת רש״ל צ״ה) : „דו, מיין פריינד, געה ניט מיט זיי אויף דעם זעלבען וועג, און האב ניט קיין געשעפטען מיט די יעניגע וואס שטאלצירען מיט זייערע נייע סתרי־תורה, פונקט ווי פאר זיי וואלט געווען קלאר אלע געהיימנישען פון דער תורה. און הלואי וואלטען זיי געוואוסט די נגלה בעפאר זיי גיבען זיך אפ מיט נסתר״, א. ז. וו.

אויף דעם האט ר׳ מנחם עזריה גערנטפערט : „ר׳ שלמה לוריא איז רייך אין תורה. אבער אין די תשובה צ״ה ווייזט ער ארויס זיין גרויסע ארימקייט. מיט זיינע ווערטער באנעהמט ער זיך מיט גאוה און פאראכטונג, און אלע זיינע רייד זיינען ניט מעהר ווי פוסטע פלוידעריי. (וכל דבריו שם המה מהבל יחדיו). זיינע ווערטער טרעטען איבער דעם גרעניץ פון אונטער־זוכונג (עברו תורת העיון), צוברעכען דעם געזעץ פון אנשטענ־דיגקייט (הפרו חוק המוסר). פאר דעם געלערענטען און פאר־שטענדיגען פאסט ניט צו ענטפערען אויף זיי, אדער שענ־קען וועלכע אויפמערקזאמקייט.״

דער אזוי מילדער און עקסטרימער עניו האט זיך געגצליך פארלארען ווען זיין ליבלינגס תורה, די קבלה, איז אנגעגריפען געווארען, ר׳ מנחם עזריה האט זיך פארוואנדעלט אין א קנאי אפילו געגען דעם גרעסטען גאון פון זיין צייט — דער מהרש״ל ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען די נייע פאזיטיווע קבלה פון וועלכע ער איז געווארען דער ערשטער פארשטעהער.

ר׳ מנחם עזריה׳ס אכטונג פאר׳ן זוהר און פאר קבלה איז געווען אזוי אויסגעשפראכען אז ער האט זיך ערלויבט אויס־צודריקען דעם געדאנק, אז ווען א געוויסער מאמר אין דער גמרא לאזט זיך ערקלעהרען נאכ׳ן זוהר, זיינען מיר מחויב אנצונעמען די ערקלערונג פון זוהר געגען אלע אנדערע פירושים. דער זוהר איז ביי איהם אנערקענט געווארען אלס אויטאריטעט אין וועמענס ווארט מען דארף ניט צווייפלען. „בלויז קורצ־זיכטיגע וועלכע זעהען ניט די שטראלען פון זוהר — זאגט ער — וואגען ארויסצוטרעטען געגען דיזען ספר״. און אום צו העלפען ערקלעהרען די שווערערע שטעלען אין זוהר האט ער

אנגעשריבען א באזונדערע ווערק מיט'ן נאמען „שברי לוחות" געווידמעט ספעציעל צו די קריטיקער פון זוהר.

אויסער דיזען ספר האט ר' מנחם עזריה אנגעשריבען נאך פילע ספרים איבער קבלה צווישען וועלכע די מעהר פאפולערע זיינען „פלח הרמון", „עסיס רמונים", „עשרה מאמרות", אדער „אמרות טהורות", און אנדערע. ער האט אויך איבער־געלאזען א ספר פון שאלות ותשובות, ווי אויך א פארקירצונג פון „אלפס" מיט דעם נאמען „אלפסי זוטא". צוזאמען האט ער איבערגעלאזען דרייסיג ספרים פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז געווידמעט צו דער קבלה.

דער איינפלוס פון ר' מנחם עזריה איז געווען אזעלכער אז זיינע מקורבים האבען באהויפטעט אז ער האט געהאט א „מגיד" וואס פלעגט קומען מיט איהם לערנען סתרי תורה. פונקט ווי ר' יוסף קארו וועלכער האט געהאט זיין „מגיד מישרים", אזוי האט אויך ר' מנחם עזריה מפאנו געהאט א שליח פון די הימלישע ספערען וואס פלעגט איהם באקענען מיט די געהיימנישען פון דער קבלה. אמווייניגסטענס, אזוי באהויפטעט דער גרויסער גאון און ביבליאגראף ר' חיים יוסף דוד אזולאי (ה' חיד"א) אין זיין „שם הגדולים". אין דיזען הינזיכט זאגט דער לעצטער: „מהר"י לאמבראזא אין זיין פירוש אויף איוב שרייבט, אז ער האט געהערט און געזעהן ביי זיין רבי'ן מנחם עזריה דעם מגיד".

דער פאקט וואס די תלמידים האבען צוגעשריבען צו זייער רבי'ן די דירעקטע הילף פון א הימלישען פארטרעטער — ווייזט גענוי דעם גרויסען איינפלוס וואס ר' מנחם עזריה האט אויסגעאיבט אויף די מענשען פון זיין דור. בלויז מענשען אין דער קאטעגאריע פון ר' יוסף קארו האבען זוכה געווען צו האבען א „מגיד".

ר' מנחם עזריה איז געשטארבען אין חודש אב, ש"פ (1620) אין עלטער פון צוויי און זיבעציג יאהר, און איז באגראבען געווארען אין מאנטוא, איטאליען.

די אידישע קהלה אין מאנטוא, האט אין איהר באזיץ אן

אויל בילד פון ר׳ מנחם עזריהן. מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט דער רב פון פעראַראַדאַ, ר׳ יוסף ירא, געמאַכט אַ קאָפּיע פון דיזען בילד אויפ׳ן פאַרלאַנג פון יהודה ליב וואָידיסלאַווסקי, אַ לאָדזער יונגער מאַן וועלכער האָט געשריבען אַ ספּעציעלע ווערק וועגען דעם העלד פון דיזער אָפּהאַנדלונג.

ר׳ מנחם עזריה׳ס אָריגינאַליטעט אויפ׳ן געביט פון קבלה ווייזט זיך אַרויס דורך זיינע אילוסטראַציעס מיט וועלכע זיין ספר „עסים רמונים״ צייכענט זיך אויס געגען אַלע אַנדערע ספרי קבלה. דער „עסיס רמונים״ איז צום ערשטען מאָל געדרוקט געוואָרען אין יאָהר 1601, און די אילוסטראַציעס וואָס ווערען דאָ איבערגעדרוקט זיינען גענומען פון דיזען ספר.

דער ערשטער בילד שטעלט פאָר די עשר ספירות און זייער פאַרבינדונג צווישען זיך. איבער די עשר ספירות געפינט זיך דער „א״ס״ — אין סוף — די אונענדליכקייט. פון „אין סוף״, דורך אַ פּראָצעס פון קאָנצענטרירונג (צמצום) איז באַשאַפען געוואָרען דער „סוף״, די ענדליכקייט. די ערשטע דריי ספירות „כתר״, „חכמה״, „בינה״ באַלאַנגען מעהר צום „עולם מושכל״ אָדער „עולם השכל״, די אינטעלעקטועלע וועלט; פון דיזע דריי ספירות, פון דעם „עולם השכל״, ענטוויקעלט זיך דאָס מאָראַלישע, דאָס גייסטיגע וואָס קען באַצייכענט ווערען אַלס דער עולם הנשמות. אָדער ווי די שפּעטערע בעלי קבלה רופען עס דער „עולם מורגש״, דאָס פיהלענדע וועלט, וואָס דריקט זיך אויס אין דער צווייטער גרופּע פון דריי ספירות, נעמליך, „גדולה״, „גבורה״, „תפארת״. וועהרענד די דריטע גרופּע פון די דריי ספירות „נצח״, „הוד״, „יסוד״ שטעלען פאָר די נאַטירליכע וועלט, דעם „עולם המוטבע״ אָדער ווי אַנדערע בעלי קבלה זאָגען דעם „עולם הגוף״. די צעהנטע און גרונד ספירה איז „מלכות״ — הערשאַפט — אין וועלכער עס ווערען איינגעשלאָסען אַלע אַנדערע ספירות. „מלכות״ איז דער סך הכל פון אַלע כוחות וואָס ווירקען, שאַפען, און קאָנצענטרירען זיך אין איין גאַנצעס.

זעלבסטפאַרשטענדליך אז דער שרייבער זוכט בלויז צו




1־טע בילד



3־טע בילד



2־טע בילד



4־טע בילד

ערקלעהרען אין קורצע ווערטער די באַדייטונג פון ר׳ מנחם עזריה׳ס אילוסטראַציע, ווי ווייט עס לאָזט זיך ערקלעהרען אין איינפאַכע ווערטער. דאס קען אבער בשום אופן ניט דינען אַלס אַבהאַנדלונג וועגען די עשר ספירות און זייער שייכות צווישען זיך. דער שרייבער וויל איבערהויפט ניט זאָגען אז זיין באַצייכנונג פון דער אילוסטראַציע איז די ריכטיגע, אָדער די איינציגע נאָך וועלכער מען קען ערקלעהרען די געמיינשאַפט־ליכע שייכות פון די ספירות אין דער אויבענגענאַנטער אי־ליכקייט. (זעה בילד 4).

יעדענפאַלס דאס שטעלט זיך ארויס קלאָר אַז ר׳ מנחם עזריה׳ס געדאַנק איז, אז די צעהן ספירות זיינען אַנגעשלאָסען און אבהענגיג איינע פון די צווייטע פונקט ווי רינגלעך אין א קייט; — פאַרשידענע רינגעלאַך וואס שטעלען צוזאַמען איין קייט האָבען די זעלבע שייכות צווישען זיך ווי די ספירות, וועלכע זיינען ענטשטאַנען פון דעם ,,אין סוף״, די אונענד־ליכקייט.

אין דיזען הינזיכט איז ווערט צו באַמערקען אז ניט אַלע בעלי קבלה זיינען איינשטימיג מיט דיזער מיינונג. די שייכות פון די צעהן ספירות מיט דעם ,,אין סוף״ ווערט ניט ביי אַלע בעלי קבלה גלייך אויסגעשטעלט. נאָר דעם שרייבער׳ס ציל איז בלויז צו ערקלעהרען ר׳ מנחם עזריה׳ס טעאָריע ווי דאס ווערט אויסגעדריקט אין דיזער אילוסטראַציע.

* * *

דאָס צווייטע בילד שטעלט פאָר די ספירות אין דער פאָרמע פון אַ מנורה, ווערענד דאס דריטע בילד שטעלט פאָר די צעהן ספירות אין דער פאָרמע פון אַ צירקעל, אַנהויבענדיג מיט ,,כתר״ און ענדיגענדיג מיט ,,מלכות״.

דער ,,אלף״ מיט די פיר בוכשטאַבען איז, נאָך ר׳ מנחם עזריה׳ס געדאַנק, דער סימבאָל פון די פיר קאַבאַליסטישע וועלטען, נעמליך: ,,עולם האצילות״, ,,עולם הבריאה״, ,,עולם היצירה״, און ,,עולם העשיה״.

ווי שוין געזאגט, דיזע אילוסטראַציעס זיינען פון ר׳ מנחם

עזריה׳ס „עסיס רמונים׳׳ וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין יאָהר 1601. דערמיט אַליין וואָס ער האָט זיך באַנוצט מיט מאָדערנע מיטלען ארויסצוברייננגען זיינע טעאָריען, פאַרדינט ער א חשוב׳ען פלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור געשיכטע.

ר׳ מנחם עזריה פון פאַנו, אַלס מעצענאַט, אַלס בעל קבלה, אַלס געלערענטער און אַלס פאָלקס פיהרער — איז געווען איי־נער פון די לייכטענדע שטערען אויף דעם אידישען הימעל צום אנפאַנג פון זיבעצענטען יאָהרהונדערט, און אַלס אזעלכער האָט ער נאָך ביז היינט ניט געקראָגען די געהעריגע אַנערקענונג אין דער אידישער וועלט.

טוביה הרופא

# טוביה הרופא
## דאָקטאָר און געלערנטער

### ערשטער קאַפּיטל

טוביה הרופא, אדער מיט זיין ריכטיגען נאָמען „טוביה הכהן”, דער מחבר פון „מעשה טוביה”, איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר תי״ב (1652), און איז געשטאָרבען אין עלטער פון זיבען און זיבעציג יאָהר, אין יאָהר תפ״ט (1729). אין דער שטאָט מעטץ וואָס האָט דאַן באַלאַנגט צו פראַנקרייך, האָט טוביה׳ס פאָטער זיך באַזעצט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזען פוילען צוליב די כמעלניצקי פּאָגראָמען אין די יאָהרען ת״ח ות״ט, און אין מעטץ איז טוביה, דער העלד פון אונזער דערצעהלונג, געבאָרען געוואָרען מיט פיר יאָהר שפּעטער.

נאָך אַלס קינד האָט טוביה פאַרלאָזען זיין געבורטשטאָט און זיך אַוועקגעלאָזען נאָך דייטשלאַנד און פוילען. ער האָט אריינגעטראָטען אין קראָקויער אוניווערזיטעט, און שפּעטער איז ער אַנגעקומען אין אוניווערזיטעט פון פראַנקפורט אַן־דער־אָדער. זיין דאָקטאָר דיפּלאָמאַ האָט ער געקראָגען אין פּאַדוא, איטאַליען; האָט פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר אין פוילען; געדינט אַלס לייב־דאָקטאָר צו פינף פאַרשידענע טערקישע סולטאַנען; האָט געשריבען זיין בארימט ווערק „מעשה טוביה”, וואוינענדיג אין אדריאַנאָפּאָל; געדרוקט דיזע ווערק אין וועניג, איטאַליען; פאַרנומען די שטעלע פון פּראָפעסאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אוניווערזיטעט — איז געשטאַרבען און געקומען צו קבר ישראל אין ירושלים!

אָט דאָס איז אין קורצען די ביאָגראַפיע פון טוביה הכהן,

דאָס פּױליש אידיש קינד װאָס האָט ארומגעװאָנדערט זײַן גאַנ־צען לעבען אין זוכעניש פון תורה און װיסענשאַפט. זײַן שטענ־דיגער ארומװאַנדערען האָט איהם אָבער ניט געשטערט אין זײַן ארבײט, די ארבײט פון לערנען און שטודירען. אין גע־גענטײל זײַנע רײַזעס האָבען איהם פיל געהאָלפען אין אױס־בילדען זײַן כאַראַקטער און רײַכער מאַכען זײַן אוצר פון װי־סענשאַפט. ארומרײַזענדיג איז ער געקומען אין באַריהרונג מיט די גרעסטע דאָקטוירים פון זײַן צײַט, און אזױ ארום האָט ער געהאַט די געלעגענהײט צו שטודירען און פערזענליך צו אונ־טערזוכען גרינדליך פארשידענע קראַנקהײטען װאָס האָבען דאַן עקזיסטירט אין פארשידענע לענדער. טוביה׳ס באַקאַנטשאַפט מיט דער מעדיצינישער װיסענשאַפט איז געװעזען פון די ערש־טע קװעלען, פון פערזענליכע אונטערזוכונג. דורך זײַנע רײַזעס אין פארשידענע לענדער האָט טוביה זיך ערװאָרבען גרינדליך די נײַן פאָלגענדע שפּראַכען: העברעאיש, דײַטש, איטאַליעניש, פראַנצױזיש, שפּאַניש, טערקיש, לאַטײַניש, גריכיש און אראַ־ביש. גלײַכפאַלס איז ער געװען געניט באַקאַנט מיט די מנהגים און אידעען פון די פארשידענע פעלקער װעלכע ער האָט באַזוכט אױף זײַנע רײַזעס.

אָבער װאָס מעהר טוביה האָט קענען געלערענט די קול־טורען און די מאָראַל פון די פארשידענע פעלקער; װאָס מעהר טוביה הרופא האָט געזעהן פון די ניט־אידישע װעלט, אַלץ מעהר האָט ער געאַכטעט און געליבטע זײַן גאָט — דעם גאָט פון זײַן פאָלק ישראל. דורך זײַן גאַנצען לעבען איז טוביה געבלי־בען דער זעלביגער פרומער גאָטספארכטיגער איד װאָס איז געבוירען נאָר צו דינען גאָט און לערנען זײַן תורה. טוביה הרופא דער גרױסער װיסענשאַפטסמאַן האָט קײנמאָל ניט איבערגע־טראָטען אָדער געצװײפעלט אין די װערטער פון די חכמי התלמוד. די לעהרע פון אונזערע אַלטע חכמים האָט ער אָנער־קענט אַלס די העכסטע און דארום האָט ער אימער געשטרעבט אױסצוגלײַכען די מאָדערנע װיסענשאַפט מיט דער װיסענשאַפט ליכער לעהרע פון תלמוד. דעם תלמוד האָט ער אנערקענט אַלס

דאס העכסטע אויטאריטעט, און מיט דעם טיפסטען רעספעקט זיך באנומען צו דער לעהרע פון אונזערע תלמוד יסטען.

גליקליכערווייזע האט דער שרייבער בעפאר זיך א קאפּיע פון דער ערשטער אויסגאבע פון „מעשה טוביה״, געדרוקט אין ווענעדיג אין יאהר 1707, און מיר גיבען דא איבער טוביה׳ס בילד וואס געפינט זיך אויפ׳ן פאדערבלאט פון דיזער ווערק, אין הינטערגרונד זעהען זיך זיינע ספרים; ווערענד אין פאר־דערגרונד האלט טוביה זיין האנט אויף אן אסטראנאמישען אינסטרומענט, וועגען וועלכען עס וועט אונז אויסקומען שפּע־טער צו ריידען.

אין דער הקדמה פון דיזער ווערק וואס איז געשריבען אין א ריינעם רבני׳ש העברעאישען סטי׳ל פון יענער צייט, געפינט זיך דער פאלגענדער אינצידענט, וואס האט פאר דעם היינטיגען לעזער א וויכטיג היסטארישען ווי אויך ראמאנטישען ווערט. נאכדעם ווי טוביה ערקלערט אז צוליב דעם שווערען טרויערי־גען אידישען לעבען אין פוילען האט ער באשלאסען צו פארלא־זען דאס לאנד וואו ער איז געקומען לערנען תורה פון די דא־מאלסדיגע אידישע גאונים, דערצעהלט ער:

„גאט האט מיר געהאלפען און איך האב געפונען חן אין די אויגען פון דעם דוכוס דעם קורפירשט פון בראנדענבורג, וועלכער איז געווען פריינדליך גענייגט צו אידען, און ער האט גוזר געווען אויף די באאמטע פון פראנקפורטער אוניווערזי־טעט (וגזר על ראשי המדרש) אז זיי זאלען אונז אריינגעהמען, און זיי זאלען אונז ווייזען א פריינדליכע געזיכט אין אוניווער־זיטעט, הגם דאס איז געווען געגען זייערע אייגענע אלטע גע־זעצע, ווייל אין דיזען אוניווערזיטעט איז נאך קיינמאל פריער געווען א אידישער סטודענט. דער קורפירשט פון בראנדענבורג איז אויך געווען פריינדליך געגוג מיר אויסצוהאלטען מיט דעם נויטיגען לעבענסמיטעל די גאנצע צייט פון מיין זיין אין אוני־ווערזיטעט אום איך זאל האבען די מעגליכקייט צו לערנען. און ווירקליך, די פראפעסארען האבען אונז צוגעטיילט פיל כבוד, און טאג אייז, טאג אויס פלעגען זיי מיט אונז דעבאטירען

וועגן רעליגיעזע פראגעז מיט שעהנע פראזען און מיט לאנגע ארגומענטען אויף וועלכע זיי זיינען זעהר פעהיג געוועז (בהדור ובאריכות גדול כמנהגם). זעהר אפט פלעגען זיי אונז באליי־דיגען און סארקאסטיש פרעגען: וואו איז אהינגעקומען אייער חכמה מיט אייער פארשטאנד? (איה חכמתם ובינתכם), דיזע ברכות מיט וועלכע גאט האט אייך געבענשט זיינען שוין לאנג צוגענומען געווארען פון אייך און אוועקגעגעבען געווארען צו אונז, ווייל צווישען אייך אידען האט קיינער א באגריף פון די מאדערנע וויסענשאפטען, א. אז. וו. אזוי פלעגען זיי אונז פארפאלגען יעדען טאג מיט זייער סארקאסטישען שמייכעל, און חוזק מאכען פון אונזער פאלק. נאר מיט דעם אויבערשטענס חסד האבען מיר זיך ניט פארלארען און געהאלטען דעם קאפ שטאלץ. דער אויבערשטער האט אונז געגעבען כח צו ענטפערען אויף די באליידיגונגען, הגם מיר האבען ניט געהאט די ערפאה־רונג פון אונזערע געגנער אין פיהרען א דעבאטע. דאנקען דעם עוויגען, מיר זיינען געוועז קלאר אין פסוק, אין גמרא און אין מדרשים, אבער פון דעסטוועגען האבען מיר זיך ניט געקענט גלייכען צו אונזערע געגנער אין דער קונסט פון דעבאטירען. דאמאלסט, זייענדיג באהערשט פון א געפיל פון קנאת ה׳ צבאות, האב איך געשווארען צום גאט פון אונזערע עלטערען דאס אזוי שנעל ווי איך וועל קומען צו מיין ציל, וועל איך ניט רוהען און ניט שלאפען ביז איך וועל מיט גאט׳ס הילף פארפא־סען א ווערק, אן אלגעמיינע וויסענשאפטליכעס ווערק, וועלכע זאל דינען אלס וואפען געגען אונזערע באליידיגער, אום זיי צו איבערצייגען אז ניט ביי זיי אליין ליגט די גאנצע וויסענ־שאפט. אזא ווערק וועט ווייזען די גויים אז כאטש מיר זיינען אין א פינסטערען גלות, דאך שיינט צווישען אונז דאס געט־ליכע ליכט און מיר באזיצען אויך וויסענשאפטס־מענער״.

טוביה׳ס נאאיווע ווערטער גיבען אונז דאס בעסטע בילד פון דעם אידישען לעבען אין יענער צייט. ער איז געוועז דער ערשטער אידישער סטודענט אין דעם אריסטאקראטישען אוני־ווערזיטעט פון פראנקפארט אן־די־אדער; דער קורפירשט פון

בראנדענבורג האט ארויסגעלייגט א גזרה אויף די באמטע צוליב דיזען פוילישען אידען; דאס זיינען שטיקער געשיכטע וועלכע דערצעהלען אונז זעהר פיל פון דעם אידישען לעבען אין דייטשלאנד מיט צוויי הונדערט און זיבעציג יאהר צוריק.

צום שלוס פון דער הקדמה דערמאנט טוביה נאך אן אור־זאך וואס האט איהם באוואויגען צו שרייבען זיין בוך און עס אנרופען „מעשה טוביה‟, ווייל דאדורך וועט זיין נאמען לעבען בלייבען אויך נאך זיין טויט. „צוליב מיינע זינד‟, באקלאגט זיך טוביה הרופא — „זיינען מיינע ליבע קינדער צוגענומען געווארען פון מיר, זאל אלזא, מיין ווערק זיין מיין אבשטאמונג און טראגען מיין נאמען אין דער צוקונפט‟.

און ווירקליך טוביה הרופא׳ס גייסטיג קינד, זיין באַרימטע ווערק „מעשה טוביה‟ האט זיין נאמען פאראייביגט פיל בעסער ווי קינדער פון בשר ודם!

* * *

טוביה הכהן׳ס ענציקלאפעדישע ווערק „מעשה טוביה‟ איז איינגעטיילט אין דריי פארשידענע טיילען, און יעדע פון די דריי טיילען איז באזונדער צוטיילט אין פרקים, וועלכע באהאנדלען 1) טעאלאגיע; 2) אסטראנאמיע; 3) מעדיצין; 4) היגיענע; 5) ספעציעלע מענערשע קראנקהייטען; 6) באַטאנישע וויסענשאפט; 7) קאסמאגראפיע, די וויסענשאפט וואס באהאנדעלט די ענטשטעהונג פון דער וועלט, אדער אור־ניווערזיום; 8) אן אבהאנדלונג וועגען די פיר יסודות. אויסער די אלע טעמעס געפינען זיך אין ערשטען טייל פילע וויסענ־שאפטליכע אבהאנדלונגען וואס טראגען מעהרסטענס א כאַראקטער פון דרוש געשריבען פון טוביה׳ס פאטער, דער רב פון מעטץ, אין וועלכע דער מחבר זוכט צו איבערצייגען די עקזיסטענץ פון גאט און די אייביגקייט פון דער תורה.

אלס א וויסענשאפטליכע ווערק פארנעמט דער „מעשה טוביה‟ א באזונדערען פלאץ אין אונזער אלטער העברעאישער ליטעראטור, צוליב פילע אורזאכען. ערשטענס, דער פאקט אליין וואס אין אונזער אלטער ליטעראטור געפינט זיך זעהר

ווייניג ווערק וואס גיבען זיך אפ מיט וויסענשאפט און גע־שריבען אין א טעכניש וויסענשאפטליכער שפראך. אזעלכע ווערק זיינען כמעט ניט בנמצא אין דער העברעאישער ליטע־ראטור פון יענער עפאכע. צווייטענס, טוביה הרופא׳ס רייכע העברעאישע טערמינאלאגיע, און דריטענס, די פילע צייכנונגען און אילוסטראציעס מיט וועלכע דער מחבר באנוצט זיך אפט. וואס אנבאטרעפט זיין פרייען העברעאישען סטיל, איז עס ווירקליך מערקווירדיג ווי טוביה געפינט אימער די פאסענדע נעמען אין העברעאיש פאר אלע מעדיצינישע אויסדריקע און דעפיניציאנען. טוביה האלט זיך אימער שטרענג אין דעם ריין־העברעאישען סגנון, אפילו דאן ווען ער באנוצט טעכנישע אויס־דריקע. מען קען זאגען אז גאנץ אליין האט ער באשאפען א מעדיציניש־העברעאישע טערמינאלאגיע ווען אזוינע האט נאך ניט עקזיסטירט. די טערמינאלאגיע וואס ער האט באשאפען וואלט, אין פאקט, געקענט באנוצט ווערען פון די היינטיגע דאקטוירים וואס שרייבען אין העברעאיש. די היינטיגע העברע־איש ווי רייך זי איז, איז זי אבער דאך נאך ארים אין טעכניש וויסענשאפטליכע אויסדריקע, און טוביה׳ס פליסענד־טעכנישע שפראך וואלט אהן צווייפעל רייכער געמאכט דיזער אבטיילונג אין דער העברעאישער ליטעראטור. אין דיזען הינזיכט אליין איז „מעשה טוביה‟ פון דער העכסטער וויכטיגקייט, און צוקונפ־טיגע היסטאריקער וועלען אהן צווייפעל איהם געבען די אויפ־מערקזאמקייט וואס ער פארדינט אין אונזער היסטאריע.

גלייכפאלס, די אילוסטראציעס מיט וועלכע דאס ווערק איז אזוי פול, איז אן ערשיינונג וואס איז אונבאוואוסט אין דער אלטער העברעאישער ליטעראטור. באזונדער אינטערע־סאנט איז די אילוסטראציע וואו ער פארגלייכט דעם מענשען׳ס קערפער צו א הויז (זעה בילד אויף זייט 158) און די פארשי־דענע גלידער צו די פארשידענע צימערען אין הויז. די הויט וואס באדעקט דעם קאפ איז דאס זעלבע ווי דער דאך פון א הויז; די אויגען — אלס פענסטער; דאס מויל — די טיהר צום אויבערשטען עטאזש; די ליפען — די טירען פון הויז;

דער אָטעם — אויסלופטערונגס פּלאַץ; דאָס האַרץ — באַ־לייכטונגס און באַוואַכונגס פּלאַץ; דער לעבער — די וואַש־הויז; דער מאָגען — אַ קיך, א. אז. וו.; די פאַרשידענע קראַנק־הייטען טיילט ער איין איבעריג נאָך די אַנדערע פאַרשידענע צי־מערען אין הויז; אַ באַשעדיגטער דאַך—ווען די הויט פון קאָפּ איז אַנגעגריפען; צובראָכענע פענסטער — קראַנקע אויגען; די קיך איז קאַליע געוואָרען—דער מאָגען אַרבייט ניט גוט. א. אז. וו.

אין דיזער אילוסטראַציע גיט טוביה הרופא אַ גרינדליכע אַנאַטאָמישע באַשרייבונג פון דעם גאַנצען מענשליכען סיסטעם, און העכסט כאַראַקטעריסטיש איז וואו ער שטעלט אוועק פון איין זייט אַ הויז און פון דער אַנדער זייט אַ מענש און ער אונ־טערצייכענט: אַ הויז האָט דעם פונדאַמענט אין דער ערד און דאָס זעלבע דער מענש, „אדם בעפר יסודו”. דיזע צייכנונג איז באַדייטענד וויכטיג אויך פאַר דעם מאָדערנעם סטודענט פון לאַבאָראַטאָריום.

באַדייטענד וויכטיג איז אויך די אַסטראָנאָמישע אילוסט־ראַציעס וועלכע האָבען געדינט אַלס וועג־ווייזער פאַר פילע ליבהאָבער פון דיזער וויסענשאַפט. עהנליכעס קען אויך גע־זאָגט ווערען וועגען די אַנדערע אילוסטראַציעס מיט וועלכע טוביה הרופא זוכט צו ערקלעהרען פאַרשידענע פּראָבלעמען אין פיזיק.

עס איז ווירקליך צום שטוינען ווי אַזוי טוביה הרופא, אין אַ צייט ווען עס זיינען נאָך ניט געווען מעדיצינישע אינסט־רומענטען אָדער כעמישע לאַבאָראַטאָריומס צו אונטערזוכען קראַנקהייטען, האָט געקענט אַזוי גרינדליך דיאַגנאָזירען געווי־סע קראַנקהייטען וועלכע בלויז די מאָדערנע כעמישע לאַבאָ־ראַטאָריום איז פעהיג צו אונטערזוכען ערפאָלגרייך.

אַלס אַ ביישפיל: טוביה רעכענט אויס די פאַרשידענע קאַלירען פון דאָס בלוט וואָס קומט בלויז אַלס רעזולטאַט פון געוויסע קראַנקהייטען, אין פּולס, אין די גֶעדערים, און איבער־הויפּט אין דער השתנה. צוואַנציג קאַלירען פאַרשידענע, אין די

אוריך, רעכענט אויס דער פּאַרפּאַסער, און דער שרייבער פון דיזע ציילען האָט די מיינונג פון אַ גרויסער מעדיצינישער אויטאָריטעט, אַז די מאָדערנע מעדיצינישע וויסענשאַפט באַשטעטיגט אַלעס וואָס טוביה האָט געזאָגט וועגען דעם מיט צוויי הונדערט און זיבעציג יאָהר צוריק.

עס איז שווער צו באַגרייפען ווי אַזוי טוביה האָט געקענט באַשטימען די פאַרשידענע קראַנקהייטען נאָך דעם קאָליר פון דאָס בלוט ניט האָבענדיג די מאָדערנע אינסטרומענטען וואָס זיינען אַזוי אומבאַדינגט נויטיג צו דעם היינטיגען דאָקטאָר ווען ער וויל אונטערזוכען אַ געוויסע קראַנקהייט. עס איז אייבערהויפּט שווער צו פאַרשטעהן ווי אונזערע חכמי התלמוד און די שפּעטערדיגע חכמים האָבען געוואוסט צו מאַכען מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונגען אין דאָס בלוט פון בהמות און עופות וועגען איסור והיתר אָהן דער הילף פון כעמישע לאַבאָראַטאָריומס און אינסטרומענטען. מיינער אַ באַקאַנטער וואָס האָט שטודירט אונטער דעם בארימטען אידישען כירורג פּראָפעסאָר איזראעל אין בערלין, דערצעהלט מיר, אַז פּראָפעסאָר איזראעל האָט איהם אמאָל געבעטען ער זאָל איהם אויפזוכען דעם אידישען דין וועגען רויטע פלעקען אָדער גרינע פלעקען אין די ריאה פון אַ בהמה. ווען מיין פריינט האָט איהם געזאָגט וואָס דער אידישער דין פון יורה דעה האָט אונז צו זאָגען וועגען דעם, איז פּראָפעסאָר איזראעל אויפגעשפּרונגען און מיט אויפרעגונג אויסגעשריען, ווי האָבען יענע לייטע געקענט אַזוי גרינדליך באַגרייפען און ענטוויקלען די לעהרע פון באַצילען און זייער פאַרניכטענדען איינפלוס אויף די לונגען פון אַ לעבעדיגען קערפּער, אַ טעאָריע וואָס בלויז די מאָדערנע וויסענשאַפט האָט אַזוי ערפאָלגרייך ענטוויקעלט. ניט אַנדערש, האָט פּראָפעסאָר איזראעל אויפגערעגט געשריען, אַז די אידישע פאַרצייטיגע געלערענטע האָבען געוואוסט ברוח הקודש דאָס וואָס מיר אין היינטיגען דור קענען ערשט לערנען מיט דער הילף פון מאָדערנע אינסטרומענטען. די פראַגע פון קאָליר אין אַ פלעק אויף די ריאה, איז נעמליך, אַ פראַגע ווי ווייט די באַצי-

לען האבען זיך איינגעגעסען און זיך ענטוויקעלט, און דער אי־דישער דין אין דיזען הינזיכט ווערט באשטעטיגט ביי די מא־דערנע כעמישע לאבאראטאריעס.

טוביה באנוצט זיך אויך מיט פארגרעסערטע מיקראסקא־פישע בילדער פון אינסעקטען, מיקראבען און עהנליכעס. דאס אלעס פיהרט אונז צום באשלוס, ווי דר. א. לעווינסאן האט ריכטיג באמערקט אין זיין אבהאנדלונג וועגען דער זעלבער טעמע, אין „העברי״ — אז טוביה הכהן איז געווען איינער פון יענע וויסענשאפטס מענער וועלכע ערשיינען בעפאר זייער צייט. פילע היסטאריקער זוכען צו באשרייבען געוויסע היסטא־רישע פעריאדען נאך די מיינונגען און לעבנעס פאסירונגען פון די גרויסע לייט פון דיזער פעריאדע. דיזע היסטאריקער פאר־געסען אבער אז די גאונים, די זאגענאנטע געניוסען פון יעדען דור, זיינען אין מעהרסטע פעלע, צופיל פארגעשריטען פאר זייער אייגענעם דור. די גאונים, די גייסטיגע ריזען אין יעדע געגעראציאן, שטעהען אימער העכער ווי דער אלגעמיינער קולטורעלער צושטאנד פון זייער אייגענער צייט, און אפטער נעהמט עס פילע דורות ביז דער גייסטיגער צושטאנד פון דער מענשהייט קען זיך צופאסען צו די פארגעשריטענע אידייען פון די דאזיגע גדולים. נעמענדיג דאס אין אנבאטראכט קענען מיר זיך פילייכט ערקלעהרען די מערקווירדיג פארגעשריטענע אידייען פון דעם פויליש־אידישען אינגעל וועלכער איז ארויפ־געצוואונגען געווארען אויף די פראפעסארען פון פראקפורטער אוניווערזיטעט. דורך א „גזרה״ פון „זיינער האהייט״ דעם קורפירשט פון בראנדענבורג.

טוביה שרייבט פאר געוויסע היגיענישע רולס נאך וועלכע דער מענש זאל זיך פיהרען, און דיזע רולס זיינען נאך היינט אויך פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. מאנכע פון דיזע היגיע־נישע רולס זיינען ווי פאלגענד: 1) פאר דאס געזונטהייט איז פיל בעסער צו עסען ווייניג, און צו זיין זעהר אקטיוו; 2) שפייז געטראנקען, שלאף באוועגונג, און אנדערע קערפערליכע גע־ברויכען, זאלען אימער זיין מעסיג; 3) א מענש זאל זיך קיינ־מאל ניט זעצען צום טיש עסען ווען ער האט נאך ניט פאל־קאם פארדייהעט די שפייז פון לעצטען מאלצייט, ווען ניט איז עס אזוי ווי מען וואלט מאכען א פרישען פייער אויף אשעס. 4) אלעמאל זאל דער אווענט־מאלצייט זיין קלענער און לייכ־טער ווי דער מארגען־מאלצייט; 5) א מענש זאל ניט ארונטער־שלינגען שפייז סיידען ער האט עס פריהער גוט צוקייט און צומאלען צווישען די צייהנער; 6) אין זומער איז אימער בעסער צו עסען לייכטע שפייז, וואס לאזט זיך גיכער פארדייען; 7) אין ווינטער, פארקעהרט, איז אפילו שפייזען וואס זיינען אזוי הארט צום פארדייען, בעסער צום עסען און בעסער צום פארדייען; 8) עס איז שעדליך צו עסען צווישען מאלצייטען; 9) עס איז שעדליך זיך צו זעצען לערנען אדער שרייבען, אדער זיך פארטיפען אין געדאנקען, באלד נאכ׳ן עסען.

טוביה׳ס מעדיצינישע וויסענשאפט, ווי שוין בעפאר געזאגט, איז געווען אונגעהויער גרויס. ער איז געווען דער ערשטער וואס האט דורך פערזענליכער בעאבאכטונג גענוי באשריבען די זאגענאנטע קראנקהייטען „פליקא פאלאניקא״. אדער ווי מיר רופען עס „קאלטונעש״. גלייכפאלס איז ער געווען דער ערשטער וואס האט גענוי באשריבען די סימפטא־מען פון פארשידענע קראנקהייטען, ווי אויך די מעדיצינישע אייגענשאפטען פון געוויסע גראזען און פלאנצונגען; אין „מעשה טוביה״ געפינט זיך א ליסט פון מעדיצינען און ווי אזוי דאס צו מישען, אין דריי פארשידענע שפראכען. אין דיזען

ליסט געפינען זיך פילע רעצעפטען פאר פארשידענע קראנקהײ־טען, צוזאמען מיט דייטליכע איינצעלהייטען ווי אזוי דאס פארצובערייטען, און אין פאקט, פילע פון די סירופס, די טאב־לעטס, און די פילען וואס טוביה פאראדערט, זיינען העכסט מאדערנע אין זייער צוזאמענשטעלונג.

אין באצוג צו דער קראנקהייט „פליקא פאלאניקא״ (קאל־טונעש) ווי בעפאר געזאגט, האט טוביה פון זיינע אייגענע בע־אבאכטונגען געגעבען די ערשטע גענויע באשרייבונג וועגען דעם. דיזע קראנקהייט איז געווען זעהר פארשפרייט אין טוביה׳ס צייטען, און די מעדיצינישע וועלט האט זיך ניט גע־קענט ערקלעהרען די אורזאכע און ענטשטעהונג פון דיזע קראנקהייט, ביז וואנען טוביה האט ארויסגעטראטען און גע־געבען א פאלקאמענע באשרייבונג וועגען דעם. דיזע האאר־קראנקהייט, וואס רופט זיך נאך היינט מיט׳ן נאמען „פליקא פאלאניקא״ ווייל זי שטאמט פון פוילען, שטעלט ווירקליך פאר מיט זיך א טרויעריגע שטיק היסטאריע פון דעם פויליש־ אי־דישען לעבען. אין דיזער הינזיכט, זאגט טוביה הכהן: למען אחי ורעי אשר בארץ פולוניא אדרבא נא במהות החולי „האכזרי אשר מצאוהו, לאנשי מדינה זו,״ צוליב מיינע ברידער און פריינדע אין פוילען וועל איך ריידען וועגען דיזער שרעקליכער קראנקהייט וואס האט געטראפען די איינוואוינער פון דיזער לאנד. וועהרענד מיין זיין אין פאדוא, איטאליען, האב איך ערהאלטען בריף פון התורני ר׳ אפרים, דער איידעם פון דעם פארשטארבענעם ר׳ אלקנה, איינער פון די מנהיגים אין דער אידישער קהלה פון לעמבערג, און אין דיזען בריף באקלאגט ער זיך אויף דעם צושטאנד פון זיינע האאר. זיינע האר, זאגט ער, איז געווארען אזוי פארפלאנטערט און זיינע פאות אזוי שווער אז ער פילט ווי א שרעקליך שווערע משא וואלט איהם דריקען אויף דעם קאפ. דאס זעלבע האבען אויך געשריבען די דאקטוירים פון לעמבערג צו די פראפעסארען פון פאדוא׳ר אוניווערזיטעט, אבער פארלויפיג האבען נאך די פראפעסארען ניט געפונען א ווירקזאמען מיטעל געגען דיזער שרעקליכער

קראַנקהייט. און אזוי ווי ביז היינט איז נאָך וועגן דעם גאָרניט געשריבען געוואָרען אין אונזער הייליגער שפּראַך, וועל איך דעריבער מיט גאָט׳ס הילף פּרובירען דאָס צו באַשרייבען און עס צו ערקלעהרען״.

„דיזע קראַנקהייט — זאָגט טוביה — מאַכט אז די האָאר זאָל ווערען צוזאַמען געפלאָכטען ווי א פעסט געפלאָכטענע שטריק, און ביי די פּוילישע אידען רופט זיך דאָס „קאָלטונעש״ ווערהענד די דייטשען רופען דאָס „פּליקאַ פּאָלאָניקאַ״ צוליב איהר פּוילישע אָפּשטאַמונג און אויסער פּוילען געפינט זי זיך ניט״.

דאָ לאָזט זיך טוביה אַוועק אין אַ לאַנגער טעכנישער אָפּהאַנדלונג וואו ער זוכט צו באַשרייבען די פאַרשידענע סימפּטאָמען פון דער קראַנקהייט, די ענטוויקלונג, די אורזאַכען און ווי עס צו קורירען. נאָר ווי אינטערעסאנט דיזע אָפּהאַנדלונג איז, מוז אָבער דאָך דער שרייבער דאָס אויסלאָזען צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ. דער שרייבער קאָן אָבער דאָך זיך ניט צוריקהאַלטען פון איבערצוגעבען פאַר די לעזער איינע פון די אורזאַכען, וועלכע טוביה האַלט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דיזער קראַנקהייט, ווייל דאָס בּאַרירט דעם אַלגעמיינעם אידישען לעבען אין פּוילען צו יענער צייט, און דער היינטיגער לעזער וועט געפינען אין דעם אַ היסטאָרישען ווערט. נעמליך:

„די סיבּה וואָס פאַראורזאַכט די שרעקליכע קראַנקהייט קאָן איך בעסער ערקלערען מיט דאָס וואָס מיינע אייגענע אויגען האָבען געזעהן ווען איך בין געוועזן אין דיזען לאַנד, פּוילען. אמת טאַקע, ווען איך בין געוועזן אין פּוילען האָב איך בלויז געלערענט „חוקים ומשפּטים״ — ווי טוביה דריקט זיך אויס — און האָב דאַן קיין אָהנונג ניט געהאַט פון מעדיצין. איך האָב אָבער אָנגעזעהן גענוג אום צו קאָנען זאָגען אַז דער באָדען פון פּוילען איז זעהר פעט און פרוכטבאַר, פיל מעהר ווי דער באָדען אין אנדערע לענדער, אָבער ווי פעט די פּוילישע ערד איז, אַזוי שמוציג איז זי. (מלאה טנופות ואשפות). די וואוינונגען זיינען זעהר אונריין; די קליידער זייערע שמוציג

און באפלעקט; די האאר פון קאפ אדער פון בארד קאמען זיי ניט אפילו איינמאל אין יאהר. (ואינם סורקים שערות ראשם וזקנם אפילו פעם בשנה). די פוילישע אידען לערנען פיל די גמרא, אבער זיי נעהמען ניט אין אכט דאס וואס די גמרא זאגט: „אז אן אונרייגע קאפ ברענגט צו בלינדקייט: אונ־ריינע קליידער פירט צו אבגעלאזענקייט אדער מעלאנכאליע; אן אונרייגער קערפער ברענגט צו הויט־קראנקהייט, אדער קרעטץ. (ערבוביתא דרישא מתיא לידי סמיא, במאני מתיין לידי שעמומיתא, דגופא מתיא לידי שיחנא, וכולהו איתנו בהון). היינט זייערע מאכלים ווי משונה׳דיג זיי זיינען: אויף א לעדיגען הארצען עסען זיי קנאבעל מיט ציבעלעס און רעטאך און פארטרינקען מיט א שארפען געטראנק וואס ברענט אויס דאס הארץ צוזאמען מיט דער נשמה א. אז. וו. — דאס אלעס צוזאמען פיהרט צו אן ארגאנישע אונארדנונג אין קערפער וואס באשאפט געוויסע שעדליכע עלעמענטען וואס ברעכען אויס דורך די הויט פון קאפ״.

טוביה שרייבט דאן פאר ווי אומצוגעהן מיט אזא קראנק־הייט און וועלכע היילמיטלען צו באנוצען געגען דעם. אהן צווייפעל אז ליידענדע פון דיזער קראנקהייט וועלען געפינען וויכטיגע אינפארמאציע אין טוביה׳ס אבהאנדלונג איבער דער קראנקהייט.

צום שלוס מאכט טוביה די פאלגענדע אינטערעסאנטע באמערקונג: „אין קיין לאנד איז ניט אזוי פארשפרייט דער גלויבען אין שדים, מכשפים און אלערליי רוחות, אזוי ווי אין פוילען, און דאס פאלק גלויבט דעריבער אז קאלטונעס קומט נאר פון דעם וואס ניט גוטע כאפען זיך אריין אין די האאר און מאכען א חורבה פון דעם. אום אפצואווענדען די קראנקהייט באנוצט דאס פאלק מכשפים, זגאכערס און אלערליי אפשפרע־כערינס.

ווי עס איז צו זעהן פון דאס אויבענדערמאנטע האט טוביה גוט פארשטאנען דעם ווערט פון ריינקייט אין באצוג צו געזונט. די וויכטיגקייט וואס טוביה לייגט אויף ריינקייט ווייזט ווי

ווייט ער האָט געוואוסט אָפּצושאַצן די פאַרבינדונג צווישן זויבערקייט און געזונט, אַ פאַקט וואָס די מענטשן פון טוביה׳ס דור האָבן ניט פאַרשטאַנען, אָדער ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט די ענגע פאַרבינדונג צווישן די ביידע.

## דריטער קאַפּיטעל

טוביה גיט אָפּ אַ גרויסע טייל פון זיין ווערק פאַר קינדער־שעקראַנקהייטען און עס איז ניט איבערטריבען צו באַהויפּטען אַז ניט בלויז האָט ער פאַרשטאַנען גענוי דעם כאַראַקטער און וועזען פון קינדערשע קראַנקהייטן, נאָר ער האָט אויך גע־וואוסט פיעל איבער קינדערשע קראַנקהייטען, וואָס ווערט באַטראַכט ביי היינטיגע קינדער־ספּעציאַליסטען אַלס ענטדע־קונגען פון דער לעצטער צייט. אזוי צום ביי שפּיל פאַרזאָגט טוביה, אז אַ פרוי זאָל ניט זייגען איהר גיי־געבוירענעם קינד ביז צעהן־שעה נאָכ׳ן געבורט, אָדער אַמווייניגסטענס ביז וואַנען זי ווערט באַפרייט פון די ערשטע מילך, וואָס איז שעדליך פאַר׳ן קינד. דיזע מיינונג ווערט באַטראַכט אַלס אַן ערפינדונג פון אונזער מאָדערנער צייט, וועהרענד אין דער אמת׳ן שטאַמט עס פון טוביה׳ס ווערק. טוביה הייסט אויך מוטערס ניט צו זויגען דאָס קינד צו פיל מאָל אַ טאָג אָהן אויפהער, ווייל דאָס שאַדט דעם קינד׳ס פאַרדייהונגס סיסטעם. אַזוי ווי דיזע פאַר־אָרדנונג ווערט באַטראַכט אַלס אַן ערפינדונג פון דער לעצטער צייט, איז עס דאָפּעלט אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז טוביה הכהן האָט נאָך מיט 270 יאָהר צוריק דייטליך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אין דיזער הינזיכט.

אין דעם 16־טען יאָהרהונדערט האָט דער באַרימטער שווייצאַרישער דאָקטאָר פּאַראַצעלזוס פאַראורזאַכט אַ רעוואָ־לוציע אין דער מעדיצינישער וועלט דורך זיין מוטיגען אַרויס־טרעטען געגען אַלערליי גראַז און וואָרצעל מעדיצינען, פאַראַ־

צעלוס האט דאן צוטיילט די מעדיצינישע וועלט אין צוויי גרופען, פון וועלכע איינע האט פעסט געגלויבט אין די אלטע מעדיקאמענטען פון ווארצלען און פארשידענע פלאנצונגען, און די אנדערע, וועלכע האט אנגענומען די נייע לעהרע פון כעמישע מעדיצינען. דיזע נייע גרופע האט געזוכט צו ערקלערען אלערליי מענשליכע קראנקהייטען דורך דער טעאריע פון כעמיע, ד. ה., אז דער מענשליכער קערפער איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשידענע כעמישע שטאפען. אלזא אויב דער מענש איז קראנק, הייסט עס, אז א געוויסער כעמישער שטאף אין מענשליכען סיסטעם איז קאליע געווארען, דארף מען דעריבער איהם קורירען מיט א כעמישען מיקסטור. אזוי צום צום ביישפיל באהויפטעט פאראצעלוס, אז דער מעטאל אנטימאני קען דינען אלס הייל־מיטעל געגען פילע קראנקהייטען צוליב זיינע כעמישע אייגענשאפטען. טוביה, אבער, איז ניט געווארען קיין פארטיי אנהענגער, און אין באצוג צו דיזעביידע גרופען איז ער געווען נייטראל און באנוצט די טעאריען פוןביידען. ער האט שטארק געגלויבט אין דעם נוצען פון כעמישע מעדיצינען, ער האט אבער צייטענווייז אויך באנוצט גראזען מיט ווארצלען אין געוויסע פעלע. צום ביישפיל, טוביה, רעדענדיג וועגען דעם נוץ פון א ברעך־מיטעל, זאגט: „איך האב האב אין מיין הויז געמאכט א בעכער פון דעם מעטאל אנטימאני, דיזער בעכער ווערט אנגעפילט מיט א ווייסען וויין און איך לאז עס שטעהן א צייט פון 24 שטונדען, דאן דארף מען עס געבען דעם פאציענט צו טרינקען און פון דיזען טרונק וועט ער גוט ברעכען און אהן וועלכע געפאהר״.

פילע יאהרען האט מען ניט געקענט פארשטעהן דעם שייכות פון אנטימאני מיט וויין, איצטער אבער, ווייסט מען, אז די כעמישע אייגענשאפטען פון דעם אנטימאני מעטאל ווירקט אויף די וויין און דאס באשאפט א גוטען ברעך־מיטעל. (היינטיגע צייטען שפילט דיזער מעטאל, אנטימאני, א גרויסע ראל אין דער ביזנעס־וועלט. אנטימאני איז נעמליך דער הארט־סטער צווישען אלע ווייסע מעטאלען, ער ברעקעלט זיך פונקט

ווי גלאַז און מען באַנוצט איהם צו פאַרהאַרטעווען אַנדערע מעטאַלען. דאָן אָבער אין פּאַראַצעלזוס' און טוביה'ס צייטען איז נאָך דער מעטאַל ווייניג וואָס באַקאַנט געווען, און דעריבער האָט מען געלעגט זעהר פיל געוויכט אויף איהם, פונקט ווי היינט אויף ראַדיום).

וואָלט טוביה געשריבען בלויז זיין וויסענשאַפטליך ווערק אין העברעאיש, וואָלט ער אויך באַדאַרפט פאַרנעמען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין דער אידישער היסטאָריע, אַלס איינער פון אונזערע גרויסע ריזען. זיין ווערק איז אָבער וויכטיג ניט פון וויסענשאַפטליכען פונקט אַליין, נאָר אויך פון היסטאָרישען שטאַנדפונקט. „מעשה טוביה" איז אַ וויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט, אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אָפּ דער אידישער לעבען פון יענער צייט אין פאַרשידענע קאַלירען.

פון באַזונדערען ווערט איז יענער טייל פון בוך, וואו דער פּראָפעסער רעדט וועגען די פאַלשע משיחים אין אַלגעמיין און וועגען שבתי צבי באַזונדער. רעדענדיג וועגען די פאַלשע משיחים, וואָס זיינען ערשינען אין פאַרשידענע צייטען פון אונזער לאַנגען גלות, זאָגט טוביה: „און וואָרום זאָלען מיר נאָך ריידען וועגען פּאַסירונגען פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, ווען אין אונזער אייגענער צייט און פאַר אונז אין די אויגען האָט געקענט אַזאַ שענדליכע און שרעקליכע זאַך פּאַרקומען. ווער האָט דאָס געקענט גלויבען, אַז אין אונזערע טעג, אין יאָהר תכ"ו (1666) זאָל אַזאַ זאַך פּאַסירען?"

טוביה גיט דאָן איבער מיט אַלע איינצעלהייטען די מעשה פון שבתי צבי און זיין רעכטע האַנט נתן העזתי, וואָס האָט ערקלערט זיין מאַסטער אַלס משיח און זיך אַליין אַלס אליהו הנביא. די גאַנצע טראַגעדיע פון שבתי צבי ווערט פון טוביה'ן גענוי פאַרצייכענט. ער דרוקט אייך איבער אַלע דאָקומענטען וואָס נתן העזתי האָט אונטערגעשריבען און אין וועלכע ער איז זיך מודה, אַז אַלעס, וואָס ער האָט געזאָגט איז דורכאויס פאַלש; אַז די נבואה וועגען שבתי צבי אַלס משיח איז ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע פון זיין מוח, א. אז. וו. דיזע דאָקומענ-

טען זיינען אונטערגעשריבען געוואָרען פון נתן העזתי אויפ'ן פאַרלאַנג פון די רבנים פון ווענעדיג. דיזע רבנים האָבען דאַן פאַרופען אַ אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און דער פסק דין וואָס איז אַרויס פון דיזער אסיפה, ערקלערט נתן העזתי אַלס קראַנקען פאַנטאַזיאָר און צוליב דעם דאַרף מען איהם ווייטער ניט באַשטראָפען. דער פסק דין איז אונטערצייכענט פון די הויפט פיהרער פון דער אידישער קהלה אין ווענעדיג, וועלכע איז דאַן געווען איינע פון די וויכטיגסטע אידישע קהלות אין דער וועלט. טוביה ענדיגט דיזע טראַגישע פאַסירונג מיט די פאָלגענדע פאַטעטישע ווערטער: ,,המה היו בעוכרינו, המה הביאו לב ישראל להתייאש מן הגאולה'', וועה צו אונז, אַז דיזע באַטריגער האָבען געמאַכט צו שאַנדע און צו שפּאָט דעם אידישען נאָמען, און האָבען געבראַכט דאָס אידישע האַרץ צו צווייפלען אין דער גאולה!

ווי דער לעזער קען זעהן איז דיזער קאַפּיטעל ,,מעשה טוביה'' אַ וויכטיגע שטיק היסטאָריע וועגען איינע פון די טרויעריגסטע ערשיינונגען אין דעם אידישען לעבען, די וואונדען פון וועלכע זיינען נאָך אויך היינט צו מערקען.

* * *

ווי בעפאָר געזאָגט, איז טוביה הרופא געווען זעהר פרום און שטרענג אָרטאָדאָקסיש אין זיינע איבערצייגונגען. זיין הויפט צוועק אין זיין ווערק איז געווען פעסטצושטעלען דעם גרונד-געדאַנק, אַז ,,משה אמת ותורתו אמת''. די אידישע רעליגיאָן איז אמת. די תורה איז אמת און דער גלויבען אין משיח און אין דער גאולה איז אמת.

אזוי ווי דער רמב''ם און אַנדערע אידישע פילאָזאָפען, האָט אויך טוביה געזוכט אויסצוגלייכען די אידישע וועלט-אַנשויאונג מיט די ניט-אידישע, נאָר וועהרענד דער רמב''ם האָט די אידישע רעליגיאָן געזוכט אויסצוגלייכען מיט דער פילאָזאָפישער לעהרע פון אַריסטאָטעל, האָט טוביה געזוכט

פאַר אַ מיטעלפּונקט צווישען דער מאָדערנער וויסענשאַפט און די אידעאַלען פון אונזערע חכמי התלמוד. טוביה׳ס צוועק איז געווען צו באַווייזען, אַז צווישען דער מאָדערנער וויסענ־שאַפט און די לעהרע פון תלמוד, עקזיסטירט אַ פאָלקאָמענע האַרמאָניע.

טוביה הרופא׳ס „מעשה טוביה״, איז אַ טייערער פּערל אין דעם אוצר פון אונזער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור.

דער מענשליכער קערפּער אין געשטאַלט פון אַ הויז

# „ספר חסידים"

## דאָס וואונדערליכע מוסר ווערק פון ר' יהודה החסיד

### ערשטער קאַפּיטעל

אין אַ פּירוש אויף אַ פּסוק אין חומש ערוואַרטעט מען ניט צו טרעפען שילדערונגען פון געשיכטליכע פּאַסירונגען. טאָמער טרעפט מען עס אָבער אַמאָל אַז אין אַן אַלטען ספר, דאַן איז עס פון אַ האַרץ־גרייפענדען כאַראַקטער און עס שויידערט אייך אויף מיט זיין שרעקליכען רעאַליזם.

פונקט דאָס האָב איך געפילט ווען איך האָב אָנגעטראָפען דעם ציטאַט אין „דעת זקנים בעלי התוספות", וואָס איז אַ פּירוש אויף חומש. דער ציטאַט איז אַ טייל פון אַ לענגערען פּירוש אויפ'ן פּסוק אין נח „וגם את דמכם לנפשותיכם אדרוש." דער „דעת זקנים בעלי תוספות" לאָזט זיך אַוועק אין אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג, צי מעג אַ מענש באַגעהן זעלבסטמאָרד ווען ער האָט מורא, אַז ער וועט ניט קענעןביישטעהן דעם נסיון פון קדוש השם? און צווישען אַנדערעס זאָגט ער די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע איך גיב דאָ איבער אין אָריגינאַל:

„ומעשה ברב אחד ששחט הרבה תינוקות בשעת השמד כי היה ירא שיעבירום על דת. והיה אחד עמו והיה כועס עליו ביותר וקורא רוצח והוא לא היה חושש, ואמר אותו רב אם כדברי יהרג אותו רב במיתה משונה, וכן היה שתפסוהו עכו"ס והיו פושטין עורו ונותנין חול בין העור והבשר ואחר כך נתבטלה הגזרה. ואם לא שחט אותן התינוקות היו ניצולין".

(סאיז געווען אַ מעשה מיט א רב, וואָס האָט געקוילעט פילע קינדער אין דער צייט פון שמד פאַגראַמען, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט מען זיי אַפּ׳שמד׳ען. און עס איז דערביי געווען אַ רב, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין צאָרן, און ער האָט איהם גערופען רוצח, אָבער ער, דער שוחט־רב, האָט זיך אויף דעם ניט אומגעקוקט. האָט דער רב געזאָגט: אויף מיין וואָרט, אַז דער דאָזיגער רב וועט אומקומען מיט אַ מיתה משונה. און אַזוי איז טאַקי געווען. די גויים האָבען איהם געכאַפּט און האָבען געשונדען פון איהם זיין הויט און האָבען אריינגעשאָטען זאַמד צווישען די הויט און זיין פלייש. שפּע־טער איז די גזרה בטל געוואָרען, און אויב ער וואָלט די קינדער ניט געקוילעט, קען זיין, אַז זיי וואָלטען געראַטעוועט געוואָרען).

עס פאָדערען זיך ניט קיינע פּירושים אויף דעם דאָזיגען פּירוש פון „דעת זקנים בעלי תוספות״. עס ווערט דאָ איבער־געגעבען קלאָהר און דייטליך אַ היסטאָרישער דאָקומענט, ווי מען זאָגט, פאַרבייגעהענדיג. דער מחבר וואָס האָט געזוכט בלויז אויסצוטייטשען דעם פסוק, האָט ניט באַמערקענדיג איבערגעלאָזען פאַר די צוקונפטיגע דורות אַ גענוי בילד פון דער צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט — די צייט פון די נוסעי הצלב, די קרייצצוגען פאַגראַמען. אין דער קורצער מעשה׳לע מיט וועלכער ער זוכט צו אילוסטרירען זיין פּירוש, האָט ער אונז געגעבען אַ געגויען באַגריף וועגען דער זעלבסט־ערשיטערונג פון די אידען אין זיין דור. די אונאויפהערליכע רציחות געגען אידען פון די קרייץ־פאַהרער, האָט אַזוי דענער־ווירט די אידען פון יענער עפּאָכע אַז עס האָט געקענט ארויס־רופען אַזוינע גרוילטאַטען מצד אַ אידישען רב.

* * *

און אין אַזאַ נשמה־שיטערענדער עפּאָכע איז ארויסגע־בראַכט געוואָרען דער „ספר חסידים״ און זיין מחבר ר׳ יהודה החסיד.

אין צוועלפטען יאהרהונדערט ווען א גרויסע טייל פון דער קריסטליכער אייראפא האט זיך געבאדען אין מענשליך בלוט; ווען בעסטיעס אין מענשען־געשטאלט האבען כלומר׳שט אין נאמען פין זייער רעליגיע געקוילעט און געבערענט גאנצע אי־דישע קהלות. אויף אזויפיל, אז דאס גאנצע דייטשע אידענטום איז כמעט יוי געגנצליך אפגעווישט געווארען — פונקט דאן האט א איד אין יענער בלוט־פארפלעקטער טעריטאריע אנגע־שריבען א ווערק, וואס האט כמעט קיין גלייכען צו זיך אין דער לעהרע פון רעליגיעזער און סאציאלער טאלעראנץ! ווערהרענד די מענשליכע אכזריות האט ניט געוואוסט פון קיינע גרעניצען אין באצוג צו דעם אידישען פאלק, האט א איד צו דער זעלבער צייט זיך אפגעגעבען מיט פארשפרייטען די תירה פון ליבע צו אלע מיטמענשען און צו אלע שטומע באשעפענישען. די ליבע און די סאציאלע גערעכטיגקייט וואס דער מחבר פון „ספר חסידים״ פרעדיגט, זיינען פונקט אזוי גרענעצלאז ווי עס איז געווען גרעניצלאז די ווילדע מענשליכע ליידענשאפט צו יענער צייט. דר. גידעמאן אין זיין „התורה והחיים״ דריקט זיך איים, אז דער „ספר חסידים״ מיט זיינע 1173 סעיפים איז ניט מעהר ווי איין פירוש אין פארשידענע ווערטער אויף דעם איינציגען פסוק: „ואהבת לרעך כמוך״.

דער „ספר חסידים״ איז איינער פון די טייערע פערל אין אונזער אלטע ליטעראטור. אלס מוסר־ספר פארנעמט ער דעם הויפט־פלאץ. זיינע געדאנקען זיינען טיף רעליגיעז און מא־ראליש. זאנדערבאר הויך איז די מדרגה וואס ער דערגרייכט אין זיינע מאראלישע אנשויאונגען. אין מחבר פון דעם דאזי־גען ספר געפינען מיר א טיפע פארשטענדניש און א פאלקא־מענע באקאנטשאפט מיט די פסיכאלאגישע אייגענשאפטען פון דער מענשליכער נאטור. טיף דרינגט ער אריין אינ׳ם מענש־ליכען כאראקטער און אין דעם מענשליכען לעבען מיט אלע זיינע מעלות און מיט אלע זיינע חסרונות.

דער „ספר חסידים״ איז באצוועקט אלס וועג־ווייזער פאר דעם „חסיד״ — פאר דעם רעליגיעזען אידען. עס איז אבער

מעהר ווי א רעליגיעז ווערק פאר דעם „חסיד״. עס איז א ווערק וואס זוכט אריינצובריינגען דעם „חסידיזם״ אין ברייטסטען זין פון דאס ווארט אין דעם טאג־טעגליכען לעבען. דער „חסידיזם״ וואס דער „ספר חסידים״ זוכט אריינצובריינגען אין דעם אידישען לעבען איז די ליבע צו אלע גאט׳ס באשעפענישען אין דעם שעהנסטען זין פון דיזען באגריף. די פארקערפערונג פון דעם „ואהבת לרעד כמוך״ אין איינפאכען טעגליכען לעבען, איז דער הויפט מאטיוו פון דיזען ווערק.

אויפ׳ן „ספר חסידים״, מעהר ווי אויף יעדען אנדער ספר וואס האט זיך ערווארבען פאפולאריטעט, קען מען ריכטיג זאגען, אז ער איז א פראדוקט פון דער צייט ווען ער איז געשריבען געווארען — א בילד פון דעם אידישען לעבען אין 12־טען יאהרהונדערט. אין דיזען ספר שפיגעלט זיך אפ דאס אידענטום פון יענער פעריאדע, דאס גייסטיגע אזוי גוט ווי דאס מאטעריעלע, דער ארט דענקען און שטרעבען, דאס אינערליכע לעבען, די אינערליכע באציהונגען און די באציהונגען צו דער אויסערליכער קריסטליכער אומגעבונג — אלעס ערשיינט פאר אונז קלאר אין דיזען מערקווירדיגען ספר. אנאליזירענדיג דעם אינהאלט פון „ספר חסידים״ קריגען מיר א פאלקאם בילד פון דאס לעבען און וועזען פון אונזערע זיידעס אין יענער מערקווירדיגער עפאכע.

צווישען ספרים זיינען פאראן אזעלכע, וואס זיינען געווארען פאפולער ניט אזוי צוליב זייער אינהאלט, ווי נאר צוליב דער צייט פון זייער ערשיינונג. אנדערע ספרים מעגען האבען דעם זעלבען אינהאלט אדער עהנליכעס פון דעם זעלבען כאראקטער, און זיי זיינען דאך געבליבען אונבאוואוסט, אייב־פאך דערפאר, ווייל די צייט איז ניט געווען געאייניגט דערצו. זיי זיינען ניט ערשינען אין דער פאסענדער צייט דערפאר און צוליב דעם האט מען זיך ניט באנומען צו זיי מיט באזונדערער אויפמערקזאמקייט. דאגעגען אבער שענקען מיר פיל אויפ־

מערקזאַמקייט אפילו צו דעם מינדסטען ווארט פון יענעם ספר, וואס האָט געהאַט די זכיה וואס ער איז געקומען פונקט צו דער פאַסענדער צייט, ווען די מענשליכע שטימונג איז געווען גענויגט דערפאַר. אַזאַ ספר ווערט פאַר אונז אינטערעסאַנט מיט אַלע זיינע מעלות און אפילו חסרונות. פון אַזאַ ספר לערנען מיר פיל מעהר ווי דער מחבר האָט געהאַט אין זין אונז צו געבען; אַזעל־כע ספרים בלייבען פאַר די שפּעטערדיגע דורות ווי מאָנומענטען צו דעם גייסט פון אַ פאָלק אין אַ געוויסער פּעריאָדע.

צו דעם סאָרט ספרים בּאַלאַנגט דער „ספר חסידים".

די רואינען פון אַן איינגעפאַלענעם פּאַלאַץ ווייזען אונז בלויז חורבות, זיי דערמאָנען אָבער אונז גלייכצייטיג דעם אַמאָליגען שעהנעם פּאַלאַץ. דאָס זעלבּע וואָלט מען געקענט זאָגען אויף דעם ספר, וואו צווישען די חורבות פון דעם צו־בראָכענעם אידישען לעבען פון 12־טען און 13־טען יאָהרהונ־דערט זעהן מיר אויך דאָס דאַמאָלסדיגע אידענטום אין זיין גלאַנץ־פּעריאָדע. דאָס הערליכע מיט'ן געפאַלענעם, דאָס שעה־נע מיט'ן לעכערליכען, דאָס אנגענעמע מיט'ן אבשייליכען — אַלעס ליגט צוזאַמענצעוואָרפען אין דיזען ספר. פּערל וואָס שיינען ארויס מיט זייער גלאַנץ זיינען אויסגעמישט מיט זאַמד און בלאָטע; בלומען וואָס גיבען ארויס אַ דופטענדען ריח, וואַקסען ארויס פון אונטער די רואינען; לעבען און דאָס פרעהליכקייט פון לעבען צווישען קברים. דאָס שעהנסטע וואָס דאָס אידענטום האָט ארויסגעבראַכט ליגט אָפּט אויסגעמישט מיט אַ שרעקליכער פינסטערניש, וואָס בלויז קראַנקע פאַנטאַ־זיעס, האָבען געקאָנט באַשאַפען. די שעהנע פאָרמע פון רעליגיע־זער טאָלעראַנץ, די נאָבּעלסטע פּרינציפּען, ליגען זייט ביי זייט מיט די שוידערליכסטע אָבּערגלויבענס.

ווי שוין געזאָגט, דער „ספר חסידים" איז אַ פּראָדוקט פון דעם לעבען צום ענדע פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, ווען די שוידערליכסטע קרייצצוגען האָבען ארויפגעוואָרפען שוואַרצע כמאַרעס אויף דעם אידישען לעבען. דיזע טרויעריגע פּאַסי־רונגען האָבען פאַרטונקעלט דעם לויטערען אידישען הימעל.

די שרעקליכע פארפאלגונגען האבען איבערגעלאזען זייער איינ־דרוק אויף דעם פאלקס־לעבען. די אידישע מאסע, אזוי גוט ווי די ניט־אידישע, איז הינגעריסען געווארען פון די פילע אבער־גלויבענס, וואס האבען זיך גענומען פארשפרייטען א דאנק די מיסטעריעזע שטרעמונגען פון יענער צייט וואס די פארשידענע קרייצצוגע האבען פאראורזאכט: ארמוטה, קראנקהייטען, שטרייטיגקייטען צווישען די פאפסטען מיט די קעניגען, אונ־מאראליטעט צווישען די גלחים און אפיקורסות צווישען פילע אלס רעזולטאט פון דער באנעהמונג פון די רעליגיעזע פיהרער.

דאס אלעס האט געמאכט א גוואלדיגען ריס אין דער מענשליכער נשמה און האט געבראכט דערצו, אז מענשען האבען פארלארען דעם גלייכגעוויכט אין זייער דענקען. וועה־רענד פון איין זייט האבען די גלחים אליין געהאלפען פאר־שפרייטען דעם אונגלויבען, האבען דאגעגען ערנסט־געזאנענע מחות געזוכט טרייסטונג אין מיסטיציזם. די רעליגיעז־געשטימ־טע האבען גענומען זוכען טרייסט אין מעטאפיזיק, אין אבער־גלויבענס, אין די געהיימע ספערען וואו אלעס איז צופרידענ־שטעלענד פאר דער נשמה. די מענשליכע נשמה האט געזוכט באפרידיגונג אין מיסטיציזם.

די אומגליקען וואס זיינען געקומען אויף דער דאמאלס־דיגער קריסטליכער באפעלקערונג האט געהאלפען זעהר פיל צו דער פארשפרייטונג פון מיסטיציזם אין זייער רעליגיעזען לעבען. אומגעפער צו יענער צייט האבען זיך אנגעהויבען צו באווייזען מעהרערע רעליגיעזע גרופעס, ועמעס אויפגאבע עס איז געווען זיך אפצוגעבען מיט די מיסטישע זייטען פון רעלי־גיע. אין קורצען, די פאסירונגען פון יענער צייט האבען גע־בראכט דערצו, אז דער רעליגיעזער מיסטיציזם האט אריינגע־דרונגען אין פאלקס לעבען.

אויב דאס איז געווען דער פאל צווישען דער קריסטליכער באפעלקערונג, קען מען זיך שוין לייכט פארשטעלען וואס פאר א ווירקונג די פאסירונגען פון יענער צייט האבען געמוזט מא־כען אויף די אידישע מאסען, וועלכע האבען פיל מעהר געלי־

טען פון די דאזיגע פאסירונגען. די טרויעריגע פאלגען פון די נוסעי הצלב האבען גאנץ געוויס געהאלפען, אז די נאבעלסטע אידעאלען פון אידענטום זיינען אפט פארטונקעלט געווארען פון די שרעקליכסטע אבערגלויבענס.

דער „ספר חסידים״, אין וועלכען ליכט און שאטען זיינען ענג פארבונדען, שטעלט פאר אין קלארע שטריכען די דאזיגע פעריאדע, די שענסטע פארמע פון רעליגיעזע און סאציאלע טאלעראנץ, צוזאמען מיט די אבשייליכסטע אבערגלויבענס — אט דאס איז דער „ספר חסידים״ — א בילד פון דעם לעבען פון די אידישע מאסען אין צוועלפטען און דרייצענטען יאהר־הונדערט.

באקאנט ווערענדיג מיט די אויבענדערמאנטע פאקטען ווילען מיר אצינד געבען מאנכע ציטאטען פון „ספר חסידים״, וועלכע רעדען פאר זיך:

ווען א מענש רעדט וועגען יענעם און וועגען זיך, זאל ער שטענדיג דערמאנען יענעמס נאמען פריהער. ער זאל ניט זא־גען: „איך און ער״, נאר „ער און איך״. כאראקטעריסטיש איז די שפראך פון ר׳ יהודה החסיד, וועלכער באנוצט די פראנ־צויזיש פון זיין צייט, און ער זאגט: „וצריך שיקדים שם חבירו לשמו לכל דבר, בלשון לעז „ב ו ש א ו מ נ י י״ vous et moi (דו און איך) ולא יאמר: מניי או בוש, moi et vous (איך און דו). ר׳ יהודה החסיד, דער מיסטיקער און הייליגער פון דרייצענטען יאהרהונדערט גיט אונז דא א לעסאן אין עטי־קעטע, וואס מעג צוניץ קומען אויך פאר פילע פון אונז אין היינטיגען דור.

## צווייטער קאפיטעל

ווי שוין דערמאנט אין פאריגען ארטיקעל, איז דער „ספר חסידים״ א פראדוקט פון דעם צובראכענעם אידישען לעבען דורך די פאגראמען פון די קרייצצוגען צום ענדע פון צוועלפטען יאהרהונדערט. מאנכע שטעלען, ווען מיר זאלען ניט וויסען

ווען דאס איז געזאגט געווארען, וואלטען מיר געמיינט אז דאס זיינען אויסדרוקען פון די לעצטע פאגראם יאהרען אין אוקראינע. אזוי צום ביישפיל זאגט דער מחבר: „אשר פיהם דבר שוא וימינם שקר'' — איינמאל איז ארויס א גזרה אז זיי מוזען זיך שמד'ען און אנעמען דעם גלויבען פון די גוים. די אידען האבען געזוכט צו אנטלויפען, זיינען אבער געווען פילע אידען וואס האבען געהאט באקאנטשאפט מיט די פריצים (שרים) וואס האבען זיך ארויסגעגעבען אלס גוטע פריינט און האבען געזאגט צו די אידען: קומט צו אונז און מיר וועלען אייך באשיצען געגען אייערע פיינט, צום סוף האבען זיי אליין אויסגעהרג'עט די אידען''.

די פארעטערישע האנדלונג פון אזעלכע „פריינט'' האט געבראכט דערצו אז די אידען האבען פארלארען יעדען צוטרוי אין א גוי, אזוי געפינען מיר אויף אן אנדער פלאץ ווי דער מחבר זאגט: אידען וואס זיינען געגאנגען אין וועג זיינען באפאלען געווארען פון גזלנים (לסטים), אבער די אידען האבען אין פארטיידיגונג דער'הרג'עט די גזלנים. צווישען די אידען זיינען געווען גוים, און די אידען האבען זיך געשראקען טאמער וועלען די גוים דערצעהלען וועגען דעם זייערע קינדער אדער זייערע באקאנטע וועלכע זוכען נקמה אן די אידען, אפילו די דאזיגע גויים וועלען זאגען אז זיי וועלען דאס ניט דערצעהלען, דארפען די אידען זיי ניט גלויבען, אז זיי מעגען דערהרג'ענען די גוים אויב זיי זיינען פון דעם סארט אויף וועלכע מען קען זאגען „אשר פיהם דבר שוא וימינם ימין שקר''.

דיזע צוויי ציטאטען פון צוויי באזונדערע פלעצער אין ספר חסידים, דערצעהלען אונז וועגען די שרעקליכע נשמה דערשיטערונג פון דעם מחבר'ס תקופה. טראץ אלעמען אבער געפינען מיר אין זעלבען ספר ציטאטען וואס שיינען ארויס ווי ליכטיגע פערל מיט זייער אויסערגעוויינליכער רעליגיעזער און סאציאלער טאלעראנץ. אזוי צום ביישפיל: „אזוי ווי דו דארפסט האנדלען עהרליך מיט א אידען אזוי אויך מיט א גוי, ווען דער גוי מאכט א טעות גיב איהם אפ צוריק''.

גאט נעמט זיך אן פאר דעם געקריוודעטען, מעג ער זיין א איד אדער א גוי.

אויב עס איז דא א זאך וואס איז פארבאטען צו די גויים און צו אידען ניט, טאר דאס דער איד ניט עסען, טאמער וועט דורך דעם ארויסקומען א חלל השם.

אויב א גוי האט געטאן אידען טובות, דארפען אידען פאר איהם בעטען אז גאט זאל זיך מיט איהם ניט רעכענען. דאס גלייכען אויף א גע׳שמד׳טען וועלכער האט געטאן א אידען א טובה.

דער וואס האט א גוטע הארץ, און האט א ווייב וואס האט זיך מגייר געווען און זי האט אויך א גוטע הארץ, און זיי פירען זיך אויף פיין אין האנדעל, אין גמילות חסדים און זיינען פרום, איז בעסער זיך מתחתן צו זיין מיט זייערע קינדער, ווי מיט ריינע אידישע קינדער וועלכע האבען ניט די דאזיגע מדות.

דער לעצטער פאראגראף איז פון אויסערגעוויינליכער וויכטיגקייט. נאך היינט ווערט עס באטראכט אלס חסרון צו א שדוך, אין פילע אידישע קרייזען. דאס וואס די מאמע איז א געוועזענע גויה. וועהרענד ר׳ יהודה החסיד, דער הייליגער און סימבאל פון אידישען פאנאטיזם — ווי פילע שאצען איהם אפ — ער הייסט געבען דעם פארצוג צו א קינד פון א נכריה.

אויפ׳ן געביט פון געזעלשאפטליכע באציהונגען, געפינען זיך מאסען באמערקונגען פון וועלכע מיר ציטירען דא די פאל־גענדע:

ווען דו ווילסט וויסען מיט וואס א מענש באשעפטיגט זיך — הער זיך צו ווי ער רעדט און וועגען וואס ער רעדט אמ־מעהרסטען, און אויב דו ווילסט וויסען וואס ביי מענשען טוט זיך אין הארצען, לעג אנידער בעפאר זיי פארשידענע ספרים וועסטו זעהן אין וואס יעדער מענש איז אינטערעסירט.

ווען דו הערסט ווי א מלמד מאכט א טעות לערנענדיג מיט א תלמיד, אויב דו קענסט איהם זאגען און איהם ניט פאר־שעהמען, זאג עס איהם, אויב ניט, פארשווייג עס אין גאנצען.

יעדע אונרעכט אין ביזנעס, ווי נעהמען פראצענט, געבען

פאלשע וואג אדער מאס וועט ברענגען דערצו אז די קינדער פון אזעלכע מענשען וועלען זיין פארלאזען און אליין אנקומען צו מענשען. געלט געמאכט דורך אזעלכע מיטלען קען ניט האבען קיין קיום.

א מענש זאל ניט זאגען, אז יענער האט מיר געוואלט געבען אזויפיל און אזויפיל (כך וכך) פאר דיזער סחורה. אדער דער ארטיקעל קאסט מיר אזויפיל און אזויפיל, אום דורך דעם צו קריגען א בעסערען פרייז.

אן אורח זאלסטו קיינמאל ניט פרעגען אין תורה, סיידען אז דו ביזט זיכער אז ער קען דיר ענטפערען.

ווען אן אורח קומט אין הויז צום באלעבאס, און ער זעהט אז דער באלעבאס איז קארג אדער ענגהערציג נאר ער שעהמט זיך איהם ארויסצוטרייבען, אדער ביי אן ארימאן אין הויז וואס האט ניט גענוג פאר זיך נאר ער שעהמט זיך צו זאגען אז ער האט ניט, טאר דער אורח ביי איהם ניט עסען. דאס איז נאך ערגער ווי גזלה.

בעסער צו האבען צו טאן מיט אן עם הארץ, וועלכער האט א פרייע האנט אין געלט און אין געשעפט, איידער מיט א תלמיד חכם וואס האט ניט דיזע מעלות.

הגם פון דרך שלום וועגען קען מען אמאל פארבויגען דעם אמת, פון דעסטוועגען ווען א גוי קומט צו א אידען לייהען געלט, און דער איד וויל ניט פארלייהען ווייל ער האט מורא ער וועט ניט קריגען באצאלט, זאל ער פון דעסטוועגען ניט זאגען אז ער האט קיין געלט ניט. זאגען א ליגען צוליב דרך שלום איז נאר ווען עס האנדעלט זיך וועגען זאכען וואס האבען שוין לאנג פאסירט.

א מענש זאל ניט הייראטען א צווייטע פרוי אזוי לאנג ווי ער הערט פילע וואס דערמאנען דעם נאמען פון דער פאר־שטארבענער פרוי.

עס איז פארבאטען צו באליידיגען א משרת אדער א דינסט.

א מענש וואס האט א גוטען משרת אדער א גוטע דינסט און ער איז פארארימט געווארען, זאל ער זיי ניט פארקויפען

צו אַ שלעכטען מענשען. זאָל ער זיך פאַרשטעלען בעת מעשה אז ער איז אין זיין לאַגע.

ווען איינער האָט גוי׳ישע דינסטען זאָל ער ניט העצען איינע געגען די אנדערע, כדי זיי זאָלען נאָכשפּיאָנירען איינע די אַנדערע אום איהם צו דערצעהלען.

אַ מענש וואָס מאַכט אַ בהמה צו טראָגען אַ צו שווערע משא וועט אָפּגעבען דערפאַר דין וחשבון, אפילו ווען די בהמה טראָגט ניט אַ צו שווערע משא און זי וויל ניט געהן, זאָל ער איהר אויך ניט שלאָגען, טאָמער פילט זי ניט גוט.

ווען אַ פרעמדער אונשעדליכער הונט קומט אַריין אין הויז, אויב אַ איד וויל איהם ארויסטרייבען, זאָל ער איהם ניט אַנטאָהן אומזיסטע יסורים.

אין קיין פאַל זאָל אַ איד ניט פּאַראורזאַכען שמערצען צו אַ בהמה, און די רייטער וואָס שטעכען די בהמה מיט זייערע שפּאָרען וועלען דערפאַר אָפּגעבען דין.

ביים טרינקען, קומט דער מענש פריהער און נאָכער די בהמה, ווייל אזוי האָט געהאַנדעלט רבקה, צום ערשטען האָט זי געגעבען אליעזר׳ן צו טרינקען און נאָכער די קעמלען, אָבער ביים עסען איז די בהמה פריהער און נאָכער דער מענש, ווייל אזוי זאָגט דער פסוק: „ונתתי עשב בשדך לבהמתך״, און נאָכדעם „ואכלת ושבעת״.

ר׳ יהודה החסיד, דער הייליגער און מיסטיקער, ווייזט אַרויס זיין עקסטרעמען טאָלעראַנץ אויף יעדען געביט פון׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען, אויף אזוי פיל אז מאַנכע פון זיינע אויסערונגען וואָלטען נאָך׳ן באַגריף פון היינטיגען דור גע־קענט באַטראַכט ווערען אַלס אַ שטיק רעפאָרם. אזוי צום ביי־שפּיל זאָגט ער אין סימן תקפ״ח: ווען עס קומט צו דיר אַ מאַן אָדער אַ פרוי וואָס פאַרשטעהט ניט לשון קודש, זאָג זיי אז זיי זאָלען לערנען די תפלות אויף דעם לשון וואָס זיי פאַר־שטעהן; ווייל דער עיקר איז אַז דאָס האַרץ זאָל פיהלען (כי התפלה אינה אלא בהבנת הלב) דעם געדאַנק פון די ווערטער,

און אויב דאס הארץ ווייסט ניט וואס די מויל זאגט, וואס קען דאס העלפען.

ווען איינער וועט דיר פרעגען, איך האב געלט און איך ווייס ניט צי זאל איך לאזען שרייבען א ספר תורה, אדער זאל איך דאס אוועקגעבען פאר קליידער צו ארימעלייט, זאג איהם, אז ישעיה הנביא האט געזאגט: ווען דו זעהסט א נאקעטען זאלסטו איהם באקליידען".

אין געגענזאץ צו זיין עקסטרעמען טאלעראנץ זעהען מיר דאגעגען אין ספר חסידים, אן עקסטרעמען צושטאנד פון פינס־טערען אבערגלויבען. שוין די צוואה פון ר' יהודה החסיד גלייך ביים אנפאנג פונ'ם ספר חסידים איז גענוג צו געבען א באג־ריף איבער דער שאטענדיגער זייט פון דיזען מערקווירדיגען ספר.

די פאלגענדע זיינען בלויז עטליכע ציטאטען פון די זיבע־ציג פונקטען אין דער צוואה:

א) מען זאל ניט באגראבען איינעם נעבען אנדערען צוויי מתים וועלכע זיינען געווען שונאים ביים לעבען, ווייל זיי וועלען ניט האבען קיין מנוחה אין קבר.

ב) מען זאל ניט ארויפשטעלען איין ארון אויף א צוויי־טען ארון וואס האט א מת, און טאמער האט מען דאס געטאן וועט געוויס שטארבען אין די קומענדע ניין טעג איינער פון די שטאטישע מענשען.

ה) ווען מען באגראבט א פרוי וואס פלעגט אויפעסען קינדער ביים לעבען, איז אויב מען זעהט אז זי האלט איהר מויל אפען, איז עס א סימן אז זי וועט דאס טאן אויך נאכ'ן טויט. דעריבער זאל מען זעהן אריינ־צושיטען זאמד אין איהר מויל און איהר מאכען אונ־שעדליך.

י"ג) פון א טויטען זאל מען קיין זאך ניט אנעמען אין חלום.

י"ז) א שטיינערנע הויז זאל מען ניט בויען נאר קויפען, און וועגען א הילצערנע הויז איז א ספק.

י״ט) א מענש זאל ניט בויען א הויז אויף לאנד אויף וועלכע ס׳איז קיינמאל ניט געשטאנען א הויז.

כ״ג) אין א פענסטער אדער א טיהר זאל מען איבערלא־זען א קליינע עפענונג פאר די שדים ארויסצוגעהן.

כ״ו) מען זאל ניט נעהמען א פרוי וואס האט דעם זעל־בען נאמען ווי די שוויגער, אדער דעם חתנ׳ס נאמען ווי דעם שווער׳ס, און אויב ער האט דאס געטאהן, זאל ער ענדערען איינעמס נאמען, אפשר וועט דאס העלפען.

ל״ו) צוויי חופות אין איין שבת — וועט איינער פאר־ארימט ווערען אדער וועט שטארבען.

נ) א גאנז אדער א האהן וואס קעהרט איבער א שיסעל דארף מען דאס באלד קוילענען.

נ״ט) א הוהן וואס האט געקרעהט ווי א האהן דארף מען איהר באלד קוילענען.

דער פונקט אין ר׳ יהודה החסיד׳ס צוואה וואו ער פאר־באט צו הייראטען א פרוי וועלכע האט דעם זעלבען נאמען ווי דעם חתן׳ס מאמע, האט ווי באקאנט, געשפילט און שפילט נאך היינט אויך א וויכטיגע ראלע אין געוויסע קרייזען פון דער אידישע מאסע. אין דער הלכה ליטעראטור ווערען פילע אזעל־כע שאלות באהאנדעלט, און בלויז מיט א קורצער צייט צוריק האט דער שרייבער געהערט פון א באקאנטען אמעריקאנער רב וואס האט געזאגט, אז ס׳איז א סכנה צו נעהמען א ווייב וואס רופט זיך ווי די שוויגער, פילע פוסקים געפינען א היתר אויף דעם אויפ׳ן גרונט, וואס די צוואה פון יהודה החסיד איז גע־מיינט נאר פאר זיין אייגענער פאמיליע.

צווישען אנדערעס געפינט זיך אויך דער פאלגענדער זאץ וואס ווארפט אן א מורא מיט זיין שוידערליכקייט.

„געוויסע פרויען וואס עסען אויף קינדער, האט מען גע־וואלט זיי הרג׳ענען, האט זיך אפגערופען א חכם און געזאגט, אז אידען טארען ניט אין גלות פסק׳ענען דיני נפשות, אזוי אבער ווי עס זיינען דא פרויען וואס טוען דאס געגען זייער

אייגענעם ווילען, ווייל זיי זיינען פאר׳כשופ׳ט, זאל מען מיט זיי אזוי האנדלען: די פארדעכטיגטע פרויען זאלען קומען אין שוהל און מען זאל זיי ווארענען אז טאמער וועט עפעס געשעהן צו א קינד, וועט מען שארפען זייערע צייהן מיט די שטיינער וואס ליגען ארום א ברונים, און די שולדיגע וועלען באלד שטארבען.

אן עהנליכען כאראקטער האבען אויך די פאלגענדע ציטאטען:

די וואס קאנען פארוואנדלען א מענשען אין א וואלף, אין א קאץ אדער אין אן אייזעל, באוועגט זיך ניט ביי זיי דאס שווארצאפעל פון אויג.

עס זיינען פאראן געוויסע מכשפות וועלכע פארשלונגען דעם פלייש און בלוט פון זייערע קרבנות, ווען זיי שלאפען — מיט די דאזיגע ניט־גוטע, זאגט ר׳ יהודה החסיד ווי מען דארף זיך באגעהן.

די דערמאנטע ציטאטען זיינען גענוג צו באצייכענען דעם „ספר החסידים״ אלס דאס ווערק פון „ליכט און שאטען״ — וואו די פיינסטע מאראלישע פערל זיינען אויסגעמישט מיט דאס העסליכסטע וואס דער מענשליכער געדאנק האט געקענט באשאפען.

* * *

פילע מאדערנע שפריכווערטער האבען זייער אפקלאנג אין „ספר חסידים״. דער אויסדרוק „ווי עס קריסטעלט זיך אזוי אידעלט זיך״ ווערט דערמאנט אין „ספר חסידים״ וואו עס ווערט געזאגט: „דאס וואס די גויים טוען, טוען אויך די אידען, און אויב די גויים זיינען מאראליש פארדארבען זיינען אידען אויך דאס זעלבע״.

די באקאנטע פאלקס מעשה׳לע „ווי דער פאסטוך האט געדאווענט״ האט איהר אריגינאל אין „ספר חסידים״.

די דאזיגע מעשה׳לע דערצעהלט ווי א פאסטוך האט גע־

פילט אַ גרויסע בענקעניש אויסצוגיסען זיין האַרץ צו גאָט ווי אַלע אידען, איהם האָט אָבער געפעלט ווערטער ווייל ער האָט ניט געקענט דאַוונען.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגען ווען זיין האַרץ איז איהם געווען זעהר שווער און זיין בענקשאַפט נאָך אַ וואָרט צו גאָט איז געוואָרען אַזוי שטאַרק אַז ער האָט ניט געקענט מעהר איבערטראָגען, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און עס האָבען זיך ביי איהם ארויסגעריסען פון מויל ווערטער און ער האָט געזאָגט אַזוי:

„רבונו של עולם! איך שווער דיר אז ווען דו וואָלסט געהאַט בהמות און דו וואָלסט מיר זיי געגעבען צו פאַשען, וואָלט איך דיר זיי געפאַשעט אומזיסט, וואָרום איך האָב דיך ליב, זעהר ליב!"

# ר' משה איסרלש

## רמ"א — בעל-הלכה, פילאָזאָף און פאָלקס-מענש

ערשטער קאַפּיטעל

אין „שאלות ותשובות הרמ"א" געפינט זיך אַ שאלה וואָס דער רש"ל (ר' שלמה לוריא) האָט אַדרעסירט צום רמ"א, און צווישען אַנדערעס דריקט זיך אויס דער רש"ל וועגען רמ"א אין פאָלגענדע ווערטער: „מימות משה (רמב"ם) עד משה (רמ"א) לא קם כמשה"; אין אַנדערע ווערטער, ר' משה איסרליש איז דער גרעסטער איד נאָך ר' משה בן מיימון. די זעלבע ווערטער זיינען אויסגעקריצט אויך אויף זיין מצבה.

ר' שלמה לוריא אין זיין צייט איז באַקאַנט געוועזען אַלס אומערשראָקענער קעמפער פאַר'ן אמת. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין גרויסער נשמה פלעגט ער אימער ארויסטרעטען געגען יעדע פאָרמע פון חניפה און צביעות, און אויב דיזער אמת-זוכענדער רש"ל זאָגט אויף'ן רמ"א אז ער איז דער גרעסטער איד נאָכ'ן רמב"ם, ליגט אין דעם גאַנץ געוויס אַ גרויסער טייל אמת.

און ווירקליך, דער פאַראַלעל צווישען רמב"ם און רמ"א איז גוט אויסגעהאַלטען. אין דער גרויסער רבנ'ישער ליטעראַטור איז שווער צו געפינען פילע ווי דיזע צוויי גדולים, וועלכע האָבען זיך געגריבעלט אין טרוקענעם בוכשטאַב פון געזעץ, און צו דער זעלבער צייט באַשעפטיגט זייער גייסט מיט פילאָ-

זאפישע פראבלעמען. אזוי ווי דער רמב״ם וועלכער האט געשריבען דעם ,,יד החזקה״ איבער הלכה און דעם ,,מורה נבוכים״ איבער פילאזאפיע, אזוי האט אויך ר׳ משה איסרלש געשריבען דעם ,,מפה״ (דעקטוך) אויפ׳ן ,,שולחן ערוך״ און צו דער זעלבער צייט דעם ,,תורת העולה״.

דא איז ניט דער פלאץ אריינצוגעהן אין אפהאנדלונגען וועגען דער אלטער פראגע פון אמונה און חקירה: ,,צי דארף דער איד זעהן צו באגרייפען אמונה דורך פילאזאפיע, אדער דארף דער איד זיין א מאמין און זיך ניט פארטיפען אין מע־טאפיזישע פראגען?״

ווי באקאנט האבען דעם רמב״ם׳ס פילאזאפישע ספרים אויפגעטרייסעלט די אידישע וועלט און די פאלגען פון דיזען טרויעריגען דיספיוט פיהלען זיך נאך היינטיגען טאג אין דעם אידישען לעבען. דעם שרייבערס צוועק איז ניט זיך צו פארנע־מען מיט דיזער פראגע, דער זאנדערבארער פאקט בלייבט אבער אז דער רמב״ם וועלכער האט פארגעטערט אריסטאטעלס פילאזאפיע האט צו דער זעלבער צייט פינקטליך אבגעהיט דעם קלענסטען אידישען דין אדער מנהג. דער גרויסער פילאזאף וועלכער האט מיט זיין אדלער־גייסט איבערטראפען יעדען אנדערען אויפ׳ן געביט פון פילאזאפיע, דער זעלבער גרויסער דענקער האט ערב תשעה באב געגעסען בלויז טרוקען ברויט מיט וואסער, ניט ווייל אזוי איז דער דין נאר פאר זיך אליין האט ער גע׳פסק׳ענט לחומרא. אין דעם גייסט פון די גריכישע פילאזאפיע האט דער רמב״ם געזוכט צו ערקלערען די טעמים פון פילע מצוות, און אפילו דער סוד פון די מעשי מרכבה, דאס האט איהם אבער ניט געשטערט נאכצוקומען אפילו דעם מינד־סטען אידישען מנהג. כמעט אין יעדען בריף זיינעם באקלאגט זיך דער רמב״ם אז צוליב דעם וואס ער איז געצוואונגען זיך אויפצוהאלטען אין מצרים, באגעהט ער יעדען טאג דריי עבירות. ווייל די חכמי התלמוד פארבאטען א אידען צו וואוינען אין מצרים. זיין געוויסען האט איהם אונאויפהערליך געפלאגט וועגען דעם, הגם פילע אנדערע רבנים און גאונים האבען גע־

וואַינט אין מצרים און קיינמאָל זיך אָפּגעשטעלט אויף דיזען איסור.

ביי אַלע אַנדערע אידישע געלערענטע האָט ניט געקענט זיין קיין קאָנפליקט צווישען טעאָרעטישער רעליגיאָן און פּאָזיטיווע רעליגיאָן, צווישען טעאָריע און פּראַקטיק, ווייל ווי זיי האָבען געדענקט אַזוי האָבען זיי געהאַנדעלט. די פּראַקטישע אַלטעגליכע רעליגיאָן האָט פאָלקאָם האַרמאָנירט מיט זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אַנדערש איז אָבער דער פאַל מיט'ן רמב"ם און רמ"א; ביי דיזעביידע איז דאָס פּראַקטישע טעגליכע רעליגיאָן גאַנץ פאַרשידען פון דער טעאָרעטישער רעליגיאָן. טעאָריע און פּראַקטיק זיינען כמעט ווי צוויי באַזונדערע עלעמענטען ביי דיזע גייסטיגע ריזען.

צו רעליגיאָן האָבען זיי צוגעטראָטען דורך קריטיק און פילאָזאָפיע, וועהרענד צום פּאָקטישען רעליגיעזען לעבען זיינען זיי צוגעקומען אָהן טענות, אָהן יעדען שפור פון קריטיק.

דער זעלבער רמב"ם וועלכער האָט געזאָגט אַז אַריסטאָטעלס תורה איז „דער ריינער אמת, און בלויז דעם יעניגער וואָס פאַרשטעהט איהם ניט, ווייכט פון איהם" (מורה נבוכים ח"ב פּרק כ"ב) דער זעלבער רמב"ם האָט שטרענג אָבגעהיט שטרענגער ווי אַנדערע, יעדען דין אָדער מנהג, און דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערען וועגען רמ"א, וועלכער האָט אוועקגעשטעלט דעם אידישען מנהג אַלס די העכסטע אויטאָריטעט. אַלס פילאָזאָף דריקט ער זיך אויס אין זיין הויך־פילאָזאָפישע ווערק „תורת העולה": „אַז דער צוועק פון יעדען מענשען איז קריטיש צו באַגרייפען יעדע זאַך און דאָס פעסטשטעלען דורך פאַקטען און באַווייזע („עדיף טפי לחקור על הדברים ולידע אותן במופתים ובמושכלות על ידי חקירה וזהו תכלית האדם"); ער ערלויבט אויך זיך אָפּצוגעבען מיט חכמות חצוניות (פרעמדע וויסענשאַפטען) און ער רופט דאָס „טיול בפרדס", א שפּאַצער אין גאָרטען פון מעטאַפיזישע וויסענשאַפט: אין אַן אַנדער אָרט דריקט ער זיך אויס: „אַז אין אַלע דורות פאַרנעמט די חכמה פון חכמים דעם פּלאַץ פון רוח־הקודש" — טראָץ

דעם אבער האט ער דאס אידענטום ארומגענומען מיט א קייט פון נייע מנהגים און נייע חומרות, און ער האט זיך ערווארבען די רעפוטאציע פון א גרויסען מחמיר.

ר' משה איסרליש און ר' משה מיימון — דיזע צוויי שיי־נענדע שטערען אויף דעם אידישען הימעל האבען געהאט פיל געמיינשאפטליכעס אויף'ן געביט פון דער תלמודישער און פילאזאפישער ליטעראטור. מען קען זאגען אז דער רמ"א האט נאכגעפאלגט דעם „מורה" אין די מעהרסטע פון זיינע קריי־טישע אפהאנדלונגען. גלייך אין דער הקדמה פון „תורת העולה" באמערקט ער וועגען רמב"ם אז „וכל דבריו אמת" און אין דעם זין ציטירט ער איהם מעהרערע מאל. שפעטער אין „תורת העולה" דריקט ער זיך ווידער אויס: „אפילו אין דער גמרא איז דא א מחלקה וועגען דעם, וועל איך אבער אויף דעם ניט קוקען און עס ערקלעהרען בלויז נאך די ווערטער פון רמב"ם, מיט דער הילף פון רמב"ם האט דער רמ"א זיך געקענט ערקלע־רען פילע פילאזאפישע פראבלעמען, און „שבת, יום טוב און חול המועד ווען מענשען געהן ארויס שפאצירען" — ווי דער רמ"א דריקט זיך אויס — פלעגט ער שטודירען אריסטאטעל'ס תורה, אדער ריכטיגער, דעם רמב'ם פילאזאפישע לעהרען, בלויז דורך דעם רמב"ם האט ער זיך באקאנט מיט אריסטא־טעל'ן."

דאס האט דער רמ"א געענטפערט אויף דעם רש"ל'ס פארוואורף ווארום ער גיט זיך אפ מיט דעם ערל אריסטו'ס תורה. דער רמ"א ענדיגט מיט פאלגענדע פארטיידיגונג: „דער מורה" האט געשריבען אז וואס אריסטו האט דערגרייכט מיט זייז שכל ביז די הימלישע פלאנעטען, איז אלעס אמת... און ער (רמב"ם) זאגט אויך אז אלע זיינע געדאנקען זיינען די זעלבע ווי פון די חכמי התלמוד, בלויז אין מאנכע געדאנקען איבער אמונה".

ז'ער רמב"ם איז געווען דעם רמ"א'ס וועגווייזער און באלייכטער אין די טונקעלע וועגען פון „פרדס", אויף וועלכע פילע אנדערע דענקער זיינען געשטרויכעלט געווארען און זיך

פארלארען. אן ערנסטער דענקער ווי דער רמ״א גערט אבער ניט נאך זיין פירער מיט פארמאכטע אויגען. טראץ זיין גרויסע אכטונג ,,אר׳ן רמב״ם, דריקט ער זיך אויס וועגען איהם ווען ער שטימט ניט איין מיט איהם: ,,ואין לך סכלות חכמתו גדולה מזה״ (קיין גרעסערע נארישע חכמה זיינע ווי דיזע איז ניטא). אין פילע וויכטיגע פונקטען האט דער רמ״א ארויסגע־טראטען געגען רמב״ם.

אזוי צום ביי שפיל שטימט ער ניט מיט׳ן רמב״ם אין באצוג צו די דרייצעהן ,,עקרים״, די דרייצעהן דאגמאס אויף וועלכע די אידישע רעליגיאן איז באזירט, און וועלכע זיינען צוזאמענגעשטעלט אין ,,יגדל״. אין דיזען הינזיכט פאלגט נאך דער רמ״א ר׳ יוסף אלבו, דעם מחבר פון ,,העקרים״, וועלכער באהויפטעט אז די דריי פונדאמענטאלע פרינציפען פון אידענ־טום זיינען: ,,מציאות השם יתברך, תורה מן השמים, און שכר ועונש״, ווערענד ביים רמב״ם זיינען דיזע דריי בלויז א טייל פון די דרייצעהן. ,,נמצא ואין עת, ,,תורת אמת נתן״ און ,,גומל לאיש״.

צו די דריי פונאדעמענטאלע פרינציפען שטעלט צו ר׳ יוסף אלבו זעקס אנדערע פרינציפען אלס אנטוויקלונג פון די דריי, און דער רמ״א רעכענט אויס נאך דריי צו די זעקס, נעמליך ,,בחירה״ (דער פרייער ווילען ביים מענשען), ,,קבלה״ (די אידישע טראדיציעס) און ,,עבודת השם יתברך ולא לזולתו״ (דינען בלויז צו גאט אליין).

אבער איבער אלעס שטעלט אוועק דער רמ״א דעם גלויבען אין ,,חדוש העולם״, אז די וועלט איז באשאפען געווארען ביים באשעפער, און זי איז ניט קיין ,,קדמון״. אין א סעריע פילאזא־פישע אבהאנדלונגען זוכט דער רמ״א צו פארענטפערען די זיבען פראגעס וואס פילאזאפען האבען געשטעלט געגען דער טעאריע פון ,,חדוש העולם״, דער אידישער באגריף פון וועלט באשאפונג. ביים רמ״א איז דער גלויבען אין ,,א צוקונפט וואס וועט ברייגנען אן ענדע צו דיזער וועלט״ ניט אזוי וויכטיג, און אין דיזען פונקט נעמט ער אויך ניט אן דעם רמב״ם׳ס

מיינונג. דער גלויבען אין א סוף וואס וועט מאכען אן ענדע פון אלעס איז ביי איהם ניט א חיוב, דערפאר אבער שטעלט ער אלעס אוועק אויף דעם גלויבען פון אן אנפאנג, אויף „חדוש העולם״.

„דער גלויבען אין „חדוש העולם״ איז דער הויפטשטריך אין רמ״א׳ס פילאזאפיע. דער געדאנק פון קרבנות איז — זאגט ער — פעסטצושטעלען יעדען טאג דיזען גלויבען. דער קרבן וואס ווערט געבראכט שחרית און ערבית איז צו ווייזען אז די וועלט איז פונקט ווי דאס לעבען. מיט׳ן קרבן ווערט א לעבען צוגענו־מען, צו דער זעלבער צייט אבער ווערט א לעבען געשאפען. א לעבען ווערט אויפגעאפפערט, צו ווייזען אז לעבען קומט און לעבען פארגעהט. דער טעם פון קרבנות איז אלזא, אונז צו דער־מאנען אז די וועלט, פונקט ווי דאס לעבען אליין, ווערט באנייט, און דאס איז דער עיקר פון דער תורה און דער יסוד פון דער אמונה. גלייכפאלס די דריי מצוות: שבת, מילה און תפילין, אלע צילען צום זעלבען געדאנק פון „חדוש העולם״. אין זעלבען זין ערקלעהרט ער אויך דעם טעם פון פילע אנדערע מצוות ווי מצות אום פסח, אפהיטען ראש חודש און ענליכע. אויך די ער־שיינונג פון גאט אין „סנה״ פאר משה רבינו, ערקלערט דער רמ״א אלס אנדייטונג אויף „חדוש העולם״.

דער רמ״א האט געקוקט אויף דער וועלט פונקט ווי אויף דאס לעבען וואס ווערט אימער געשאפען און אימער באנייט. ווערענד די מעהרסטע אידישע געלערענטע אין זיין צייט האבען געקוקט אויף דיזער וועלט מיט פעסימיסטישע ברילען, און האבען איהר געגעבען אזעלכע נעמען ווי „עמק עכור״, „עולם החושך״ און עהנליכע אויסדריקען, האט דער רמ״א דאגעגען באטראכט די וועלט אלס „גאט׳ס בית המקדש״, „גאט׳ס הויז״, „די גאנצע וועלט — דער גן עדן״. באטראכ־טענדיג די וועלט אלס „גאט׳ס הויז״ פארטייטשט ער צוליב דעם „בכל ביתי נאמן הוא״ — אין מיין גאנצע הויז — די וועלט — האט ער, משה, טיף איינגעדרונגען און געטריי זיך צוגעקוקט צו אלעס וואס אין איהר עקזיסטירט״.

די גאנצע וועלט, באהויפטעט דער רמ״א, איז באשאפען געווארען בלויז צוליב דעם מענשען: ,,הוא תכלית המציאות אשר הכל נברא בעבורו״. ער איז דער ציל פון דער עקזיסטענץ וואס איז באשאפען געווארען נאר צוליב איהם. דער מענש רופט זיך ,,עולם קטן״, דאס קליינע וועלט, וועלכע איז פאר־מירט פונקט ווי די גרויסע וועלט, אזוי ווי די גרויסע וועלט האט גאט, אלס איהר פיהרער, אזוי האט אויך דער מענש, די קליינע וועלט, די געטליכקייט אלס פיהרער. ווען גאט, דער מנהיג פון דער גרויסער וועלט האט באשאפען דעם מענשען, דאס קליינע וועלט, האט ער אין איהם ארייגעזעצט א טייל פון זיין געטליכקייט — די נשמה — אום איהם צו פיהרען. יעדער מענש האט, אלזא, א טייל פון גאט אין זיך.

,דער שכל איז געגעבען געווארען דעם מענשען — פילא־זאפירט דער רמ״א — אום צו פארשטעהן די וועלט פיהרונג און דורך דעם צו באגרייפען די סודות פון די טעמים פון דער תורה״; ווייל דער וואס פארשטעהט דעם סוד פון דער עקזיס־טענץ וועט קענען בעסער באגרייפען די סודות פון דער תורה״. ווען אונזערע חכמים זאגען אז שלמה המלך האט פארשטאנען אלע סודות ורמזים פון דער תורה, איז עס צוליב דעם, ווייל ער האט פארשטאנען אלעס אין דער נאטור. זיין וויסענשאפט אין אלעס וואס געפינט זיך אין דער נאטור האט איהם געעפענט די אויגען צו זעהן דאס וואס איז פארבארגען אין דער תורה. דער מענשליכער שכל איז דאס וואס ווערט גערופען ,,עץ הדעת״ און דאס איז אויך ,,די אמת׳ע נשמה״. ווען שבת ווערט דער מענשליכער שכל דערהויבען צו א העכערע מדרגה, הייסט עס אז ער קריגט א ,,נשמה יתירה״, ווייל דער שכל — די נשמה — ווערט דאן ביי איהם קרעפטיגער און לויטערער. ווייטער באהויפטעט ער, אז דער מענשליכער שכל איז דער ,,יצר טוב״, ווערענד דער חומר, דער קערפער, איז דער ,,יצר הרע״. ווען דער חומר שטארבט, באפרייט זיך דאן דער שכל, די נשמה, פון חומר און זי באהעפט זיך צוריק צום עולם העליון, צום עולם השכל.

דער פלאַץ איז צו באַשרענקט צו געבּן אַ גענויערע אָפּ־האַנדלונג וועגן רמ״א, לויט ווי ער פאַרדינט. אָבער די פאַר איבּערנדערמאַנטע באַמערקונגען שטעלן אַוועק דעם רמ״א אין אַ ליכט וואָס שיינט אַרויס מיט איהר אויסערגעוועהנליכע אַבשאַצונג פון דעם מענשליכען לעבּען און דעם מענשליכען ווערט. כמעט קיינער פון די אַמאָליגע גדולים האָט אַרויסגע־וויזען אַזאַ אינטימע באַציהונג צו דעם טעגליכען פּראָזאַאישען לעבּען.

באַקאַנט ווערענדיג מיט דעם רמ״א׳ס ריין הומאַנישע אַנזיכטען איבּער דעם לעבּען, לאָזט זיך קוים גלויבּען אַז דער זעלבּער רמ״א האָט געזוכט איינצאַמען דאָס אידישע פאָלק אין גייע דינים און חומרות. בלויז קורצזיכטיגע קריטיקער האָבּען געקענט באַהויפּטען אַז דער רמ״א האָט ניט מיטגעפילט מיט דעם פאָלק, אַ מאַן וואָס רופט אָן די וועלט „גאָט׳ס הויז״, „גאָט׳ס גן־עדן״, האָט זיכערליך ניט געקענט זיין אַן אויסגע־טריקענטער בעל הלכה, פרעמד פון לעבּען, אַ אָפּטימיסט ווי ר׳ משה איסערלש קען ניט זיין אַ שונא פון לעבּען.

אין קומענדען קאַפּיטעל וועלען מיר געבּען אַן איבּערבּליק איבּער׳ן רמ״א׳ס באַציהונגען צום טעגליכען לעבּען, און זיין ראָלע אַלס פּוסק אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם עקאָנאָמישען לעבּען פון זיין צייט.

## צווייטער קאַפּיטעל

פּרץ סמאָלענסקין אין זיין „עם עולם״ דריקט זיך אויס שאַרף געגען רמ״א צוליבּ זיין שטרענגקייט אין פּסק׳ענען אי־מער נאָכ׳ן מנהג, צוליבּ וואָס ער פאַראורזאַכט אָפט גרויסע געלט שאָדען. סמאָלענסקין׳ס מיינונג איז אָנגענומען געוואָ־רען ביי פילע משכילים וועלכע קריטיקירען דעם רמ״א און באַהויפּטען אַז ער האָט ניט געהאַט קיין האַרץ פאַר דעם איינ־פאַכען פאָלק׳ס עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

דיזע טענות געגען רמ״א האָבּען אָבער קיין גרונד ווען מען דרינגט אַריין טיף אין דעם רמ״א׳ס לעבּען און אידייען.

אמת דער רמ״א האָט ערקלערט אַז „דער מנהג איז דער דין״. און „אַז מען טאָר ניט האַנדלען געגען מנהג״, ער האָט אָבער צו דערזעלבער צייט ערקלערט אַז אַ מנהג וואָס האָט קיין זין איז נאַריש און מען דאַרף עס ניט נעהמען ערנסט. בלויז די יעניגע מנהגים וואָס האָבען אַ גרונד אין פאָלקס־לעבען האָט ער אָנערקענט אַלס אויטאָריטעט, אַלע אַנדערע האָט ער געזוכט צו באַזייטיגען. ריכטיגער געזאָגט, דער רמ״א האָט גענומען דעם מנהג ווי דאָס פאָלק האָט עס אָנגענומען, און פון דיזען שטאַנדפּונקט האָט ער ענטשיידעט דעם דין. אין אידי־שען מנהג האָט דער רמ״א געזעהן דעם פאָלקס ווילען און פאַר דיזען פאָלקס־אויסדרוק האָט ער געבויגען זיין קאָפּ און עס אָנערקענט אַלס געזעצליכע אויטאָריטעט, אפילו ווען דאָס איז געקומען אין קאָנפליקט מיט אַן עקזיסטירענדען געזעץ. דער רמ״א האָט געזוכט אוועקצושטעלען די אָנגענומענע מנהגים פון דאָס פאָלק אויף אַ געזעצליכען באַזיס. ער האָט ניט געזוכט דעם דין אין מנהג, פאַרקערט, ער האָט געגעבען דעם מנהג אַ געזעצ־ליכע מאַכט אפילו דאַן ווען דער אורשפּרונג פון מנהג איז געווען אונבאַקאַנט.

דער רמ״א אַלס פילאָזאָף וואָס לעבט מערסטענס אין די העכערע ספערען, האָט אָבער צו דערזעלבער צייט טיף איינ־געדרונגען אין דער איינפאַכער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, און באַ־טראַכט דאָס לעבען ווי דאָס פאָלק דריקט עס אויס אין זיינע מנהגים. אין די פאָלקס־מנהגים האָט דער רמ״א געזעהן ניט בלויז נאַרישע, צופעליגע צערעמאָניעס, אָדער געוואוינהייטען, נאָר אינסטיטוציעס וועלכע היסטאָרישע פּאָסירונגען האָבען באַשאַפען אין פאַרשידענע פּעריאָדען, און אין וועלכע עס גע־פינען זיך געזונטע לעבענס אָרגאַנען. פון דיזען שטאַנדפּונקט האָט ער באַטראַכט די מנהגים, און פון דיזען שטאַנדפּונקט האָט ער אויך ענטשיידעט וועגען די געזעצליכע ווערט פון יעדען מנהג.

נאָך אין די גאַנץ אַלטע צייטען האָבען שוין די אידישע געלערענטע זיך אָבגעשטעלט אויף דיזער ערשיינונג און האָבען

זיך אויסגעדריקט: אז „די דאזיגע מצוות וועלכע דאס פאלק האט אנגענומען מיט פארגעניגען האלטען זיי דאס נאך מיט פארגעניגען", א. אז. וו. און „יעדע מצוה וואס די אידען האבען זיך אויף איהר מוסר נפש געווען אין דער צייט ווען די רעגירונגען האבען דאס פארבאטען, אזוי ווי עבודה זרה און ברית מילה, האלטען זיי זיך נאך פעסט ביי דעם, און יעדע מצוה וואס אידען האבען זיך איבער איהר ניט מוסר נפש געווען אין די צייטען פון גזרת המלכות, אזוי ווי תפילין, איז זי נאך היינטיגען טאג שוואך ביי זיי" (שבת ק"ל).

דערמיט האבען די אמאליגע חכמים געוואלט ערקלעהרען אז דאס פאלק זעלבסט אורטיילט איבער דעם מאראלישען ווערט פון יעדע מצוה, און יעדע מצוה וואס דראעט דאס נאציאנאלע עקזיסטענץ ווען מען זאל עס ניט אבהיטען, האט דאס פאלק זיך אויף איהר מוסר נפש געווען, און זי ווערט צוליב דעם נאך הייט געאכטעט ביי דאס פאלק, אבער די יעניגע מצוה וואס האט ניט געשטעלט אין געפאר דאס נאציאנאלע לעבען, די מצוה איז נאך היינט געבליבען שוואך ווייל דאס פאלק האט צוליב דעם זיך ניט באדארפט מוסר נפש זיין.

מען קען מיט רעכט באהויפטען אז דיזע מיינונג פון די חכמי התלמוד איז געווען דער לייטענדער מאטיוו אין רמ"א'ס לעבענס-אנשויאונגען, און די יעניגע וואס באהויפטען אז דער רמ"א איז א מחמיר און רעכענט זיך ניט מיט די פאלקס-אינטערעסען, פארשטעהען ניט זיין אייגענארטיגע פסיכאלאגיע. ניט שווערער צו מאכען דאס פאלקס-לעבען האט דער רמ"א באצ'ועקט, נאר פארקערט, דארט וואו ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען א באדייטענדען געלט-פארלוסט (הפסד מרובה) האט ער אימער פארלייכטערען. אין די מעהרסטע פעלע וואו דער רמ"א האט גע'אסר'ט, האט ער אבער צו דער זעלבער צייט דייטליך ערקלעהרט אז אויב עס האנדעלט זיך וועגען „הפסד מרובה" איז דער איסור ניט גילטיג.

דער רמ"א אלס אידישער פיהרער אין א קריסטליכער אומגעבונג האט זיך זעהר פיל גערעכענט מיט דער קריסטלי-

כער מיינונג, מיט דעם „למה יאמרו הגויים“, און אין דיזען הינזיכט אונטערשיידעט ער זיך זעהר פיל פון ר׳ יוסף קארו, אויף וועמענס „געדעקטען טיש“ (שולחן ערוך) דער רמ״א האט אויסגעשפרייט זיין „טישטוך“ (מפה) דורך זיינע הגהות. ר׳ יוסף קארו לעבענדיג אין צפת, אין א אידישער געזעלשאפט, ריכטיגער, אין א טרוימערישער געזעלשאפט, וואס האט גע־זוכט צו פארשפרייטען די מיסטישע קבלה־לעהרע, וואס האט געפיינט איהר אייגענארטיגען לעבען, פריי פון ניט אידישען איינפלוס, פון דעם קריסטליכען אזוי גוט ווי פון דעם טערקי־שען — האט זיך צוליב דעם ניט גערעכענט מיט דעם „למה יאמרו הגויים“. די אידען אין טערקיי האבען געפירט אן אווי־טאנאמישען לעבען, און זעלטען ווען די רעגירונג האט זיך געמישט אין זייערע אינערליכע אנגעלעגענהייטען. דיזער גע־זעלשאפטליכער צושטאנד פון אידען אין טערקיי, שפיגעלט זיך אפ אין דעם הלכה־ווערען פון ר׳ יוסף קארו ווען ער דריקט זיך אויס „ומה בכך שילעיגו“? (נו, אז זיי וועלען לאכען — וואס איז?) איהם האט ניט אינטערעסירט די מיינונג פון די גויים, טאמער וועלען זיי לאכען פון א אידישען מנהג. אנדערש איז אבער געווען דער פאל מיט ר׳ משה איסרלש, קראקויער רב אין גייסטיגער פיהרער פון דאס פוילישע אידענטום, וועל־כער האט אויף טריט און שריט זיך געמוזט רעכענען מיט די קריסטליכע שכנים פון וועלכע דעם אידענ׳ס עקאנאמישער לעבען איז געווען אפהענגיג. דיזע עקאנאמישע אפהענגיגקייט איז דער גרונד שטריך אין דעם רמ״א׳ס הלכה ליטעראטור. דאס שפיגעלט זיך אפ אין פילע פון זיינע געזעצליכע ענטשיי־דונגען, ווי די פאלגענדע אייניגע ביישפילען באווייזען עס.

דער רמ״א איז פילייכט געווען א מחמיר אויפ׳ן געביט פון רעליגיעזען לעבען, דערפאר אבער האט ער פיל נאכגעלא־זען אין רעליגיאנס אנגעלעגענהייטען דאן ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען עקאנאמישע פראגען. מעהר פאר אלעס אנדערעס האט ער געזוכט צו פארלייכטערען דעם אידענ׳ס געזעלשאפטליכע באציהונגען מיט דער קריסטליכער וועלט.

אום דורך דעם צו זיכערען די עקאנאמישע עקזיסטענץ פון זיין פאלק. אזוי זעהען מיר איהם אין דער ראלע פון אן עקאנאמי־שען רעפארמאטאר אין די פאלגענדע ענטשיידונגען:

„ועוד דאית בזה משום איבה אם נפרוש את עצמנו מהם ביום חגם ואנו שרוים ביניהם, וצריכים לשאת ולתת עמהם כל השנה, ולכן אם נכנס לעיר ומצאם שמחים ביום חגם ישמח עמהם משום איבה" (יורה דעה ס' קמ"ח סעיף י"ב). אין אנדע־רע ווערטער: מיר טארען זיך פון זיי ניט אפזונדערען אין זייע־רען א יום טוב, ווייל מיר וואוינען צווישען זיי, און מיר מוזען האנדלען מיט זיי א גאנץ יאהר, און דארום ווען איינער קומט אריין אין א שטאט און געפינט ווי זיי זיינען זיך משמח אין זייערען פייערטאג, זאל ער זיך פרעהען מיט זיי צוזאמען אום ניט צו פאראורזאכען א שנאה! דיזער ביישפיל פון סאציאלע טאלעראנץ אין געגנוג צו באצייכנען דעם אונשטערבליכען רמ"א אלס פאלקס־מענש און ניט אלס פארטריקענטען בעל־הלכה ווי פילע ווילען האבען.

„מי שנזהר מפת של עכום ואוכל עם אחרים שאינם נזהרים מותר לאכול עמהם משום איבה וקטטה" (יורה דעה קי"ב סעיף ט"ו). דער וואס איז אפגעהיט פון גוי'איש ברויט און איהם קימט אויס צו עסען מיט אנדערע וועלכע זיינען ניט אפגעהיט, מעג ער עסען גוי'אישע ברויט מיט זיי גלייך, אום ניט צו פאראורזאכען פיינדשאפט און קריג. דאס האט זיכער־ליך ניט געקענט ארויסזאגען א מענש אהן א הארץ פאר די פאלקס אינטערעסען.

אין סימן קי"ג סעיף ד', דריקט ער זיך אויס: „ואפילו לכתחילה נוהגין להקל בבית ישראל שהשפחות והעבדים מבשלים בבית ישראל". דיזע פארלייכטערונג צו ערלויבען א גוי'אישע דינסט צו זיין א קעכין אין א אידישע הויז, אין אן ערלויבעניש וואס דאס פאלק האט זיך גענומען אליין, און דער רמ"א האט עס לעגאליזירט, ווייל דאס איז געווארען א נויט־ווענדיגקייט אין דעם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען.

ער האט ערלויבט צו טרינקען גוי'אישע ביר, הגם די

גמרא פאַרבאָט עס (עבודה זרה ל״א). ער האָט אָפּגעשאַפט דעם פאַרבאָט פון „יין נסך״ ווערענד די משנה און די גמרא פאַרבאָטען עס. אין דיזען הינזיכט דריקט זיך דער רמ״א אויס: „ובזמן הזה דהאומות לאו עובדי ע״ז הם כל מגעם מקרי שלא בכוונה ולכן אם נגע ביין, מותר אפילו בשתיה, ואין לפרסם הדבר בפני ע״ה״ (סימן קכ״ד סעיף כ״ד).״ הייסט ווען די אומות העולם זיינען ניט קיינע געצען־דינער איז אפילו ווען איינער ריהרט זיך אָן אַן ווייַן מעג מען עס טרינקען, נאָר מען דאַרף דאָס ניט אויסקלינגען צווישען די עמי־הארצים״.

ווייטער זאָגט ער: „אז היינט איז עס אַ געוועהנליכער מנהג צו פאַרקויפען ווייַן צו די גויים, און מען קוקט זיך ניט אום אויף דיזע אַלע דינים וואָס ווערען דערמאָנט אין דער גמרא.״ דער ווייַן האַנדעל האָט אין רמ״א׳ס צייטען זיך שוין געהאַט ענטוויקעלט אין אַ וויכטיגע אידישע אינדוסטריע, און צוליב עקאָנאָמישע פרינציפען האָט דער רמ״א פאַקטיש אָפּגעשאַפט אַלע געזעצען אין באַצוג צום ווייַן האַנדעל וואָס ווערען אויסגערעכענט אין דער גמרא.

אין דער משנה ווערט דערמאַנט אז מען טאָר ניט געהן אין אַ שטאָט וואו די גויים מאַכען אַ יאַריד (משנה ע״ז, י״א) און דער רמ״א זאָגט אז „היינטיגע צייטען איז עס ערלויבט, ווייל דער היינטיגער יאַריד איז ניט צוליב עבודה זרה״.

נאָכ׳ן דין איז פראַצענט שטרענג פאַרבאָטען. פון דעסט־וועגען האָט דער רמ״א ערלויבט אַ אידישע קהלה צו לייהען געלט אויף פּראַצענט ביי גויים. אין יענע צייטען איז עס גע־ווען אַן אָפּטע ערשיינונג אז אידישע קהלות האָבען געליהען געלט ביי גויים אויף שטאָטישער אייגענטום אלס משכנות.

אז מען זעהט יענעם טוענדיג אן עבירה איז על פי דין דאַרף מען איהם זאָגען און אויס׳מוסר׳ן, פון דעסטוועגען זאָגט דער רמ״א, אז היינט טוט מען דאָס ניט, ווייל דאָס שמעקט מיט געפאַהר פאַר אונזער אייגענטום און קערפּער.

אין סימן ש״א סעיף ל״ג, ערלויבט דער רמ״א צו טראָגען

מיט זיך געלט אום שבת, דאן ווען מען האט מורא אז איבער־לאזענדיג אין ד'ערהיים וועט מען עס ביי איהם צו'גנב'ענען.

ווייטער ערלויבט ער, זיך צו באטייליגען מיט גויים אין געוויסע ארבייט, צו מאכען מיט זיי שותפות אין ביזנעס, צו לעשען א פייער אום שבת, און צו געהן אנגעטאן אין שיך אום תשעה באב אין די קריסטליכע גאסען, כדי די גויים זאלען ניט לאכען פון אונז.

דיזע אייניגע דערמאנטע ציטאטען זיינען גענוג צו געבען א באגריף וועגען דעם רמ"א ווי ווייט ער האט זיך גערעכענט מיט די פאלקס אינטערעסען.

* * *

פילע אנעקדאטען ווערען איבערגעגעבען אין נאמען פון רמ"א. דער פאלגענדער איז כאראקטעריסטיש און אין איינ־קלאנג מיט זיין פראקטישען בליק אויפ'ן לעבען.

דער רמ"א איז נאך געווען א יונגער מאן ווען ער איז אנגענומען געווארען אלס רב אין קראקוי.

דער בישאף האט געמוזט באשטעטיגען דעם רב און דער־פאר האט די קראקויער קהלה איהם איינגעלאדען צום באנקעט וואס ס'איז געגעבען געווארען פאר'ן נייעם רב.

דער בישאף איז זעהר ענטוישט געווארען קוקענדיג אויף ר' משה איסרל'ש, וועמעס אויסערליכער אויסזעהן איז געווען זעהר און־אינטערעסאנט. אבער נאך א קורצען שמועס האט דער בישאף אויסגעפונען אז דער יונגער רב איז א מאן פון הויכען אינטעליגענץ און באזיצט א שארפע קאפ מיט א פראק־טישען פארשטאנד.

צווישען מעהרערע פראגען וואס דער בישאף האט גע־שטעלט דעם רמ"א, האט ער איהם אויך געפרעגט:

„ווי קומט עס אז אייער גאט איז אן „אל קנא ונוקם" — א ראכעזיכטיגער און צארענדיגער גאט, ווערענד אונזער גאט איז א גאט פון ליבע"?

„אזוי איז עס און אזוי דארף עס טאקי זיין" — האט

דער רמ״א ערווידערט — „איהר קריסטען זענט פארנומען שטענדיג אין מלחמות וואו איהר שעכט און קוילעט איינער דעם צווייטען. אין לעבען ווייזט איהר ארויס גאנץ ווייניג ליב־שאפט איינער צום אנדערען, ווארום גאר די ליבע וואס עס איז דא אין אייער רעליגיאן דאס לאזט איהר איבער צו אייער גאט, דערפאר איז אייער גאט א גאט פון ליבע״.

„מיר אידען דאגעגען האבען באדארפט שטענדיג ארומ־געהן מיט נקמה־געדאנקען געגען די קריסטען וועלכע באגעהן געגען אונז די שרעקליכסטע רציחות. איהר באדט זיך אין אונ־זער בלוט, פונדעסטוועגען פיהלען מיר ליבע און ברידערליכקייט צו אייך אלעמען, ווארום די נקמה וואס מיר האבען באדארפט נעהמען, דאס לאזען מיר איבער צו אונזער גאט, דערפאר איז אונער גאט „דער גאט פון נקמה״.

* * *

דאס פאלק האט געשאפען פילע לעגענדעס וועגען דער פערזאן פונ׳ם רמ״א. איינע פון די דאזיגע לעגענדעס וויל האבען אז דער רמ״א האט געלעבט דריי און דרייסיג יאהר און האט געשריבען דריי און דרייסיג ספרים, און איז געשטארבען ל״ג בעומר.

היסטאריש אבער שטעלט זיך ארויס אז דער רמ״א איז געבוירען געווארען אין יאהר 1520 (ר״פ) און געשטארבען אין יאהר 1572 (של״ב). דאס מיינט אז ער האט געלעבט 52 יאהר, און 18 ספרים זיינען געבליבען פון איהם, פון וועלכע 10 זיינען געדרוקט און 8 ניט געדרוקטע.

ר׳ משה איסרלש איז אויך געווען א טיכטיגער כלל טוער און האט גענומען א טעטיגען אנטייל אין דעם דאמאלסדיגען אידישען קאנגרעס, באקאנט אלס דער „ועד ארבע ארצות״.

א חוץ זיין גרויסקייט אין תורה און וויסענשאפט איז דער רמ״א געבענשט געווען אויך מיט רייכקייט, און פאר אייגען געלט האט ער אויסגעהאלטען א גרויסע ישיבה. איינער פון

זיינע תלמידים איז געווען ר׳ דוד גאנז, דער בארימטער היס־טאריקער און פארפאסער פונ׳ם פאפולערן היסטארישען ספר „צמח דוד״. נייגונג צו היסטארישע וויסענשאפט האט ר׳ דוד גע׳ירשנ׳ט פון זיין רבי׳ן — דער רמ״א.

די מצבה וואס די קראקויער קהלה האט אוועקגעשטעלט איבער זיין קבר, דערצעהלט אמבעסטען וועגען דער פערזענ־ליכקייט פון דעם רמ״א:

„ה״ה נר המערבי הגאון הגדול בדורו,
מה״ו משה רועה אבן ישראל,
ביום ג״ל למספר בני ישראל גלה כבוד מישראל
משה היה רועה צאן ישראל.
צדקות ה׳ עשה ומשפטיו עם ישראל;
הרביץ תורה בישראל,
העמיד תלמידים לרבבות אלפי ישראל.
ממשה ועד משה לא קם כמשה בישראל.
וזאת „תורת החטאת״ „האשם״
אשר שם משה לפני בני ישראל,
שנת של״ב לפ״ק.״

* * *

אין תקנ״ד (1794), צוויי הונדערט צוויי און צוואנציג יאהר שפעטער, איז די מצבה אפגעפרישט געווארען, און אויף דער צווייטער זייט איז אויסגעקריצט געווארען ביי דער דא־מאלסדיגער חברא קדישא א לענגערער נוסח וועגען דעם רמ״א.

# ר׳ ישעיה הלוי הורביץ

(דער „של״ה הקדוש״)

## ערשטער קאַפּיטעל

אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור פאַרנעמט דער „של״ה הקדוש״ אַ זעהר וויכטיגען פּלאַץ. מען קען זאָגען אַז דער „של״ה״ („שני לוחות הברית״) איז איינער פון די פּאָפּולערסטע ספרים וואָס מיר פאַרמאָגען. דער מחבר ר׳ ישעיה הלוי הורביץ איז באַקאַנט אין דער אידישער געשיכטע, און אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור, אַלס אַ פּערזענליכקייט וואָס שיינט ארויס מיט איהר אויסערגעוועהנליכע מאָראַלישע הויכקייט און עטישע עלעגאַנץ; אַ פּערזענליכקייט וואָס איהר גלייכען איז שווער צו געפינען אין יענעם דור אָדער אין די שפּעטערדיגע דורות.

דער פראַנקפורטער ראַבינער דר. הורביץ, אין זיין ווערק וועגען פראַנקפורטער קהלה און איהרע רבנים, האָט איבערגעדרוקט דעם „כתב רבנות״ וואָס די קהלה האָט ארויסגעגעבען צום „של״ה הקדוש״, און צווישען אַנדערע פּונקטען געפינט זיך דער פאָלגענדער, וועלכער דערצעהלט אונז מעהר ווי אַלעס וועגען דער הויכער נאַבעלער נשמה פון דעם „של״ה״; „איך נעהם אויף זיך אַן איסור ניט צו האָבען וועלכע הנאה, אָדער נעהמען אפילו דעם ווערט פון אַ פּרוטה פאַר פּסק׳ענען אַ דין, אָדער פאַר מאַכען אַ פּשרה, אפילו ווען דאָס זאָל מיר געבען אַ סך אַרבייט און מיה״.

דער „של״ה הקדוש״ איז געווען רב אין פילע באַרימטע

אידישע שטעט בעפאר ער איז אנגעקומען אין פראנקפורט, אזוי ווי קראקוי, פאזען, דובנא און אוסטרא, און זיין זוהן דער מחבר פון „ווי העמודים" דערצעהלט, אז איינע פון די אור־זאכען וואס האט באוואויגען זיין פאטער אויף די עלטערע יאהרען צו פאהרען אין ארץ ישראל, איז געווען אפצוקומען פאר דעם זינד וואס ער איז באגאנגען אין די אנדערע יאהרען צו נעהמען „פסק־געלד". די עבירה פון נעהמען געלט פאר א דין תורה האט אויף איהם אזוי פיל געווירקט אז ער האט גע־מוזט נעהמען א תשובה אויף זיך, און די תשובה איז באשטא־נען אין פאהרען נאך ארץ ישראל.

דער באקאנטער גאון און ביבליאגראף, חיים יוסף דוד אזולאי (חיד"א) אין זיין „שם הגדולים", געהט נאך ווייטער און זאגט וועגען מחבר פון „של"ה", אז זיין נשמה איז געווען א ניצוץ פון דער נשמה פון רות המואביה. אין אנדערע ווער־טער, דער „שם הגדולים" מיט אלע אנהענגער פון מיסטיציזם ווילען ערקלעהרען דורך קבלה ווארום דעם „של"ה'ס נשמה האט געצויגען נאך ארץ ישראל — ווייל אין איהם האט גע־לעבט א טייל פון רות המואביה'ס נשמה.

פילע לעגענדעס זיינען צווישען פאלק פארשפרייט געווא־רען וועגען דעם של"ה'ס רייזע נאך ארץ ישראל, איז א צייט ווען אזא רייזע איז געווען פארבונדען מיט דער גרעסטער גע־פאהר. די אויסערגעוועהנליכע פערזענליכקייט פון „של"ה", מיט זיין הייליגען לעבען און גרויסע פאפולאריטעט, האט בא־שאפען צווישען פאלק פילע לעגענדעס, וועגען זיין פערזאן, און דער רושם פון זיין פארלאזען אייראפא, וואו ער איז געווען אזוי פאפולער, און אויסוואנדערען נאך ארץ ישראל וואס האט געמיינט ריזיקירען דעם לעבען, צו יענער צייט — האט איבער־געלאזען א טיפען איינדרוק צווישען דאס אייראפעאישע אי־דענטום, און קיין וואונדער ניט אז דאס פאלק האט פארבונ־דען דיזע נסיעה מיט געוויסע פאנטאסטישע פאסירונגען.

צווישען דיזע לעגענדעס איז דא איינע וואס דערצעהלט וועגען א געוויסע אונאנגענעמע פאסירונג אין זיין לעבען און

צוליב וועלכע זיין רייזע נאך ארץ ישראל איז אפגעלעגט גע־וואָרען אויף פילע יאהרען. איינער פון זיינע אינגערע תלמידים — אזוי דערצעהלט די לעגענדע — איז געשטאנען אין זעהר נאהענטע באציהונגען מיט׳ן „של״ה״. ער האט איהם געדינט ווי א טרייער משרת און איז געווען א גאנצער בן־בית ביי איהם. אויף אזויפיל אז ער האט געדענקט איהם מיטצונעה־מען אין ארץ ישראל. האט פאסירט אז ביי׳ם „של״ה״ האט מען גע׳גנב׳עט דאס גאנצע געלט וואס ער האט געהאט אנגע־גרייט אלס רייזע קאסטען. די רעגירונג האט גענומען אונטער־זוכען דיזע גנבה און דער חשד איז געפאלען אויף דעם דאזיגען תלמיד וועלכער איז אויך באלד געשליידערט געווארען אין גע־פענגעניש. נאך דעם דאמאלסדיגען געזעץ האט דאס געריכט איהם געקענט פאראורטיילען צום טויט. נאר דורך די שטאר־קע שתדלנות פון „של״ה״ ביי דאס העכסטע קעניגליכע גע־ריכט, איז איהם געשאנקען געווארען זיין לעבען, נאר אלס שטראף זאל מען איהם אפשניידען איין אויער. דער דאזיגער אירטייל איז דורכגעפיהרט געווארען און דער תלמיד־משרת האט פארלאזען דעם רבי׳ן און איז אוועק אין די מזרח־לענדער.

דער „של״ה״ האט צוליב דיזען פאל געמוזט אפלעגען זיין רייזע און ווארטען ביז וואנען ער וועט קענען צוזאמען קלייבען די נויטיגע סומע אויף הוצאות. פיל יאהרען שפעטער ווען דער „של״ה הקדוש״ איז שוין געווען אין ארץ ישראל, האט ער באשלאסען צו אונטערנעהמען א רייזע אין די מזרח לענדער צו פאראינטערעסירען די אידען אין יענע מקומות אין דעם גורל פון די ארץ ישראל אידען, ער איז אנגעקומען אין קאנס־טאנטינאפאל עטליכע טעג בעפאר פסח, און איינער פון די וויכ־טיגסטע שטאט מנהיגים האט איהם איינגעלאדען צו זיך אין הויז, צו פארברייינגען דעם גאנצען פסח אלס זיין אנגענעהמער גאסט, גלייך נאך יום טוב ווען דער „של״ה״ האט זיך שוין געמאכט רייזע־פארטיג, האט איהם דער בעל הבית באלד פאר־שלאסען די טיהר, און דער „של״ה״ האט זיך געפונען אין א ליידיגען צימער, בלויז איין גרויסער מעסער איז געהאנגען

אויפ׳ן וואַנט. אַרונטערנעהמענדיג פון וואַנט דעם שאַרפען מעסער האָט דער ווירטה זיך געווענדעט צום „של״ה״ מיט די פאָלגענדע ווערטער: „געערטער רבי, לאָזט איבער אַ צוואָה פאַר אייער הויז־געזונט. איהר האָט שוין לאַנג פאַרדינט דעם טויט און אַצינד איז געקומען די צייט״. דער רב האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און גענומען בעטען פאַר זיין לעבען. עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפען און דער בעל הבית האָלט דעם מעסער און זאָגט איהם ער זאָל זיך אונטעראייַלען, נאָר דאָס איינציגע וועט ער איהם ערלויבען ער זאָל זאָגען ודוי פאַר זיין טויט. ווען דער „של״ה הקדוש״ האָט געענדיגט זאָגען וידוי און זיך מכין געווען צום טויט, האָט איהם דער בעל הבית אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט: „מיין ליבער רבי, דער־קענסטו ניט דעם מאַן וואָס שטעהט פאַר דיר? דאָס ביז איך דיין געטרייער תלמיד און משרת וועמען מען האָט אָפּגעשני־טען אַן אויער צוליב דיין שולד... אַצינד — האָט דער בעל הבית פאָרטגעזעצט — ביזטו אָבגעקומען, פאַר דיין זינד. דעם טויט־שרעק וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט וועט זיין די כפרה פאַר דעם טויט־שרעק וואָס איך האָב געהאַט אונשולדיגערהייט. און אַצינד אַז דו ביזט שוין אָפּגעקומען פאַר דיין זינד פאָהר צוריק קיין ארץ ישראל און איך וועל דיר באַזאָרגען מיט אַלעס וואָס דו האָסט נויטיג״.

אין אָנדענקען פון דיזע פּאַסירונג — פאַרענדיגט די דאָ־זיגע לעגענדע — האָט באַשלאָסען דער הייליגער ר׳ ישעיה הורביץ אָפּצודרוקען אַ פאַרטיגע וידוי. דיזע געדרוקטע וידוי געפינט זיך אין „שני לוחות הברית״ און ער אַליין איז דאַן געפאָהרען צוריק נאָך ארץ ישראל און שוין דאָרט פאַרבליבען ביז זיין לעצטען טאָג.

עס איז ניט וויכטיג וויפיל אמת עס ליגט אין דער דער־צעהלונג, עס אילוסטרירט אָבער דעם כאַראַקטער פון דעם „של״ה הקדוש״. אַ מאַן ווי ער האָט, נאָך דעם געזונטען פאָלקס באַגריף, ניט געטאָרט האָבען דעם מינדסטען פלעק אויף זיין נשמה, און צוליב דעם האָט ער געמוזט אָפּקומען דורך קערפּער־

ליכע שמערצען פאר יעדע עברה וואס ער האט אמאל באגאנ־
גען בעפאר ער איז געגאנגען נאך דאס הייליגע לאנד, אין דאס
לאנד פון די אבות האט זיין נשמה געמוזט קומען אויסגעליי־
טערט. אום דארט זיך צו באהעפטען אין דער קדושה נאך וועל־
כער זי האט געשטרעבט.

די צייט ווען דער „של"ה" האט פארלאזען אייראפא איז
געווען זעהר א שווערע פאר די אידען פון פראנקפורט אם־מאין.
איבערהויפט האבען אידען געהאט צו ליידען אין פראג, אין
וויען און אין פראנקפורט, די דריי גרעסטע אידישע קהלות
וואו דער „של"ה" איז געוועזן רב אין פארשידענע צייטען.
אין פראנקפורט האט צו יענער צייט אויסגעבראכען דער היס־
טארישער פאגראם וואס איז געווען אנגעפירט ביי דעם צורר
ווינצענט פעטטמילך. דיזער פאגראם וואס איז פארגעקומען
אין יאהר שע"ד (1614) איז פאראייביגט געווארען אין דער
אידישער געשיכטע אונטער דעם נאמען „פורים ווינץ" וועל־
כען די פראנקפורטער אידען האבען געפייערט דעם צוואנציגס־
טען טאג אין אדר, א ספעציעלע מגלה באקאנט אלס „מגילת
ווינץ" באשרייבט גענוי דיזע טרויעריגע פאסירונג.

אין יענער צייט האט אויך אויסגעבראכען די „דרייסיג
יעהריגע קריג" און די לאגע פון די אידען אין די דאזיגע שטעט
איז געווארען וואס ווייטער אלץ ערגער. אין „של"ה" געפינט
זיך א שיר געשריבען פון מחבר אליין וועלכער גיט איבער אין
קלארע שטריכען די אלגעמיינע אידישע לאגע פון יענער צייט,
און צוליב דער היסטארישער וויכטיגקייט פון דיזען שיר גי־
בען מיר עס איבער דא, אין „של"ה'ס" אריגינעלע שפראך:

אין יובל, בלא הרבות אבל;
אין שמטה, בלא ירידת מטה מטה
אין שנה בלא ראש ולענה;
אין תקופה בלא מכה, ואין תרופה,
אין חדש, בלא תמורת קודש;
אין שבוע, בלא קול תרועה;
אין יום, בלא רתת ואיום;

אין לילה בלא יללה,
אין שעה, בלא רעה;
אין רגע בלא פגע.
כל הצלחה, לצוחה;
כל שמחה לאנחה,
כל גילה ליללה;
כל ממשלה לשפלה.

דיזער שיר וואס געפינט זיך אין „של״ה״ פרק דרך חיים תוכחות מוסר, גיט אונז א גענויען באגריף פון דער אידישער לאגע אין די לענדער וואו די דרייסיג יעהריגע קריג האט גע־הערשט, און וועהרענד פון אייראפא האט אפגעקלונגען דער אידישער וועה־געשריי, האט דאגעגען זיך געהערט א שטימע פון טרייסט און האפנונג פון ארץ ישראל בפרט און פון טער־קיי בכלל, אלס קאנטראסט צו דעם „של״ה״ס טיפען זיפץ וועגען דער אידישער לאגע אין אייראפא, וועלען מיר ציטירען די טרייסט־ווערטער פון אידישע שרייבער וואס האבען צו יענער צייט געלעבט אין אריענט.

ר׳ יוסף קארו, שרייבענדיג אין זעכצענטען יאהרהונדערט וועגען דער שטאט צפת, מאכט די פאלגענדע כאראקטעריס־טישע באמערקונג:

„נאך גענויע פופצעהן הונדערט יאהר זייענדיג אין גלות און ליידענדיג פארפאלגונג, האט גאט זיך ענדליך דערמאנט אן דעם בונד וואס ער האט געמאכט מיט די אבות, און האט צוריק געבראכט זיין פאלק פון געפאנגענשאפט אחד מעיר ושנים ממשפחה. פון אלע ווינקעלאך פון ערד־קוגעל האט ער זיי צוריק געבראכט אין דעם לאנד פון אונזער שטאלץ, און האט זיי באזעצט אין צפת, די געווינשטע פון אלע לענדער״.

א צווייטער שרייבער, ר׳ שמואל די אושקו, אין זיין ספר „תנחומות ישראל״ געהט נאך ווייטער אין זיין לויב־געזאנג, און ער זאגט: „גרויסע טערקיי... אין דיזער נייער מעכטיגער לאנד ווערען זיך עפענען פאר דיר, ישראל, די טויערען פון רחמנות און ווערען זיך קיינמאל פארשליסען. די טויערען פון

פרייהייט, ערלעזונג און ישועה. דא וועסטו געפינען געננג קרעפטען ארויסטערצואווארפען פון זיך דיינע פארשמוצטע קליידער; ארונטערוווארפען פון זיך די פרעמדע געטער און פרעמדע מנהגים וואס דו האסט געמוזט אפהיטען אין די לענ־דער פון א בלוטיגען פיינד. דא וועסטו באנייען דיין יוגענד און וועסט זיך אומקעהרען צו דיין תורה״. א. אז. וו.

צו דער דאזיגער צייט האט זיך אויך געהאט פארשפרייט אין אייראפע דער אפקלאנג פון דון יוסף הנשיא׳ס פאליטישען גלאנץ. ווי באוואוסט האט אין זעכצעטען יאהרהונדערט דער דוכוס פון נאקסאס, ריכטיגער, דון יוסף הנשיא, דער ליבלינג פון סולטאן סעלים און זיין פאטער סוליימאן, ארויסגעלאזען אן אויפרוף צו דאס אידישע פאלק צו קומען נאך ארץ ישראל און העלפען מאכען טבריה אלס צענטער פון דער זייד־און וואהל־אינדוסטריע.

אין קורצען, וועהרענד אין דייטשלאנד און אנדערע לענ־דער, איז די אידישע לאגע געווארען וואס ווייטער אלץ טרויע־ריגער, האט דאגעגען אין טערקיי די אידישע לאגע זיך אזוי פיל פארבעסערט אז אין געוויסע קרייזען האט מען געזעהן אין דעם אן אנפאנג פון דער אידישער „גאולה״.

ר׳ ישעיה הלוי הורביץ, זייענדיג רב איז אהן צווייפעל געווען גוט באקאנט מיט דער אידישער פאליטישער לאגע פון זיין צייט, און וואס איז נאך מעהר ווי נאטירליך, אז עס האט איהם געצויגען צו דאס לאנד פון די אבות וואו אויף דעם פא־ליטישען אידישען הימעל האבען זיך באוויזען ליכטיגע שטרא־לען.

ארץ ישראל׳ס גייסטיגע און מאטעריעלע אויפלעבונג האט מאגנעטיש געצויגען זיין סענטימענטאלע נשמה.

## צווייטער קאפיטעל

דער היינטיגער מענש קען זיך קוים מאכען א באגריף וועגען א רייזע נאך ארץ ישראל מיט דריי הונדערט יאהר

צוריק. אזא רייזע, אין קורצע ווערטער, האט געמיינט ריזיקירען דעם לעבען, אדער זיך אפזאגען פון אלע לעבענס־באקוועמליכקייטען אין דער צייט וואס אזא רייזע האט באדארפט געדויערען. מאנאטען לאנג, און מאנכעס מאל יאהרען לאנג, האט דער רייזענדער זיך באדארפט שלעפען אויף א צובראכענעם ארימען וואגען, און אויף שלעכטע אונגלייכע וועגען, באלאגערט מיט אלערליי רויבער און ארגאניזירטע באנדעס, און אויף זעגעל־שיפלאך וואס האבען געמוזט ווארטען מאנכעס מאל פאר א לענגערע צייט אויף א גינסטיגען ווינט. ר׳ עובדיה מברטינורה, וועלכער האט אונטערנומען א רייזע נאך ארץ ישראל אין יאהר 1489, האט פארלאזען איטאליען אין זומער און געקומען אין ארץ ישראל א יאהר און א האלב שפעטער.

די אלע קערפערליכע ליידען האבען אבער ניט צוריקגעהאלטען אונזערע זיידעס, די אמאליגע חלוצים, פון פאהרען אין ארץ ישראל. מיט א מסירת נפש וואס איהר גלייכען איז שווער צו געפינען אין די היינטיגע פיאנערען. פלעגען אט די אלט־יונגע חלוצים זיך אוועקלאזען אין א״י, וועלענדיג געפינען אין איהר בוזעם זייער לעצטע רוה. אונזערע זיידעס זיינען געפירט געווארען פון א רעליגיעזען עקסטאז וועלכער האט זיך ניט גערעכענט מיט מאטעריעלע אונאנגענעמליכקייטען, און האבען מקבל באהבה געווען די אפקומענישען פון א נסיעה אין ארץ ישראל מיט דעם איינציגען וואונש דארט אויסצולעבען זייערע לעצטע יאהרען, ווייל זיי האבען געגלויבט באמונה שלמה, אז „דער וואס איז באגראבען אין ארץ ישראל איז אקוראט ווי ער וואלט געווען באגראבען אונטער׳ן מזבח״ (כתובות קי״א). אונזערע וואנדערענדע זיידעס זיינען געווען איבערצייגט אז אין ארץ ישראל וועלען זיי פטר׳ן „חבוט הקבר״ און ווען משיח וועט קומען וועלען זיי זיין די ערשטע אויפצושטעהן תחית המתים.

די דאזיגע פילגרימס זיינען געפאהרען שטארבען אין ארץ ישראל. זיי האבען אבער צו דער זעלבער צייט אויפגעהאלטען די לאנגע היסטארישע קייט וואס ציהט זיך פון דעם ערשטען

אידען, אברהם, ביז צו היינטיגען טאג. דער דאזיגער ציוניזם פון אונזערע זיידעס איז פילייכט געווען א טויט־ציוניזם, אבער א דאנק דעם דאזיגען ציוניזם האבען מיר היינט א ציוניזם פון לעבען. דעם „של״ה הקדוש׳ס״ וואונש זיך צו באזעצען אין דאס הייליגע לאנד, איז פאר אונז באזונדערס אינטערעסאנט. וועהרענד די מעהרסטע פילגרימס אין זיין צייט זיינען גע פאהרען בלויז זיך באפרייען פון „חבוט הקבר״, האט דאגעגען ר׳ ישעיה הלוי הורביץ מיט זיין קומען אין ארץ ישראל באצוועקט, הויפטזעכליך, צו פארגרעסערען און פארשטארקע־רען דעם אשכנזי׳שען אידישען ישוב. ער האט ערנסט געהאפט אז איהם וועט געלינגען צו באוועגען פילע אשכנזי׳שע אידען צו קומען אין ארץ ישראל און דערמיט העלפען אויפבויען א שטארקע אשכנזי׳שע קהלה.

אין דער הקדמה צום „של״ה״ דערצעהלט זיין זוהן ר׳ שעפטעל, אז זיין פעסטער גלויבען אין דער פארגרעסערונג פון דעם אידישען קבוץ אין ירושלים, האט געבראכט דערצו אז ער האט זוכה געווען צו ווערען „מרא דארעא דישראל״, דער ערשטער אשכנזי׳שער רב און פארשטעהער פון דאס ארץ ישראל אידענטום.

דעם „של״ה׳ס אנקומען אין ארץ ישראל האט אריינגע־בראכט א שטראם נייע לעבען צווישען די דארטיגע אידען. ביז זיין צייט האבען די ספרדים געהאט דעם גאנצען איינפלוס איבער׳ן געזעלשאפטליכען לעבען. זייער קהלה איז געוואקסען פון טאג צו טאג צוליב דעם גרויסען צאל ספרדישע אידען וואס האבען איינגעוואנדערט, און צוזאמען מיט די פארבעסערטע מאטעריעלע לאגע איז אויך געוואקסען זייער מאראלישער איינפלוס. די אשכנזים האבען זיך אויך געמעהרט אין צאהל, און ווי א שרייבער פון יענער צייט גיט איבער איז די צאהל אשכנזים אין ירושלים געווען „דאפעלט ווי זייער צאהל אין צפת״. זייער מאטעריעלע לאגע איז אויך געווען א צופרידענ־שטעלענדע ווי עס איז צו זעהן פון דעם „של״ה׳ס א בריף וואס ער האט געשיקט צו זיינע קינדער אין חוץ לארץ וואו ער

דריקט זיך אויס: „לאזט וויסען צו יעדען וואס האט חשק צו פאהרען אין ארץ ישראל, אז ער זאל זיך באזעצען נאר אין ירושלים ווייל דארט איז פון אלעם גוטעם, עס פעלט קיין זאך ניט״.

עס האט נאר געפעלט די מאראלישע קראפט וואס זאל צוזאמענברענגען און פארבינדען די אכשנזי׳שע אידען אין עטוואס גאנצעס. און דאס האט ארייגעבראכט דעם „של״ה״ס״ קומען אין ירושלים. ער האט זיך באלד גענומען ארגאניזירען די אשכנזי׳שע געמיינדע וועלכע האט גענומען וואקסען אין צאהל און אין איינפלוס. ער האט אויך פארשאפט הארמאנישע באציהונגען צווישען די אשכנזי׳שע און ספרד׳ישע געמיינדעס אום געמיינשאפטליך צו העלפען אויפבויען און ענטוויקלען דעם אידישען ישוב אין דאס הייליגע לאנד. אויסער זיין ארבייט אויפ׳ן מאטעריעלען געביט האט ער אויך פיל געהאלפען אין רעגולירען דעם סדר הלימוד וואס האט דאן געהערשט אין ירושלים. אין דער ישיבה וואס ער האט געגרינדעט האט ער סיסטעמאטיזירט דעם לערנען נאך געוויסע לאגישע מעטאדען וועלכע האבען צוגעצויגען אויך פילע פון די ספרדישע תלמידי חכמים וואס פלעגען קומען הערען זיינע שיעורים.

דער „של״ה״, ווי ער אליין דערצעהלט, האט געהאט א גליקליכע רייזע. „היה ה׳ אתי בים וביבשה אין שטן ואין פגע רע״ — אויפ׳ן ים און אויף דער יבשה האט ער קיינע שטערונגען געהאט. פארענדיג מיט דער שיף צו טריפאלי האט ער געפונען „לייטזעליגקייט אין די אויגען פון קאפיטאן״, אויף אזוי פיעל אז ער האט איהם אפגעגעבען „א באזונדערען צימער צו דאווענען און לערנען״. עטליכע טעג פאר סוכות שפ״ב (1622) איז ער אנגעקומען אין ארם־צובה (חלב). און האט זיך דארט אויפגעהאלטען עטליכע וואכען. די דארטיגע אידען האבען איהם צוגעטיילט פיל כבוד אויף אזוי פיל אז ער האט געמיינט אז ער געפינט זיך ווידער אויפ׳ן רבנות שטול פון פראג. אין דיזע עטליכע וואכען פלעגט ער אויף זייער פארלאנג זיי לערנען תורה. און גערעדט האט ער מיט זיי נאר אין לשון הקודש.

„לשון קודש'' נאכ'ן של''ה, איז די שפראַך אין וועלכע די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און אין וועלכע „תורה, חכמה און אַלעס וואָס איז הייליג איז געזאָגט געוואָרן''''. לשון קודש שטעהט ביי איהם אויף „דער זעלבער מעלה ווי ארץ ישראל'', די זעלבע מאָס קדושה ליגט אויףביידע.

אין דמשק האָט דער של''ה אנגעטראָפען אַ „עיר ואם בישראל, עיר גדולה לאלהים''. אויך דאָרט האָט ער געקראָגען צוגעטיילט דעם זעלבען כבוד ווי אין ארם צובה. זייענדיג אין דמשק זיינען געקומען צוויי חשוב'ע אידען פון צפת און גע־זוכט אויף איהם צו ווירקען ער זאָל זיך באַזעצען אין זייער שטאָט. צפת, ווי באַקאַנט, איז דאַן געווען דער צענטער פון קבלה, און צווישען די בעלי קבלה איז געווען אַנגענומען דער גלויבען אז צפת איז הייליגער ווי גאַנץ ארץ ישראל, אָבער ר' ישעיה הורביץ האָט די שלוחים געזאָגט אַז זיין האַרץ ציהט איהם צו ירושלים. אויף זיין וועג פון דמשק צו צפת איז איהם שוין געקומען אַנטקעגען אַ ספּעציעלער שליח פון ירושלים, איינער פון ירושלים'ס חשוב'סטע בעלי בתים, און איהם אי־בערגעגעבען א גרויסע מגלה אין נאָמען פון ירושלים'ער איינ־וואוינער. אין היזען בריוו לאָזען איהם די ירושלים'ער וויסען אַז זיי האָבען באַשלאָסען איהם אויפצונעמען אַלס הויפּט רב און ראש ישיבה אין ירושלים, ביז וואַנען משיח וועט קומען. דער שליח האָט אויך געהאַט די פולמאַכט איהם צו געבען שכירות וויפיל ער וועט אַליין וועלען. אָבער אין איינקלאַנג מיט דעם „של''ה'ס'' כאַראַקטעריסטיק, ווי די לעזער ווייסען שוין פון פאַריגען קאַפּיטעל, האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגע־זאָגט פון נעמען געלט פאַר רבנות, בלויז אויף דעם איז ער איינגעגאַנגען אַז די ירושלים'ער קהלה זאָל איהם פאַרשאַפען אַ „באַקוועמע און חשוב'ע וואוינונג.''

פאַרבייגעהענדיג איז ווערט צו באַמערקען, אַז צו יענער צייט האָט צוליב די פאַרגרעסערטע איינוואַנדערונג זיך גע־שפּירט אַ גרויסער דוחק אויף וואוינונגען אין ירושלים. פונקט

ווי היינט, האט די דירה־געלט־פראגע פארנומען א וויכטיגען פלאץ אין דעם אידישען לעבען פון יענער פעריאדע.

מיטוואך, פרשה „אשר הנחני בדרך אמת" (חיי שרה), איז ער אנגעקומען אין צפת און געפאלען קושען איהרע שטיי־נער און ערד, ווי דער פסוק זאגט „כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו." די אלטע חורבות פון צפת, וועלכע ווי דער „של"ה" דענקט זיינען נאך „פון דער צייט פון חורבן", האבען אין איהם ערוועקט טרויעריגע מחשבות און ער האט אויסגע־רופען: „הה, ה' עד מתי לא תרחם את הרי יהודה!" דעם צווייטען טאג איז ער געגאנגען באזוכען אלע הייליגע קברים אין צפת און אומגעגענד. און נאכדעם ווי ער האט פארבראכט אייניגע טעג אין צפת איז ער אוועק צו ירושלים. אויפ'ן וועג האט ער באזוכט טבריה און שכם מיט דעם צוועק צו זעהן דעם קבר פון „יוסף הצדיק און יהושע בן נון". פרייטאג, פרשה „מה נורא המקום הזה", שפ"ב (1622) איז ער אנגע־קומען אין ירושלים.

* * *

ארום דריי יאהר האט דער „של"ה" פארבראכט אין ירושלים אלס דער אנערקענטער ערשטער רב פון די אשכנזישע אידען אין ירושלים. אין די דריי יאהר האט די אידישע באפעל־קערונג פראגרעס־רט אויף אזוי פיל, אז דער „של"ה" האט אין דער דאזיגער אויפלעבונג געזעהן סימנים פון דער קומענ־דער גאולה. דער „של"ה" פון זיין זייט האט פיל בייגעטראגען צו דער מאראלישער ערוואכונג פון די ירושלים'ער אידען. מיט זיין תורה און חכמה האט ער געווירקט אויף אלעמען. די פא־ליטישע לאגע אין די דריי יאהר איז אויך געווען זעהר צופרי־דענשטעלענד פאר דער אידישער באפעלקערונג. אויף דעם דאמאלסדיגען פאשא האבען די אידען געזאגט, אז ער איז אן „אוהב ורודף צדק". דיזער פאשא איז געווען דער יעניגער וואס האט געלאזט אויף זיינע קאסטען בויען דעם בנין אויף רחל'ס קבר אויפ'ן וועג צו בית־לחם.

באלד אבער ווי דער דאזיגער מענשען־פריינדליכער פאשא איז ארפגעזעצט געווארען פון אמט איז געקומען א הערשער, וועלכער האט מיט די גרעסטע אכזריות פארפאלגט די אידי־שע באפעלקערונג. מיט דעם צוועק צו שאפען געלט, האט ער געלאזט ארעסטירען דעם הויפט רב פון ירושלים. דעם „של״ה״ מיט פופצעהן אנדערע רבנים, אשכנזים און ספרדים. דער פאשא האט זיך געפילט זיכער, אז די אידען אין חוץ לארץ וועלען ניט לאזען דעם גרויסען אידישען רב שמאכטען אין גע־פענגעניש, און וועלען איהם אויסלייזען אום יעדען פרייז.

דעם עלפטען טאג אין אלול שפ״ח (1625) איז דער „של״ה״ געבראכט געווארען אין געפענגעניש, און נאך א שטארקען שתדלנות מצד די ירושלים'ער אידישע פיהרער, איז זיי געלונגען איהם צו באפרייען פאר א סומע פון עלף טוי־זענט גרוש, אן אונגעהויער גרויסע סומע אין יענער צייט.

נאך די דאזיגע געשעהענישען, האט דער „של״ה״ זיך געפילט אונזיכער אין ירושלים. דער געלט־דורשטיגער פאשא האט ניט אויפגעהערט צו זוכען בלבולים אויף אידען, אום אויסצופרעסען געלט פון זיי. די דאזיגע אונזיכערקייט האט איהם באוואויגען צו פארלאזען ירושלים. ער איז דאן אוועק אין צפת, און שפעטער אין טבריה, וואו ער איז געבליבען וואוי־נען ביז זיין טויט. אין טבריה האט ער פארענדיגט זיין גרויסען ספר „שני לוחות הברית״. קורץ נאכדעם איז ער געשטארבען און איז באגראבען געווארען נעבען די קברים פון ר' יוחנן און פון רמב״ם.

# ר׳ נתן נטע האַנאָווער

היסטאָריקער פון די ת״ח ות״ט
פאָגראָמען. (1648—1649)

## זיין וואונדערליכע באַשרייבונג פון דעם לעבען אין פוילען מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק

ערשטער קאַפּיטעל

לעזענדיג ר׳ נתן נטע האַנאָווער׳ס באַשרייבונג פון די ת״ח ות״ט פּאָגראָמען, וועלכע ער האָט אַליין בייגעוואוינט, ווילט זיך קוים גלויבען אז דאָס לייענט מען אַ מעשה פון דריי הונדערט יאָהר צוריק. די באַשרייבונג פון ר׳ נתן נטע פּאַסט זיך פאַר אונזער צייט ניט ווייניגער ווי פאַר זיין צייט.

רעדענדיג וועגען די ת״ח ות״ט פּאָגראָמען, מוז מען זיך ניט ווילענדיג אָנשטויסען אין דעם „יון מצולה״ דאָס קליי־נע היסטאָרישע ווערק פון ר׳ נתן נטע האַנאָווער, יענע טרויע־ריג־באַרימטע יאָהרען פון ת״ח ות״ט, אויף וועלכע מיסטיקער באַהויפּטען, עס איז איבערגעגאַנגען די גזרה פון אחשורוש׳ן, ווייל דער וואָרט „ותכתוב אסתר״ האָט אַ גריסען „ת״, און דער וואָרט „חור״ האָט אַ גרויסען „ח״, צוזאַמען „ת״ח״ — אַלזאָ די מגילה האָט אָנגעוואונקען אז אין „ת״ „ח״ וועט קו־מען די גזרה וואָס המן האָט געוואָלט אויספיהרען אין זיין צייט געגען דאָס אידישע פאָלק — דיזע יאָהרען זיינען פון דאָס ניי דערפרישט געוואָרען נאָך די סצענעס וועלכע מיר האָבען בייגעוואוינט מצד די אייניקלאָך פון די כמעלניצקי׳ס און קריוואָנאָסעס.

דער „יון מצולה״ פאַרדינט מען זאָל זיך אָפּשטעלען אויף דעם אַלס אַזאַ אינטערעסאַנט ווערק אין דער אידישער ליטעראַ־

טור געשיכטע. עס איז אַ ווערק קליין אין כמות, עס איז אָבער דער אָנפאַנג פון דער פּאַגראַמען ליטעראַטור ביי די אידען.

שרייבענדיק איבער יענער טרויעריגער פּעריאָדע, האָב איך פאַר זיך דריי פאַרשידענע אָריגינעלע קוועלען, פון מענשען וועלכע האָבען געלעבט אין יענער צייט און האָבען מיטגעמאַכט די אַלע אומגליקען וואָס האָבען זיך דאַן אַרונטערגעלאָזען אויף די אידישע קהלות.

דיזע דריי היסטאָרישע עדות זיינען: די „מגלת עיפה״ פון ש״ך. דער „צער בת רבים״ פון הר׳ אברהם בהר״ר שמואל אשכנזי, און דער „יון מצולה״ פון ר׳ נתן נטע האַנאָווער. די „מגלת עיפה״ פון ש״ך איז אַ קורצע באַשרייבונג ווי דער נאָמען דייטעט אַן אַ „פליהענד בלאַט״. דער ש״ך האָט וואַרשיינליך פליהענדיג פון ווילנא, פאַרצייכענט אין קורצע ווערטער די פּאַסירונגען פון זיין צייט, די שפּראַך איז קלאָר און קורץ אָבער צו קליין אום צו זיין פון היסטאָרישען ווערט. צוווישען אַנדערעס, זאָגט דער ש״ך, אַז אין די דאָזיגע צוויי יאָהר זיינען אומגעקומען איבער אַ הונדערט טויזענד אידישע נפשות, א חוץ וואָס אַ סך זיינען אומגעקומען פון הונגער, דורשט, און אַנדערע אומגליקספאַלען. צום שלוס באַמערקט דער ש״ך אַז: „שנת ת״ח אשר חשבתי בזאת יבוא אהרן אל הקודש לפני ולפנים נהפך כנורי לאבל ושמחתי ליגונים״ (אין דעם יאָהר אויף וועלכען מיר האָבען געהאָפט אַז עס וועט פאַרווירקליכט ווערען די אידישע האָפנונג אויף א כהן גדול מיט א קדשי קדשים, איז אונזער שמחה פאַרשטערט געוואָרען און אונזער פרייד האָט זיך געענדיגט אין טרויער״).

דאַ איז ווערט צו באַמערקען אַז צו יענער צייט האָט מען געגלויבט אַז אין יאָהר ת״ח וועט קומען משיח, ווייל אַזוי זאָגט דער זוהר אין פרשת תולדות. „דבאלף שתיתאי לזמן ארבע מאות ותמניא שנין יהיו קימין כל דיירי עפרין בקיומהון, והיינו דכתיב בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו..׳ (אין 6טען טויזענד אין דער צייט פון פיר הונדערט און אַכטען יאָהר וועט פאַרקומען תחית המתים, און דאָס מיינט דער פסוק אַז אין דעם

דאזיגען יאהר פון יובל — „ה'ז'א'ת , טרעפט אן פינף טויזענט פיר הונדערט און אכט, ווייל דער „ה" באשטעהט פאר פינף טויזענט — אלזא, אין דעם יאהר ת"ח (1648) וועט קומען משיח, און יעדער איד וועט קומען צו דאס זייניגע. דיזע דייטליכע אנדייטונג פון זוהר איז געווען גענוג צו באאיינפלוסען די קלאהרסטע מוחות פון יענער צייט, און דער געניאלער ר' שבתי כהן, איז ניט געווען קיין אויסנאם.

דער „צער בת רבים" אין וועלכען דער מחבר קאפירט דעם סטיל פון „איכה ישבה" איז מעהר מליצה ווי היסטאריע. אין דער מליצה פון דעם אונשטערבליכען ירמיה גיט איבער ר' אברהם בן שמואל אשכנז די פארשידענע טרויעריגע פאסירונגען פון יענע יאהרען. צווישען אנדערעס באמערקט ער:

„זכור ה' מה היה לנו,<br>ירמיה ושאר נביאים הוכיחו אותנו<br>איך פשענו ומרינו,<br>וחרבה ירושלים ובית מקדשנו.<br>אבל זה החורבן היה גדול ממנו<br>ז' מאות ומ"ד קהלות נחרבו בעוונינו<br>כאשר נרשמו בפנקס ראשי מדינתינו".

זיבען הונדערט און פיר און פערציג אידישע קהלות זיינען דאן חרוב געווארען, לויט דער באהויפטונג פון דעם מחבר פון „צער בת רבים". ליידער ווערען די פאר היסטארישע פאקטען אין דיזער ווערק פארלארען אין א ים מליצה. דעם מחבר'ס צוועק איז געווען צו מאכען א מאדערנע סליחה צוגעפאסט צו די אומשטענדען פון זיין צייט.

די היסטארישע זייט האט איהם ניט אינטערעסירט.

דערפאר אברע צייכענט זיך אויס דער „יון מצולה" מיט זיין היסטארישער פינקטליכקייט. ניט אומזיסט זאגט וועגען איהם שפ"ר אין „דברי ימי ישראל" אז צווישען אלע היסטארישע ספרים פון יענער טרויעריגער תקופה איז דער „יון מצולה" דער וויכטיגסטער, ווייל ער איז געשריבען מיט טעם און מיט גענויע באקאנטשאפט פון אלע פאליטישע ענטוויקלונ-

גען. דער מחבר — זאגט שפ״ר — ווייזט ארויס א מערקוויר־דיגע באקאנטשאפט אין דער געשיכטע פון די פרעמדע נאציא־נען. מיט זיין שארפען היסטארישען חוש אנאליזירט ער אויף א העכסט לאגישען אופן די אורזאכען וואס האבען ארויסגערו־פען דעם אויפשטאנד פון די קאזאקען. ער איז דער איינציגער צווישען די היסטאריקער פון יענער פעריאדע וועלכער האט אין קלארע דייטליכע ווערטער איבערגעגעבען פאר דער צוקונפט די טרויעריגע געשעהענישען פון יענער צייט.

דער „יון מצולה״ הויבט אן פון יאהר 1585 ווען איבער פוילען האט געקעניגט זיגמונד דער קעניג פון שוועדען. דער דאזיגער קעניג האט געזוכט צו פארשפרייטען דעם קאטאליציזם אין פוילען און אונטער זיין איינפלוס זיינען די פראוואסלאווען פון גריכיש־קאטוילישען גלויבען דער־נידעריגט געווארען אויף אזוי פיל אז זיי זיינען פאר־שקלאפט געווארען אפילו צו די נידעריגסטע פון דעם קעניג׳ס אונטערטאנען. (כל כך היו נדכאים עד שכמעט כל האומות ואפילו הירודים בין כל האומות היו מושלים בהם״.)

מיט דיזע ווערטער וויל דער „יון מצולה״ ערקלעהרען די ענטשטעהונג פון דער אונצופרידענהייט צווישען די קאזא־קען. מען זעהט בולט אז ר׳ נתן נטע האנאווער, וועמעס הארץ האט געבלוטיגט פאר די אידישע צרות, האט געהאט גענוג גלייכגעוויכט אין זיך צו אורטיילען אומפארטייאיש וועגען די אורזאכען פון די פאגראמען, און מען קען זאגען אז אין א געוויסען גראד האט ער סימפאטיזירט מיט די אונטערדריקטע קאזאקען וועלכע האבען געזוכט זיך צו באפרייען פון זייערע אונטערדריקער.

ווען זיגמונד איז געשטארבען אין יאהר 1631 איז זיין זוהן וולאדיסלאוו ארויף אויפ׳ן טראן. אין יאהר 1639 האבען די קאזאקען אונטער דער פיהרערשאפט פון פאוולוק ווידער רעוואלטירט. די רעוואלוציע איז אונטערדריקט געווארען און פאוולוק מיט זיינע ראטגעבער זיינען אומגעבראכט געווארען

אונטער דער שרעקליכסטער מאטערניש. נאך דיזען דורכפאל פון די קאזאקען, האט מען זיי גענומען נאך מעהר אונטערדריקען אום צו דערשטיקען אין זיי דעם רעבעלירענדען גייסט, אבער ווי דער ,,יון מצולה׳׳ דריקט זיך אויס: ,,דאס אלעס האט ניט געהאלפען און דערפון איז שפעטער ארויס דער מאדנער ספעקטאקעל׳׳ (וכל זאת לא הועיל, ויצא העגל הזה).

פון דער אכזריות׳דיגער באנעמונג געגען די פארשקלאפטע קאזאקען איז שפעטער ארויסגעקומען אין יאהר ת״ח די בלוטיגע דראמע. די פארשטארקטע רעפרעסיע געגען די קאזאקען אין די ניין יאהר פון 1639 ביז 1648 איז געווען די אמת׳ע סיבה פון דעם קאזאקען אויפשטאנד און פון די בלוטיגע פאגראמען געגען אידען.

ר׳ נתן נטע האט זיך צו יענער צייט געפונען אין זאסלאוו און ער דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען ווי ער מיט זיין גאנצע פאמיליע, זיינען אנטלאפען נאך מעזעריטש, שפעטער זיינען די קאזאקען אנגעקומען אין זאסלאוו און האבען אויסגע׳הרג׳עט אלע וואס האבען ניט באוויזען זיך צו ראטעווען אין דער צייט. אין איינפאכע ווערטער, דערצעלהט ער, אז די אידען האבען גע׳פועלט אז מען זאל זיי לאזען געהן צום בית עולם, איידער מען הרג׳עט זיי, כדי זיי זאלען קומען צו קבר ישראל. זייער בקשה איז דערפילט געווארען — צום ערשטען האט מען זיי געטויטעט און נאכער פארברענט, און די גלחים וואס זיינען דאן געווען אין זאסלאוו, האבען אראפגעשלעפט די הויט פון זייער פלייש ווען זיי האבען נאך געלעבט.

מיר דערמאנען דעם דאזיגען אינצידענט בלויז צו ווייזען אז ר׳ נתן נטע האט בייגעוואוינט די סצענעס וואס ער באשרייבט. אזוי לייענט זיך דער ״יון מצולה׳׳ ווי א שטיק געשיכטע פון אונזער צייט. די זעלבע שוידערליכע אונמענשליכע רציחות, די זעלבע היידאמאקעס, די זעלבע שטעט, און כמעט די זעלבע פאררעטערישע מעטאדען, וואס די מערדער האבען באנוצט געגען זייערע קרבנות.

ר׳ נתן נטע האנאווער פארפעלט אויך ניט צו דערצעהלען

וועגן דעם עקאנאמישן חורבן וואס די פאגראמען האבן פאראורזאכט, און וועגן די פילע פאמיליע טראגעדיעס וואס זיינען באשאפען געווארען אלס רעזולטאט פון דעם. כאראקטעריסטיש איז זיין ערקלערונג וועגן דעם טרויעריגן עקאנאמישן צושטאנד. אין דיזען הינזיכט זאגט ער: „דאס ארימע אוקראאינישע פאלק (בני היונים) איז אין די צענדליגער טויזענדער געשטארבען פון הונגער. די קאזאקען מיט די טאר־טארען האבן בארויבט זייער גאנץ האב און גוטס, און זיי געהן אצינד אויס פון הונגער. די רייכערע פון זיי זיינען אנטלאפען אויף דער אנדער זייט פון דניעפער, און די וואס זיינען געבליבען, באהאלטען זייער אייגענטום אין דער ערד און גיבען זיך ארויס אלס ארימע לייט. די פארארימטע אידען זיינען דעריבער די יעניגע ביי וועמען די רעגירונג מיט די פריצים רייסען שווערע צינזען. א חוץ דעם פאדערט מען ביי אידען די קאסטען אויפצוהאלטען די סאלדאטען, צוליב דעם זיינען אידען אזוי פארארימט אז זיי האבען ניט אפילו אויף די צינזען צו צאהלען, און דער דלות שטארקט זיך”.

די דאזיגע אפשאצונג פון דעם עקאנאמישן צוזאמענברוך איז זיין צייט, ווייזט אן דייטליך אז ר׳ נתן האנאווער, האט גענוי פארשטאנען די סיבות פון דעם פענאמען וואס ער באשרייבט.

ענדיגענדיג מיט דעם עקאנאמישן קריזיס הויבט ער אן מיט א באשרייבונג פון דעם מאראלישן חורבן וואס די פאגראמען האבען פאראורזאכט. און ער זאגט: „צו יענער צייט האט דער פוילישער קעניג ארויסגעגעבן א באפעל אז ווער עס האט זיך גע׳שמד׳ט געצוואונגענערהייט, מעג זיך אומקעהרען צו זיין גלויבען. אלע אנוסים זיינען צוליב דעם צוריק געווארען אידען און האבען געוואוינט צווישען אידען ווי בעפאר. זיי זיינען געווארען עפענטליכע אידען. אידישע פרויען וועלכע האבען געמוזט הייראטען קאזאקען זיינען אנטלאפען פון זייערע מענער און זיך אומגעקערט צווישן אידען. אזוי זיינען פילע אנוסים צוריק געווארען אידען. אין די ערטער וואו עס זיינען

פארגעקומען הריגות געגען אידען זיינען געבליבען הונדערטער קינדער יתומים וועלכע האבען זיך גע'שמד'ט. די דאזיגע קינדער האט מען צוגענומען איבער געוואלד פון די גויים, און נאך א לאנגער אונטערזוכונג האט מען אויף יעדען קינד אנגעהאנגען אויפ'ן האלז א צעטעל זאגענדיג פון וועלכער משפחה ער שטאמט. און פילע אלמנות זיינען געבליבען עגונות צוליב דעם וואס זיי האבען באדארפט אנקומען צו חליצה צו א מאן וואס איז אוועק אין אן אנדער מדינה. די גאונים פון דעם „ועד ארבע ארצות'' האבען צוליב דעם באשאפען פילע נוצליכע תקנות''.

די פראבלעם פון די פאגראם־יתומים, די עגונות, און עהנליכע פראבלעמען וואס האבען באשעפטיגט די אידישע פי־רער פון יענער צייט, דאס זיינען דאך די זעלבע פראבלעמען פון אונזער צייט. און דער „יון מצולה'' איז ניט מעהר ווי דער אנפאנג פון דער בלוטיגער דריי הונדערט יאריגער דראמע וואס האט דערגרייכט איהר קלימאקס אין אונזער צייט.

## צווייטער קאפיטעל

דער אידישער לעבען אין פוילען פון בעפאר די ת''ח ות''ט יאהרען ווערט פינקטליך באשריבען אין „יון מצולה''. די אונגעקינסטעלטע באשרייבונג פון די דאמאלסדיגע ישיבות און צדקה אנשטאלטען מוז ארויסרופען די באוואונדערונג פון דעם הייגטיגען מאדערניזירטען לעזער. דער איד פון צוואנ־ציגסטען יאהרהונדערט לייענענדיג „יון מצולה'ס'' איינפאכע באשרייבונג פון דעם אידעאלען, ארגאניזירטען קהלה־לעבען פון דעם אידען אין זיבעצענטען יאהרהונדערט, מוז בויגען זיין קאפ אין טיפסטען רעספעקט. וואונדערבאר שעהן איז געווען דער גייסטיגער אידישער לעבען אין פוילען, ר' נתן נטע האנ־נאווער גראדע דורך זיינע איינפאכע פראזאאישע ווערטער, מאכט אויף אייך דעם טיפסטען איינדרוק, און עס מאכט אונז, אין דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט, זיך פילען קליין געגען אונזערע עלטערען פון דריי הונדערט יאהר צוריק.

זייער הויך איז געווען ענטוויקעלט דער אידישער געזעל־שאפטליכער לעבען אין פוילען בעפאר די טרויעריגע ת״ח ות״ט יאהרען. ר׳ נתן האט אין זיינע פאר בלעטלאך געשיכטע איבערגעלאזען א פאלקאם בילד פון זיין צייט, אזוי אז דער היינטיגער לעזער מיט א געפיל פאר אידישע הייליגקייטען, מוז עס לייענען אלס א שטיק ראמאנטישע היסטאריע, און א הייליגער ציטער מוז דורכגעהן זיין קערפער.

מיר וועלען לאזען ר׳ נתן נטע האנאווער רעדען פאר זיך אליין:

„אין פרקי אבות ווערט געזאגט — הויבט אן ר׳ נתן נטע — אז אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט: אויף תורה, אויף עבודה און אויף גמילות חסדים. ר׳ שמעון בן גמליאל זאגט, אויף דריי זאכען האלט זיך אויף די וועלט: אויף דין, אויף אמת און אויף שלום. אט די אלע זעקס עלעמענטען וואס האלטען אויף די וועלט האבען עקזיסטירט אין פוילען״.

„דער עלעמענט פון תורה: אויף באוואוסטע זאכען דארף מען קיין באווייזע ניט ווייל אין גאנצען אידישען גלות איז ניט געווען אזוי פיל תורה ווי אין דאס לאנד פוילן. אין יעדער אידישער קהלה האט מען אויסגעהאלטען ישיבות. און דעם ראש ישיבה פלעגט מען גוט באצאלען אום ער זאל קענען אומגעשטערט פון דאגות חיונה אנפירען זיין ישיבה. זיין תורה איז געווען זיין פראפעסיע. א גאנץ יאהר פלעגט דער ראש ישיבה ניט איבערטרעטען דעם שוועל פון זיין הויז צו געהן אין גאס. זיין איינציגער גאנג איז געווען פון בית המדרש אין שוהל און צוריק. טאג און נאכט איז ער געזעסען און געלערענט תורה. יעדע קהלה האט אויסגעהאלטען ישיבה בחורים וואס פלעגען באקומען א געוויסע סומע וועכענטליך זיי זאלען לערנען אונטער׳ן ראש ישיבה. יעדער בחור פלעגט מוזען האבען צוויי אינגלאך מיט וועלכע ער האט געלערענט גפ״ת (גמרא, פוסקים תוספות) אום ער זאל קענען איבערגעבען דאס וואס ער אליין לערענט, און שארפען זיין אייגענעם מוח. דיזע אינג־

לאך פלעגן אויך ווערן אויסגעהאלטען אויפ'ן חשבון פון קהל".

„א קהלה פון פופציג בעלי בתים פלעגט אויסהאלטען ניט ווייניגער ווי דרייסיג בחורים און אינגלאך, און יעדער בחור מיט זיינע צוויי אינגלאך, זיינען געווען ביי איין בעל הבית. דער בחור, הגם די קהלה האט איהם פארשאפט זיין חיונה, פלעגט ער פון דעסטוועגען עסען ביים בעל הבית ביי וועמען ער איז געוועזן אנערקענט אלס איינער פון זיינע אייגענע קינדער. און מאנכע בעלי בתים פלעגען אפילו דעם בחור'ס צוויי אינגלאך אויסהאלטען אויף זייער טיש. דרייסיג נפשות פלעגען אויסגעהאלטען ווערן מיט עסען און טריקטען א גאנץ יאהר ביי פופציג בעלי בתים".

„עס איז כמעט ניט געוועזן א הויז אין גאנץ פוילען אווו מען האט ניט געלערענט קיין תורה, ענטווידער דער בעל הבית אליין איז געווען א למדן, אדער דער זוהן אדער דער איידים האבען געלערענט, אדער איינער פון די ישיבה בחורים וואס האט געגעסען ביי זיין טיש און זעהר אפט פלעגען אלע צוזא־מען לערנען אין איין הויז. די פוילישע אידען האבען אפגעהיט אלע דריי זאכען וואס דער תלמוד רעכענט אויס אין „שבת", נעמליך, דער וואס האט מיטלייד מיט געלערענטע (רבנן) האט אליין קינדער געלערענטע; דער וואס רעספעקטירט געלערענטע, האט איידימס געלערענטע, און דער וואס האט עהרפורכט פאר געלערענטע ווערט ער אליין זיין א געלערענטער. צוליב דעם זיי־נען אין יעדע קהלה געווען פילע תלמידי חכמים".

„אין א קהלה פון פופציג בעלי בתים זיינען געווען גע־לערענטע וואס מען האט גערופען מיט דעם טיטול „מוריני" אדער מיט דעם טיטול „הבר". און דער ראש ישיבה איז געווען איבער אלעמען. אלע תלמידי חכמים פלעגען געהן צום ראש־ישיבה לערנען און זיינען געווען אונטערטעניג אונטער איהם. דער סדר הלימוד אין פוילען איז געווען אזוי: די בחורים מיט ד' אינגלאך פלעגן מוזען לערנען ביי'ם ראש ישיבה אין זומער פון ראש חדש אייר ביז דעם פופצענטען אב, און אין ווינטער

פון ראש חודש חשון ביז דעם פופצענטען שבט. פון דיזע צייט אן פלעגען די ישיבה לייט געהן לערנען אין יעדען אנדער ארט וואו זיי האבען געוואלט. פון אנפאנג חודש אייר ביז שבועות, און אין ווינטער פון אנפאנג חודש חשון ביז חנוכה, פלעגען אלע ישיבה לייט מוזען לערנען גמרא מיט רש״י און מיט תוספות מיט גרויס התמדה. יעדען טאג פלעגט געלערענט ווערען איין הלכה און א הלכה האט געמיינט איין עמוד גמרא מיט רש״י און תוספות. אלע וואס האבען געקענט לערנען, אדער די וואס האבען געהאט א געפיל פאר תורה פלעגען געהן אין דער ישיבה הערען דעם ,,שיעור״ פון ראש ישיבה. בלויז דער ראש ישיבה פלעגט זיצען, אלע אנדערע פלעגען שטעהן ארום איהם און הערען אויפמערקזאם צום ,,שיעור״. דאן פלעגט זיך אנפאנגען אן אלגעמיינע דיסקוסיע וואו יעדער האט געזוכט אריבערצושפארען דעם צווייטען. דיזע שפארעניש און רייסע־ניש צווישען די תלמידים פלעגט דער ראש ישיבה ענדליך אויס־גלייכען צו אלעמענס צופרידענהייט. ווערענד דיזע דיסקוסיעס פלעגען ארויסגעבראכט ווערען אלערליי קשיות, מיט סתירות, מיט חלוקים און פלפולים און דער ראש ישיבה פלעגט אלעמען מיט געדולד אויסהערען און אזוי ארום מאכען די באטרעפענדע הלכה קלאר פאר אלעמען, דער שיעור פלעגט זיך פארציהען ביז נאכמיטאג אין די זומער חדשים״.

,,פון שבועות ביז ראש השנה, אדער פון חנוכה ביז פסח, פלעגט דער ראש ישיבה זיך פארנעמען וועניגער מיט פלפול, און אנשטאט דעם פלעגט ער לערנען מיט זיינע תלמידי חכמים פוסקים, די ארבע טורים מיט די פארשידענע פירושים, און מיט די בחורים פלעגט ער לערנען אלפס אדער אנדערע ספרים. פון חנוכה ביז חמשה עשר בשבט, אדער פון שבועות ביז דעם צענטען אב, פלעגט מען נאך לערנען גמרא מיט רש״י און תוספות צווישען די אנדערע למודים, אבער פון דאן אן ביז ראש השנה אין זומער. און ביז פסח אין ווינטער, פלעגט מען לערנען נאר פוסקים און אנדערע ספרים.

עטליכע וואכען בעפאר דעם פופצענטען אב, אדער פופ־

צענטען שבט פלעגט דער ראש ישיבה מכבד זיין יעדען איינעם פון זיינע תלמידים, סיי די בחורים און סיי די שטאטישע בעלי הבתים אז זיי אליין זאלען זאגען „חילוקים" אנשטאט איהם. זיי פלעגען דאן זאגען תורה און דער ראש ישיבה פלעגט זיך צוהערען און מיט זיי פיהרען פלפולים, אום דורך דעם צו שארפען זייערע מוחות.

„יעדער ראש ישיבה האט געהאט א שמש וואס פלעגט געהן יעדען טאג איבער אלע חדרים און אכטונג געבען אז די קינדער, אי די ארימע און אין די רייכע זאלען פלייסיג לערנען און ניט ארומלויפען איבער די גאסען. יעדען דאנערשטאג האבען אלע קינדער געמוזט געהן צוזאמען צום גבאי וואס האט געהאט צו זאגען איבער די תלמוד תורה'ס, און איהם דערצעהלען וואס זיי האבען געלערענט אין דער וואך. דער גבאי פלעגט זיי דאן עקזאמינירען און דער אינגעל וואס האט גארניט געוואוסט דאס וואס ער האט געלערענט, אדער דער וואס האט געמאכט א טעות אין עפעס, פלעגט דאן דער שמש, אויפ'ן באפעל פון גבאי, דעם אינגעל גוט אנשמייסען און איהם אנטאן אנדערע גרויסע חרפות פאר אלעמען אין די אויגען, כדי ער זאל וויסען אז די קומענדע וואך דארף ער בעסער לערנען. און דאסגלייכען פלעגען יעדען פרייטאג געהן אלע קינדער צוזאמען צום ראש ישיבה און איהם באריכטען פון אלעס וואס זיי האבען געלערענט דורך דער וואך, דערמיט פלעגט מען איינגעוואוינען די קינדער צו לערנען אימער פלייסיג".

„אפילו אין די דריי טעג פאר שבועות, און אין די טעג פון חנוכה, האבען די בחורים מיט די אינגלאך געמוזט איבערחזר'ן דאס וואס זיי האבען דיזען זמן געלערענט, און דערפאר פלעגען זיי באקומען געלט־פרעזענטען פון די שטאטישע גבאים".

„אזוי איז געווען איינגעפירט פון חמשה עשר באב און חמשה עשר בשבט, נאכער פלעגט דער ראש ישיבה מיט אלע זיינע ישיבה לייט, בחורים און אינגלאך, פאהרען אויפ'ן „יאריד", זומען צייט אין זאסלאוו, אדער יאראסלאוו, און

ווינטער אויפ'ן „יאריד" אין לעמבערג אדער לובלין. דארטען האבען די ישיבה לייט געהאט דאס רעכט צו געהן לערנען אין יעדע ישיבה וואו זיי האבען געוואלט. אויף יעדען „יאריד" פלעגען זיך אויפקלייבען הונדערטער ראשי־ישיבות און טוי־זענדער בחורים און נאך מעהר אינגלאד".

„אידישע און ניט אידישע סוחרים פון דער גאנצער וועלט פלעגען קומען צו די יארידען. יעדער וואס האט געהאט א טאכ־טער אדער א זוהן צו פארהייראטען, פלעגט קומען צום „יא־ריד", און דארטען האט ער שוין געפונען דאס וואס ער האט געזוכט, אויף דיזע יארידען פלעגען אויסגעפירט ווערען שידוכים אין די הונדערטער, און מאנכע מאל אין די טויזענדער. אידישע מענער און פרויען פלעגען געהן אויסגעפוצט אין זייערע בעס־טע קליידער, ווייל מ'האט זיי זעהר הויך געשעצט אין די רעגי־רונגס־קרייזען ווי אויך צווישען די פרעמדע פעלקער. אידען זיינען דאן געווען זעהר גרויס אין צאהל, יעצט ליידער איז זייער צאל פיל פארקלענערט געווארען צוליב אונזערע זינד, ה' ירחם".

„דעם ראש ישיבה פלעגט מען צוטיילען דעם גרעסטען כבוד, רייך און ארים האבען געמוזט אויספאלגען זיין ווארט, און ניט געטארט זיך שטעלען געגען איהם. ער האט געהאט דאס רעכט שווער צו באשטראפען יעדען איינעם פאר סיי וועלכע עבירה. ער האט אויך געהאט די מאכט איינצופיהרען פארשידענע תקנות אום אפצוהיטען דעם עולם פון פארשידענע עבירות. זיין מאכט איז געווען אונבאגרעניצט, אבער פון דעסט־וועגען האבען אלע געליבט דעם ראש ישיבה, און ווער עס האט געהאט א פעטע הוהן, א געקארמעטע גאנז, אדער עפעס א גוטן פיש, פלעגט ער עס אימער אפשיקען צום ראש ישיבה. אויך גאלד, זילבער אדער געלט, פלעגט מען שיקען צום ראש ישיבה."

„אין שוהל פלעגט דער עולם קויפען די וויכטיגסטע „מצוה'ס" און דערמיט מכבד זיין דעם ראש ישיבה, שבת און דעם ערשטען טאג יום טוב האט דער ראש ישיבה געמוזט קרי־

גען „שלישי״, און אויב ער איז געווען אַ „כהן״ אדער אַ „לוי״ פלעגט ער מוזען קריגען דיזע „עליות״. קיינער האט ניט גע־טאַרט ארויסגעהן שבת אדער יום טוב פון שוהל בעפאר דעם ראש ישיבה. צום ערשטען פלעגט געהן דער ראש ישיבה נאָך איהם די ישיבה לייט, און ערשט דאַן דער גאַנצער קהל וועלכער פלעגט איהם באַגלייטען ביז צו זיין הויז. ימים טובים פלעגט דער גאנצער קהל מיטגעהן מיט איהם אין זיין הויז איהם צו באגריסען לכבוד יום טוב״.

„דאס האט געבראכט קנאה, און דעריבער פלעגען אלע תלמידי חכמים לערנען מיט דער גרעסטער התמדה, מיט דעם וואונש צו דערגרייכען צו דער געהויבענער מדרגה פון א ראש ישיבה, „מתוך שלא לשמה בא לשמה ומלאה כל הארץ דעה״ — ענדיגט ר׳ נתן נטע דעם קאַפּיטעל פון „עמוד התורה״.

### „עמוד העבודה״

„גלייך באַגינען בעפאר זון אויפגאנג פלעגען קומען די „חברה שומרים לבוקר״ אפריכטען „חצות״ און דאַווגען. באלד, נאָך זון־אויפגאנג פלעגט קומען „חברה תהלים״ און געזאגט תהלים אומגעפעהר אַ שעה צייט, פאר׳ן דאַווגען. עס האַט ניט פּאַסירט, חלילה, אז אַ מענש זאל פארשלאפען דעם דאַוונען, אדער זאל ניט קומען אין שוהל סיידען דורך אַן אומגליקספאַל. פון שוהל פלעגט קיינער ניט ארויסגעהן פאר זיינע געשעפטען ביז וואַנען ער האַט ניט געהערט עפּעס תורה, צו תנ״ך, צו משניות, אדער דינים, יעדער נאָך זיין הארץ׳ס באַגעהר, ווייל אין אלע שוהלען האבען עקזיסטירט חברה׳ס וואו בעלי בתים לומדים האבען געלערענט מיט׳ן עולם, יעדער אין זיין ספּע־ציאַליטעט״.

### „עמוד גמילות חסדים״

„גמילות חסדים אין פוילען האט ניט געהאַט קיין שיעור. אויב עס איז געקומען אַ וויכטיגער אורח אין שטאט, אַ תלמיד חכם אדער אַ מגיד, האַט ער געהאַט דאס רעכט צו פארפאַרען

גלייך צום פרנס פון דער קהלה, און זיך אויסקלייבען א וואוי־נונג ביי יעדען בעל הבית וואס איהם איז געפעלען געווען. דער גבאי מיט'ן „פרנס חודש" פלעגען נאכער דארפען באַ־שטימען וויפיל מען דארף דעם אורח געבען און דאס וואס זיי האבען באשטימט פלעגען זיי צושיקען דורכ'ן שמש אום ניט מבזה צו זיין א תלמיד חכם. דער חשוב'ער אורח האט געקענט זיך אויפהאלטען ביים בעל הבית ווי לאנג ער האט געוואלט. אנדערע אורחים פלעגען קריגען א צעטעל וואס האט געדינט אלס אן אנווייזונג צו א געוויסען בעל הבית אריינצו־נעמען און איהם פארשאפען, דעם אורח, מיט אלע באדערפני־שען פאר א צייט ניט ווייניגער ווי דריי טעג. און ווען דער אורח האט געוואלט ווייטער פאהרען פלעגט די קהלה איהם פארזארגען מיט א פוהר וואס האט איהם אפגעפירט צו דער צווייטער שטאט, און איהם אויך פארשאפט מיט די נויטיגע פראוויאנטען".

„אויב עס זיינען אנגעקומען פון ווייטע מקומות בחורים, אינגלאך, בעלי בתים אדער מיידלאך, פלעגט מען זיי באלד באקליידען ווי געהעריג. ווער עס האט געוואלט זיך לערנען א מלאכה פלעגט מען איהם אוועקגעבען צו א בעל מלאכה, און ווער עס האט געוואלט געהן דינען, האט מען איהם פארשאפט א פלאץ צום דינען, און ווער עס האט געוואלט לערנען, פלעגט מען דינגען פאר איהם א מלמד. ווען דיזער איז שפעטער גע־ווארען א לייטישער בחור פלעגט איהם א גביר צונעמען נאַ־כער פאר אן איידים, איהם געבענדיג א גוטען נדן מיט א גוטען אויסשטייער. נאך דער חתונה פלעגט דער שווער איהם שיקען לערנען אין איינע פון די גרויסע ישיבות אין א פרעמ־דער שטאט. נאכדעם ווי ער האט פארבראכט צוויי־דריי יאהר אין דער ישיבה האט ער זיך אומגעקערט אהיים און דער שווער פלעגט דאן עפענען א ישיבה פאר דעם איידים ביי זיך אין הויז אויף זיינע אייגענע קאסטען. גרויסע סומען געלט פלעגט דער שווער אויסגעבען אום צו צוציהען די שטאטישע לומדים זיי זאלען קומען אין זיין איידימס ישיבה, ביז מיט דער צייט

האָט ער דערלעבט נחת צו זעהן זיין איידים אלס א ראש ישיבה אין ערגעץ אָ קהלה״.

„ווען אָ געוויסער בחור האָט זיך איין זמן ניט באַזונ־דערס אויסגעצייכענט, נאָר אזוי לאַנג ווי ער האָט געהאַט א האַרץ צום לערנען און מ׳האָט געקאַנט האָפען אַז מיט דער צייט קען זיך עפּעס פון איהם ענטוויקלען, פלעגט זיך שוין אַפּזוכען ערגעץ א גביר וואָס האָט געהאַט א טאָכטער, און דיזער פלעגט איהם צונעמען און אויף זיינע קאָסטען איהם אָפּ־געבען צו גוטע מלמדים ביז עס איז אויסגעוואַקסען פון איהם אַ פיינע „כלי״ (עד שנעשה כלי מוכן) און דאַן פלעגט ער איהם פאַרהייראַטען צו זיין טאָכטער. קיין גרעסערער גמילות חסד ווי דער גיט ניט״.

„אויך וועגען אָרימע מיידלאָך זיינען געווען איינגעפירט זעהר גוטע תקנות אין דאָס גאַנצע לאַנד. עס האָט נאָך ניט פּאַסירט אז אַן אָרימע מיידעל זאָל האָבען דערגרייכט איהר אַכצענטען יאָהר און זאָל ניט זיין פאַרהייראַט. פילע פרויען צידקניות גיבען זיך אָפּ מיט דיזער מצוה״.

## „עמור הדין״

„דער פונדאַמענט פון גערעכטיגקייט און דין אין פוילען איז געווען אזוי ווי אין ירושלים פאַר׳ן חורבן. אין יעדער שטאָט איז געווען אָ בית דין, און איבער איהם איז געשטאַנען א הע־כערער בית דין וואָס האָט זיך געפונען אין דיזער פּראָווינץ. אין אָסטראָג (אוסטראהא) איז געווען דער בית דין וואָס האָט געהאַט צו זאָגען איבער גאַנץ וואָלין אין אוקראַאינע. אין לעמ־בערג האָט דער בית דין געהאַט צו זאָגען איבער דער גאַנצער מדינה. יעדע קהלה האָט געהאַט איהר אייגענעם בית דין וואָס איז געווען דער העכסטער אין זייער קרייז. ווען צוויי מנהיגים פון קהלות האָבען געהאַט אָ סכסוך צווישען זיך פלעגען זיי פאַרברענגען זייערע טענות פאַר די פרנסים פון „ועד ארבע ארצות״. דער „ועד ארבע ארצות״ פלעגט זיך פאַרזאַמלען צוויי מאָל אָ יאָהר, פון פורים ביז פסח אין לובלין און פון אב

ביז אלול אין יאראסלאוו. יעדע קהלה פלעגט אויסקלייבען א דעלעגאט. דיזע ערוויילע דעלעגאטען פלעגען אויסקלייבען זעקס פון די גרעסטע רבנים אין פוילען, און צוזאמען האט דאס צו־זאמענגעשטעלט דעם „קאנגרעס פון פיר לענדער״.

דיזער „קאנגרעס פון פיר לענדער״ האט געהאט דאס רעכט צו אורטיילען אין אלע דינים וואס האבען זיך אנגעהערט מיט די אידען אין פוילען. עס האט געהאט א געזעצליכע מאכט ארויפצולעגען שטראף, צו איינפירען נייע געזעצען, צו פארבא־טען עקזיסטירענדע מנהגים און אזוי ווייטער. דער „ועד ארבע ארצות״ פלעגט דאן אויסקלייבען רבנים פון פארשידענע מדינות זיי זאלען העלפען אין דער ארבייט פונ׳ם „ועד״, און דיזע רבנים האבען געטראגען דעם טיטול „דייני מדינה״. זיי האבען געהאט די פולמאכט צו אורטיילען אין געלט פראגען, אדער אזעלכע פראגען ווי ארויפצולייגען שטראף, צו ענטשיי־דען אין „חזקה״ פראגען (אייגענטום רעכט), און אלע אנדערע שווערע פארוויקעלטע פראצעסען, פלעגט פארקומען בלויז פאר די דעלעגאטען פונ׳ם „ועד ארבע ארצות״.

(ר׳ נתן נטע׳ס באשרייבונג פון דעם אמאליגען אידישען קאנגרעס אין פוילען, איז פון די העכסטע היסטארישע וויכ־טיגקייטען).

## „עמוד האמת״

„דער עלעמענט פון „אמת״ איז געווען הויך ענטוויקעלט ביי די פוילישע אידען. אין יעדע קהלה זיינען געווען אויפזעהער אויף די געוויכטען און מאסען, און אויף אנדערע געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען, אז אלעס זאל צוגעהן ערליך און מיט יושר.״

## „עמוד השלום״

„אויף די פוילישע אידען איז מקוים געווארען דער פסוק „ה׳ יברך את עמו בשלום״. אין פוילען איז געווען די תורה אזוי פארשפרייט, אז עס האט נאך ניט געטראפען אז דריי זאלען זיצען ביים טיש און עסען, און ניט רעדען וועגען תורה.

ביים עסען האָבען אַלע זיך געשאַרפט די מוחות צי אין הלכה אָדער אין שווערע מדרשים, א. אז וו.

„דער זכות פון תורה איז זיי ביי־געשטאַנען אויף אַזויפיל וואו זיי זיינען פאַרוואַלגערט געוואָרען — נאָך די ת״ח ות״ט גזירות — האָבען זיי אימער געפונען אידישע ברידער וואָס האָבען זיי ניט געלאָזט פאַלען, די אידישע געפאַנגענע וועלכע די טאַטערען האָבען אַוועקגעפירט אין קאָנסטאַנטינאָפאָל, און סאַלאָניקי און אין אַנדערע שטעט אין טערקיי און אין עגיפּ־טען, ווי אויך אין אַלע אַנדערע לענדער וואו עס האָבען זיך געפונען אידען, האָט מען די געפאַנגענע אויסגעלייזט פאַר שווערע סומען געלט. און נאָך היינטיגען טאָג — ענדיגט דער „יון מצולה״ — האַלטען אידען אויסגעשטרעקט זייערע הענט אויסצולייזען די פילע געפאַנגענע וואָס קומען אָן צו זיי יעדען טאָג. זאָל זיי גאָט פאַרגיטיגען דערפאַר״.

„אין אַלע לענדער וואו די פליכטלינגע זיינען אָנגעקומען אַזוי ווי אין מעהרען, עסטרייך, בעהמען, דייטשלאַנד און אי־טאַליע, האָט מען זיי אומעטום אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און זיי פאַרשאַפט מיט אַלע נויטיגע באַדערפנישען, יעדען איינציגען נאָך זיין צושטאַנד. יעדער איד האָט געטאָן אַלעס וואָס ער האָט געקענט צו לינדערען די ליידען פון זייערע ליי־דענדע פוילישע ברידער. איבערהויפּט האָבען די דייטשע אידען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער פריינדליכער האַנדלונג. דער גוטער באַרוף פון די פוילישע אידען האָט זיי באַשיצט וואו זיי זיינען געקומען. זאָל גאָט געבען אַז די אידען זאָלען שוין לעבען רוהיג אויף זייער אָרט — שליסט ר׳ נתן נטע האַנאָווער זיין באַשרייבונג — און ער זאָל שיקען משיח׳ן צונויפנעמען זיינע קינדער אין ארץ ישראל, אמן סלה״!

# אַ רייזע אין ארץ ישראל אין יאָהר 1488

די וואונדערליכע באַשרייבונג פון רבנו עובדיה ברטנורא
ווי אַזוי ער האָט געפונען ארץ ישראל מיט
450 יאָהר צוריק.

אין דער אידישער ליטעראַטור איז רבנו עובדיה ברטנורא באַקאַנט אַלס דער פּאָפּולערער מפרש פון משניות. זיין פּירוש, וועלכער איז געדרוקט זייט־ביי־זייט מיט דער משנה, האָט זיך ערוואָרבען די גרעסטע פּאָפּולאַריטעט אין דער תּלמוד׳ישער וועלט. און זיין נאָמען איז צוליב דעם געבליבען אונשטערבליך צווישען דאָס אידישע פאָלק.

אָבער אזוי ווי רבנו עובדיה ברטנורא אַלס פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער משנה איז גוט באַקאַנט צווישען די ברייטע אידישע מאַסען, ווייסען אָבער זעהר ווייניג וועגען רבנו עובדיה דעם גרויסען כלל־טוער, דעם בארימטען רייזענדען און דעם בארימטען היסטאָריקער, וועמענס רייזע־באַשרייבונג נאָך ארץ ישראל אין די יאָהרען רמ״ו—רמ״ח, זיינען היינט פון דער גרעסטער היסטאָרישער וויכטיגקייט.

דעם שרייבער איז לעצטענס צו האַנט געקומען דאָס קליין ספר׳ל „דרכי ציון״, אַ רייזע־באַשרייבונג נאָך ארץ ישראל, אין יאָהר רמ״ו (1486). פון ר׳ עובדיה ברטנורא, און ווירקליך קיין מעהר אינטערעסאַנטען ספר׳ל האָט דער שרייבער פאַר אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן. ווי קליין דאָס דאָזיגע ווערק איז אין כמות, איז ער אָבער אונגעהויער וויכטיג, און גרויס אין איכות און עס איז זיכער אַז אויך די לייענער וועלען פיהלען דאָס זעלבע, באַקאַנט ווערענדיג מיט דעם רייכען היסטאָרישען מאַטעריאַל פון דיזען קליין ספר׳ל.

אין יאָהר רמ״ו (1486) האָט ר׳ עובדיה פאַרלאָזען זיין היים אין בערטינאָרא, איטאַליען, און נאָך אַ רייזע פון אַ יאָהר און אַ האַלב צייט, איז ער אָנגעקומען, אין חודש ניסן, 1488, אין ירושלים. די ירושלים׳ער אידישע קהלה איז דאַן געווען טרויעריג דעמאָראַליזירט; די שלעכטע און טיראַנישע באַהאַנדלונג פון די קהלה־פאַרוואַלטער פון יענער צייט האָט פאַרטריבען און צושטערט די אידישע באַפעלקערונג אין דער הייליגער שטאָט. די ,,זקנים״, די פיהרער, האָבען געבראַכט דערצו, אז אין ירושלים האָבען זיך דאַן געפונען בלויז אַלמנות מיט יתומים און סתם מענשען וועלכע וואַרפען זיך אַן אויפ׳ן צבור. אין דעם אידישען ירושלים האָט דאַן געהערשט אַ מין הפקרות, וועלכע וואָלט געווען שווער צו גלויבען ווען מיר זאָלען ניט האָבען די באַשטעטיגונג פון פילע דאַמאַלסדיגע אויטאָריטעטען.

אין אַזאַ טרויעריגען צושטאַנד האָט ר׳ עובדיה געפונען די אידישע קהלה ביי זיין אָנקומען אין ירושלים. און ווי ווייט זיין איינפלוס האָט געווירקט אויף דעם אידישען לעבען אין ארץ ישראל, קאָן מען זעהן פון דער באַשרייבונג פון אַן אַנדער רייזענדען וואָס האָט באַזוכט ארץ ישראל מיט זיבען יאָהר שפּעטער: נעמליך, אין יאָהר רנ״ה (1495).

דיזער רייזענדער, וועמענס באַשרייבונג פון זיין רייזע נאָך ארץ ישראל איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען ,,סוגרת הארכי״ און איז געבונדען צוזאַמען מיט ר׳ עובדיה׳ס ,,דרכי ציון״, מאַכט די פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג אין באַצוג צו ר׳ עובדיה׳ס פּערזאָן: ,,והאיש (ר׳ עובדיה) גדול מאד ועל פיו ישק כל הארץ. מקצוי הארץ אליו ידרושו ואחרי דבריו לא ישנו. וגם במצרים ובכל הארצות יגזור אומר והמה מקיימים. ואפילו הישמעאלים מכבדים אותו ויראים אותו יראת הכבוד. הוא עניו ושפל רוח מאד. דבריו ערבים וכל עמים יאשרוהו ועליו יאמרו: אין זה ילוד אשה״.

(,,און דער מאַן, ר׳ עובדיה, איז זעהר גרויס און זיין וואָרט באַהערשט דאָס לאַנד. פון איבעראַל קומט מען צו איהם, און

זיין ווארט ווערט אויסגעפאלגט, זיין איינפלוס פילט זיך אין מצריים און אנדערע לענדער, ער באפעלט און מען הערט איהם צו. אפילו די טערקען רעספעקטירען איהם. ער איז ביי זיך זעהר קליין און ער רעדט זעהר זיס און אנגענעהם און אלע ליבען איהם, און זאגען: אז ער איז גאר ניט ווי קיין מענשען־קינד״).

אזוי שרייבט וועגען איהם דער אונבאקאנטער „הארכי״ מיט זיבען יאהר נאך ר׳ עובדיה׳ס אנקומען אין ירושלים. און ווירקליך, לייענענדיג ר׳ עובדיה׳ס אייגענע באשרייבונג אין זיין „דרכי ציון״, דארפען מיר ניט אנקומען צו אנדערע עדות צו באשטעטיגען דעם נאבעלען גייסט און דאס גרויסע אידישע הארץ וואס ר׳ עובדיה האט פארמאגט. ר׳ עובדיה׳ס איינפאכע ווערטער דערצעהלען אונז מעהר ווי אלעס וועגען די אויסער־געוועהנליכע פערזענליכקייט פון דיזען גרויסען אידישען גאון און כלל טוער.

אלס תלמיד חכם איז ר׳ עובדיה געווען אונגעהויער גרויס: פונקט ווי רש״י׳ס פירוש אויף תנ״ך און אויפ׳ן תלמוד איז אנגענומען געווארען ביי דאס גאנצע פאלק, אזוי אויך ר׳ עובדיה׳ס פירוש אויף דער משנה האט זיך קונה שם געווען און געהט אימער צוזאמען מיט׳ן טעקסט פון דער משנה; אלס רעליגיעזער פיהרער האט ער פארטיידיגט די אידישע אמונה געגען אלע סארטען אנגריפער פון זיין צייט, און פונדעסט־וועגען האט איהם דאס ניט צוריקגעהאלטען אנצורופען די קא־ראאימען מיט די שומרונים מיט דעם נאמען „אחינו בני ישראל״. נאאיוו באמערקט ר׳ עובדיה אז די קאראאימען גלויבען ניט אין דברי חז״ל (תלמוד), אבער זיי זיינען זעהר קלאר אין גאנץ תנ״ך און זיי היטען אפ פינקטליך אלע דינים פון שחיטה״. ער רעדט וועגען זיי ווי וועגען געוועהנליכע אידען און זיין הארץ האט איהם זעהר וועה געטאהן פארוואס זייענדיג אין אלעקסאנדריע האט ער ניט גע־האט קיין צייט אריינצוקוקען אין זייערע ספרים און אין זייערע יחוס בריף.

ער דערצעהלט וועגען די מנהגים פון אונזערע „ברידער די שומרונים'' מיט דער פינקטליכקייט פון אַ פּראַקטישען מאָדער־נעם זשורנאַליסט. ווי א היינטיגער רייזענדער, וואס האָט פּראַקטיצירט אין געביט פון רייזע־באַשרייבונגען און דרינגט אַריין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מענשען און לעבענס־באַדינ־גונגען, אזוי אויך ר' עובדיה באַטראַכט אויפמערקזאַם אַלעס וואס זיין אויג האָט געזעהן אין דעם מענשליכען טאָג־טעגלי־כען לעבען פון זיין צייט. די לעבענס־באַדינגונגען פון יעדער נאַציאָן, אידען, קריסטען, מאַכמעדאַנער, און די פּאָליטישע אומשטענדען פון יעדער לאַנד. אַלעס ווערט ביי איהם גענוי באַמערקט און פאַרצייכענט.

ער לויבט די אידען פון רהאָדעס (אַן אינזעל אין דער טערקישער ארכיפּעלאַגא) און זאָגט וועגען זיי: „זיי זיינען קלוגע מענשען, געלערענטע, שעהנע רעדנער, מאָראַליש, העכסט אַנשטענדיגע, און רעספּעקטירען איינער דעם אַנדערען. אין דעם גאַנצען לאַנד — באַמערקט ר' עובדיה — האָב איך ניט אַנגעטראָפען אַזוינע שעהנע פרויען ווי די פרויען פון רהאָדעס, א. אז. וו.'' (דיזע לעצטע באַמערקונג אַליין איז גענוג ארויס־צוברייגען די מענשליכע זייט פון דעם גרויסען גאון און פאָלקס מענש ר' עובדיה ברטנורא).

דעם פּאָליטישען און מאָראַלישען לעבען פון דאָס הייליג לאַנד ביי זיין אַנקומען, שילדערט ר' עובדיה מיט די פאָלגענדע ווערטער: „און ווירקליך ביי די ישמעאלים ליידען די אידען קיין גלות ניט אין דיזען לאַנד''. איך בין געגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט פון דאָס גאַנץ לאַנד און קיינער האָט געגען מיר אַ מויל געעפענט, זיי ווייזען ארויס רחמנות געגען א פרעמדען, איבערהויפּט געגען איינעם וואס פאַרשטעהט ניט זייער לשון, און ווען זיי זעהען א סך אידען צוזאַמען, ווייזען זיי ניט ארויס קיין אונצופרידענהייט. נאָך מיין מיינונג, ווען עס וואָלט זיין אין דיזען לאַנד אַן ערפאַהרענער און קלוגער מענש אין פּאָליטישע פיהרונגען, וואָלט ער לייכט געקענט ווערען אַ שר און ריכטער אי צווישען אידען און אי צווישען די

ישמעאלים, ווייל צווישען אלע אידען אין דיזע געגענדען געפינט זיך ניט אפילו איינער וואס זאל האבען די נויטיגע אייגענשאפטען זיך צו מאכען אנגענעם און פאפולער ביים פאלק. זיי זיינען אלע אונענטוויקעלטע מענשען (כולם אנשים מדבריים) האבען, פיינט מענשען און האבען אן אויג מיט א הארץ נאר פאר זייער מטבע".

ווען מען באטראכט אז די דאזיגע ווערטער זיינען געשריבען געווארען מיט פיר הונדערט און פופציג יאהר צוריק, אין א צייט ווען אין אלע קריסטליכע לענדער האט דער איד געמוזט טראגען א געלען שאנד־צייכען אויפ'ן מאנטעל — דאן מוז מען ווירקליך באוואונדערען דעם געזונטען פאליטישען אינסטינקט פון דעם אידישען תלמיד חכם אין גלות. דער גלות מיט אלע זיינע שרעקען, האט ניט געקענט טויטען אין דעם אידישען געלערענטען דעם פאליטיקער און שטאאטסמאן.

דא איז ווערט צו באמערקען, אז דאן יצחק אייזיק אברבאנעל, וועלכער האט געלעבט אין דער זעלבער פעריאדע ווי ר' עובדיה ברטנורא, קאן מיט רעכט פארצייכענט ווערען אלס דער פאטער פון רעפובליקאניזם אין דער העברעאישער ליטעראטור. אין זיין פירוש אויף פ' שופטים, שלאגט ער פאר אן אויספירליכען פלאן פון א רעפובליקאנישע פארמע פון רעגירונג, אין געגענזאץ צו מאנארכיזם. מיט געזונטע לאגישע ארגומענטען איבערצייגט ער אז א לאנד איז אם שטארקסטען נאר דאן ווען עס ווערט באהערשט פון פאלקס־ערוועהלטע. דער וואונדער איז, אז דער צענזור האט געלאזט דרוקען אזוינע שארפע קריטיקען געגען מאנארכיזם.

ווי געזאגט, ר' עובדיה האט פינקטליך פארצייכענט דאס לעבען פון די אידען אין די פארשידענע שטעט וואס ער האט באזוכט וועהרענד זיין רייזע נאך ארץ ישראל. א סך פון זיינע באשרייבונגען זיינען היינט פון דער גרעסטער היסטארישער וויכטיגקייט, און דער שרייבער גלויבט אז מאנכע פון זיינע באשרייבונגען און איינדריקע זיינען אינטערעסאנט אויך פאר דעם היינטיגען לייענער.

אזוי, צום ביישפיל, ערפאהרען מיר פון ר׳ עובדיה׳ס באשרייבונג, אז נאך לאנג בעפאר אידען זיינען פארטריבען געווארען פון שפאניען, האבען שוין פילע אידען פארלאזען שפאניען און זיך באזעצט אין מצרים און אין ארץ ישראל אום זיך צו קענען אומקעהרען צום אידענטום; איז אנדערע ווערטער, געהיימע אידען, מאראנעס, זיינען שוין געווען נאך בעפאר דעם אלגעמיינעם גירוש וואס איז פארגעקומען ערשט פיר יאהר שפעטער נאך ר׳ עובדיה׳ס אנקומען אין ירושלים, נעמליך אין יאהר 1492. ר׳ עובדיה באנוצט די פאלגענדע ווערטער ווענען די שפאנישע אנוסים: „עס זיינען היינט דא אין מצרים ארום פופציג בעלי בתים פון שפאניען, אבער וועלכע זיינען ארימע לייט היינט. זיי האבען פארלאזען זייערע הייזער, זייער רייכטום, זייערע עלטערען און אורעלטערען; זיי האבען באדארפט אפהיטען די קריסטליכע רעליגיאן און צוליב דעם זיינען זיי געקומען אהער זוכען שוץ אונטער די פליגלען פון דער שכינה״. „מן האנוסים אשר היו בספרד״, דריקט זיך אויס ווענען זיי ר׳ עובדיה אויף אן אנדער פלאץ. פאר דעם היסטארישען פארשער איז דיזער פאקט פון דער העכסטער וויכטיגקייט.

פאר דעם היינטיגען איינוואוינער פון ניו יארק וואלט געווען אינטערעסאנט צו וויסען אז נאך אין ר׳ עובדיה׳ס צייטען האבען מענשען געהאנדעלט און געוואנדעלט אי בייטאג און אי ביינאכט. ניו יארק איז ניט די ערשטע שטאט וואו עס עקזיסטירט ניט קיין נאכט פאר דער מענשליכער ענערגיע. אין דיזען הינזיכט, זאגט ר׳ עובדיה: „עס זיינען דא אין מצרים אידען באנקירען (שלחניים), סוחרים און געשעפטסלייט, ווייל דאס לאנד איז גרויס און מען קען פארדינען זעהר גוט צו אלע צייטען. קיין לאנד איז ניט אזוי גוט ווי מצרים, וואו מען קען מאכען גוטע געשעפטען און ווערען רייך. פרעמדע אהן א צאל געפינען זיך דא פון אלע פעלקער און פון אלע לשונות און מען געהט ארום בייטאג און ביינאכט, ווייל אין אלע גאסען און געסלאך ברענען ליכט א גאנצע נאכט און מענשען שלאפען

אויף דער הוילער ערד ביי זייערע קראמען (על פי החנויות). אַ איד קריגט דאָרט צו קויפען אַלערליי שפייז, פלייש, קעז, פיש און גרינסען און אַלעס וואָס ער האָט נויטיג. דאָס אידישע גאַס איז רייך אין די אַלע אויסגערעכענטע פּראָדוקטען״. ר׳ עובדיה רעכענט דאָן אויס וועלכע פּראָדוקטען זיינען טייער און וועלכע זיינען ביליג.

## צווייטער קאַפּיטעל

ר׳ עובדיה האָט פאַרלאָזען די שטאָט נעאַפּאָל שבעה עשר בתמוז, רמ״ז, (1487) מיט דער שיף „מיסיאָן בלאַנק״. (די ווייסע מיסיאָן) און עס האָט גענומען פינף טעג אַנצוקומען אין פּאַלערמאָ, ווייל עס האָט ניט געהאַט קיין ווינט. אין פּאַלערמאָ זיינען דאָן געווען אומגעפעהר 850 אידישע פאַמיליעס, און ר׳ עובדיה גיט וועגען זיי אַ גענויע באַשרייבונג. אין אַלגעמיין גיט ער וועגען זיי אַ טרויעריגען באַריכט. נאָך ר׳ עובדיה׳ס שילדערונג האָט די אידישע באַפעלקערונג אין די הויפּטשטעט פון סיציליען זיך געפונען אין אַ זעהר נידעריגען צושטאַנד. רעדענדיג וועגען זייער שלעכטען גייסטיגען צושטאַנד, ענדיגט ר׳ עובדיה מיט דעם פאָלגענדען שאַרפען אויסדרוק: „גם באיסור הנידה מקילין מאד, ורוב הארוסות תבואנה הרות לחופה״. די קהלה איז פאַרוואַלטעט געוואָרען פון צוועלף יעדיד־ערוועהלטע בעלי בתים, וועלכע האָבען געהאַט די מאַכט פון דער רעגירונג ארויפצולייגען אַלערליי טעקסעס אויפ׳ן פאָלק, און ווי אימער אין אַזעלכע פעלען, האָבען די ערוועהלטע מנהיגים מיסברויכט זייער מאַכט און פאַראורזאַכט הימעל־שרייענדע אונרעכטען.

אין פּאַלערמאָ האָט זיך ר׳ עובדיה אויפגעהאַלטען ביז שבת בראשית רמ״ח. און דורך דער צייט פלעגט ר׳ עובדיה רעדען פאַר׳ן עולם יעדען שבת. זיין פּלאַן איז געווען צו פאָה־רען מיט די ווענעציאַנער שיפען וואָס פאָהרען דירעקט נאָך ביירוט. אָבער די שטאָט לייט האָבען געוואָלט ער זאָל בלייבען

ביי זיי, צוליב דעם האבען זיי איהם מיסאינפארמירט וועגען דער צייט ווען די שיפען געהען אפ. און געגען זיין ווילען איז ער אזא לאנגע צייט פארבליבען אין פאלערמא. ר׳ עובדיה באמערקט וועגען דעם סארקאסטיש: „ונשארתי שם דורש אל המתים״.

ר׳ עובדיה דערצעהלט ווייטער אז דורך זיינע דרשות — ווי די שטאטישע פיהרער האבען איהם דערצעהלט — האבען פילע זיך אומגעקערט צום גוטען און תשובה געטאן. צום שלוס מאכט ר׳ עובדיה די פאלגענדע העכסט כאראקטעריסטישע און אריגינעלע באמערקונג: ‚איך קען מיין גאנצען לעבען ניט פארברייגגען צווישען מענשען וועלכע ליבען מיר ווי זיך אליין. די אידען אין פאלערמא ווייזען מיר די גרעסטע אכטונג און רעספעקט, פונקט ווי די גויים באנעמען זיך צו זייערע הייליגע, אזוי באנעמען זיי זיך צו מיר. דאס פראסט פאלק זאגט, אז גאט האט מיר געשיקט צו זיי און פילע זוכען פון מיר צו באקומען עפעס פון מיינע קליידער אלס אנדענקען. און די פרוי וואס האט דערגרייכט די מדרגה זי זאל וואשען מיינע וועש ווערט זעהר געלויבט פון אנדערע פרויען. מיט אלע מעגליכקייטען האבען זיי געזוכט מיר צו פארהאלטען כאטש פאר א יאהר צייט און האבען מיר פארשפראכען פיל געלד וויפיל איך וויל נאר. אבער איך האב זיי געמוזט ענטזאגען ווייל מיין הארץ האט געשטרעבט צו דער לאנד פון אונזערע אבות׳.

פון פאלערמא איז ר׳ עובדיה געפארען מיט א פראנצויזישע שיף נאך מעסינא. מעסינא האט געהאט א קלענערע אידישע באפעלקערונג, אבער אין אלע אנדערע זאכען איז די אידישע באפעלקערונג געווען עהנליך צו פאלערמא. א מערקווירדיגען מנהג פארצייכענט ר׳ עובדיה וואס ער האט דארטען געזעהן. נעמליך, נאך דער חופה ווערט די כלה ארויפגעזעצט אויף א פערד און ווערט געפירט דורך אלע אידישע גאסען באגלייט פון יונגע אינגלאך און מיידלאך וועלכע טראגען ברענענדיגע ליכט אין זייערע הענט און שרייען מיט משונה׳דיגע קולות אז די ערד שפאלט זיך אונטער זיי. דער חתן ווערט באגלייט

פון עלטערע מענשען און אזוי געהן זיי ארום איבער אלע הויפט גאסען און די גויים קוקען צו און שמייכלען, אבער קיינער עפענט קיין מויל ניט.

פון מעסינא איז די שיף געפארען איבער דעם ווענעציאַנישען גאלף און איז אריין אין דער ארכיפעלעאגא. פארענדיג פון דארטען צו ראהדעם איז געקומען דער ווינט געגען זיי און אפגעשטופט די שיף אויף אכציג מייל צוריק און די שיף האט געמוזט פאראנקערען ביים אינזעל „לאנגא" וואו זי איז געשטאנען פאר צעהן טעג. דא באשרייבט ר' עובדיה א פאל וואס לאזט זיך קויט גלויבען אז אין היינטיגען יאהרהונדערט זאל א מאטראז אזוי שווער באשטראפט ווערען פאר'ן באליידיגען א אידען. נעמליך, איינער פון די מאטראזען האט באַליידיגט א אידישען פאסאזשיר מיט'ן נאמען ר' משולם, און דיזער ר' משולם האט איהם אנגעקלאגט פאר'ן פאטראן (קאַפיטאן). דער לעצטער איז באלד ארונטער און נאך א קורצער אונטערזוכונג האט ער גענומען דעם מאטראז און איהם אַנגעבונדען צים מאסט. קיינער פון די מאטראזען האט ניט געוואלט אויספיהרען דעם אורטייל, האט דאן דער קאפיטאן אליין גענומען א שטריק און דעם זינדיגען מאטראז אריינגעהאקט וואו ער האט פארדינט, און דאן ערשט האט דער געשמיסענער מאטראז געמוזט בעטען מחילה פון ר' משולם'ן.

פאהרענדיג ווייטער, שרייבט ר' עובדיה, האבען זיי געמוזט זוכען שוץ פון א קריגס־שיף וואס האט געזאלט איבער פאלען אויף זיי. דיזע קריגס־שיף האט באלאנגט צו זשענעווא, וואס האט דאן געפירט קריג געגען די אנדערע איטאליענישע שטאאטען. זונטאג כ"ג כסלו, רמ"ח, זיינען זיי אנגעקומען אין רהאדעם אונטער קלאנג און געזאנג.

קורץ בעפאר ר' עובדיה'ס אנקומען אין רהאדעם האט א טערקישע ארמיי באמבארדירט די שטאט און ר' עובדיה דערצעהלט א מערקווירדיגען נס וואס האט געטראפען צו דער דארטיגער שוהל. די גאנצע שטאט איז צושטערט געווארען. נאר ווי די טערקען זיינען צוגעקומען צום שוהל, זיינען זיי פלוצים

ווי צודולט געווארען און גענומען קעמפען איינער געגען אנדע־רען. זיי זיינען אנטלאפען הגם קיינער האט זיי ניט געיאגט, ווייל דאס האט פאסירט ביים שוועל פון שוהל האט צוליב דעם דער גאווערנאר פין שטאט צוגענומען די שוהל און אויף דעם פלאץ געבויט א קירכע צום צלם, און די אידען האט ער געגע־בען פון דער שטאטישער קאסע הונדערט דוקאטען צו בויען אן אנדער שוהל.

וועגען די אידען פון רהאדעם האבען מיר שוין דערמאנט בעפאר אז ר׳ עובדיה ריהמט זיי זעהר. ער ריהמט זייערע פרויען אלס די שעהנסטע אין לאנד און וועגען די מענער זאגט ער אז אפילו די ארימסטע ארבייטער זיינען נעט געקליידעט „ותארם כתואר בני מלך״ — זיינען שעהן ווי פרינצען.

נאך א רייזע פון זעקס טעג זיינען זיי אנגעקומען אין אלעקסאנדריא, אין דיזער שטאט האט ר׳ עובדיה פארבראכט זיבען טעג און מיט א מערקווירדיגער פינקטליכקייט שילדערט ר׳ עובדיה דעם אידישען אזוי גוט ווי דעם ניט־אידישען לעבען פון דער שטאדט. ער באשרייבט גענוי די אידען מיט זייער ארט לעבען און עסען, זייערע תפלות און אנדערע מנהגים. ער דער־מאנט אויך די לענדער וואס האבען זייערע קאנסולען אין דיזער שטאדט. אין קורצען, דאס לאנד מצרים ווערט גענוי באשריבען ביי אונזער ר׳ עובדיה׳ן מיט אלע איינצעלהייטען. ער דער־מאנט אויך די שומרונים און די קראים וואס געפינען זיך אין מצרים, און ער גיט אן אויספירליכען באריכט וועגען דיזע אידישע ברידער אונזערע, די שומרונים — זאגט ער — זיינען די רייכסטע. נאך זיי קומען אין רייכטום די קאראאימען, און צום לעצטען די רבנ׳ישע אידען, נאר די נאטור פון אלע אידען אין דיזען לאנד איז אין דער עפענטליכקייט ניט צו ווייזען זייער רייכטום. צווישען די פארשידענע קלאסען אידען הערשט אחדות און פריינטשאפט. וועגען די אנוסים פון שפאניען וואס האבען זיך דאן געפונען אין מצרים, האבען מיר שוין בעפאר ציטירט ר׳ עובדיה׳ס היסטארישע ווערטער.

די אידען אין מצרים זיינען דאן באהערשט געווארען פון א „נגיד" באשטעטיגט פון דער רעגירונג. אין אנדערע ווער־טער, דער היסטארישער „ריש־גלותא" האט נאך דאן עקזיס־טירט אין מצרים, און זיין ווארט איז געווען געזעץ. ווי ווייט דאס אידישע ירושלים איז דאן געווען דעגענערירט, קען מען זעהן פון דעם וואס דער זעלבער אידישער הערשער, ר' נתן הכהן, וועמען ר' עובדיה לויבט זעהר שטארק, האט ר' עובדיה'ן אפגערעדט פון פאהרען נאך ירושלים, ווייל די שטאט איז באהערשט פון א קליקע מוסרים, מלשינים, וועלכע דריקען און שטיקען יעדען איינעם און פארקויפען קהל'שע אייגענטום, ווי ספרי תורה'ס, מענטעלאך, פרוכת'ן זילבערנע און אנדערע כלי קודש, צו די ערלים וואס פיהרען דאס אוועק אין ווייטע לענדער. איבער די ירושלים'ער אידען האט דער „נגיד" ניט געהאט קיין מאכט, ווייל מצרים, לויט ווי ר' עובדיה דערצעהלט, האט דאן געפירט קריג מיט'ן טערקישען סולטאן.

בעפאר ר' עובדיה האט פארלאזען דאס נייע מצרים, ווי ר' עובדיה רופט עס, האט ער באזוכט אלט־מצרים און דארט האט ער באזוכט אן אלטע אידישע שוהל וואס האט געטראגען אן אויפשריפט, אז זי איז געבויט געווארען אכט און דרייסיג יאהר פאר'ן חורבן בית שני.

נאך א לאנגער נסיעה דורכ'ן מדבר און פארשידענע שטעט איז ר' עובדיה אנגעקומען אין חברון. ווי בעפאר, בא־שרייבט ער די שטאדט חברון און אלעס וואס ער האט דארט געזעהן. וועגען דער אידישער קהלה זאגט ער אז זי באשטעהט פון צוואנציג פאמיליעס, פון וועלכע א העלפט זיינען שפאני־שע אנוסים.

דינסטאג פריה, י"ג ניסן, האט ער פארלאזען חברון און דעם זעלבען טאג איז ער אנגעקומען צו די טויערען פון ירושלים.

וועגען דער אלגעמיינער לאגע אין ירושלים האבען מיר שוין אייניגע מאל דערמאנט אין דיזען קאפיטעל, און עס איז ניט נויטיג צוווידערהאלען. מיר וועלען צוליב דעם בלויז דער־

מאַנען אייניגע ציטאַטען פון ר׳ עובדיה׳ס באַשרייבונג פון דעם דאַמאַלסדיגען אידישען ירושלים.

איך בין געוואָרען — זאָגט ר׳ עובדיה — אַ מקבר מתים אין ירושלים, ווייל דאָ איז ניטאָ ווער עס זאָל טראָגען דעם אָרון אָדער נאָכגעהן די מטה, און עס האָט שוין פּאַסירט אַז אַ פרוי איז געשטאָרבען און אין מיטען וועג האָט מען געמוזט רופען פרויען זיי זאָלען העלפען טראָגען דעם אָרון, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין מענער. ווען ניט די פרויען און מאַנכע בעלי תשובה פון די אַנוסים וואָלט דער מת געבליבען ליגען, ווייל די היגע מענשען ווייסען ניט פון קיין רחמנות.

ר׳ עובדיה דערמאַנט נאָך אייניגע פאַקטען פון דעם אידישען לעבען אין ירושלים, און ווען מיר זאָלען ניט ווייסען אַז די ווערטער קומען פון ר׳ עובדיה׳ס הייליגער מויל, וואָלטען מיר געהאַט אַ רעכט צו צווייפלען אַז די אידישע קהלה אין ירושלים זאָל האָבען אַזוי ווייט מאָראַליש געזונקען.

נאָר נאָך אַלע זייערע זינד דערמאָנט זיי דאָך ר׳ עובדיה צום גוטען און ער זאָגט אַז אין ירושלים איז ניטאָ קיין „גילוי עריות וצחוק ושבועות שקר״, אפילו די „זקנים״ (פיהרער) „הרשעים החטאים היטען אָפּ פּינקטליך די מצוות שבין אדם למקום. אויף דיזען פּלאַץ שטרייכט ר׳ עובדיה אונטער און זאָגט אַז די אידען אין די מאַכמעדאַנישע לענדער זיינען אייבּ־פּאַכע פרומע אידען און זוכען ניט זיך צו באַקענען מיט דער פילאָזאָפישער לעהרע פון אַריסטאָטעלס מיט זיינע חברים „שם רשעים ירקב״. אין מצרים איז געקומען אַ איד פון די מערב־לענדער און האָט גענומען פאַרשפּרייטען די גיפטיגע פילאָזאָפיע. האָט איהם באַלד דער „נגיד״ פאַרטריבען. אויך צווישען די ישמעאלים געפינט זיך קיינער וועלכער זאָל לעס־טערען גאָט אָדער לייקענען אין השגחה עליונה״.

ווען די איינוואוינער וואָלטען ניט מורא געהאַט פאַר גאָט, וואָלט געווען אונמעגליך דאָ צו וואוינען, ווייל דאָ איז כמעט ניטאָ אַ רעגירונג אָדער וועלכע אָרדנונג פאַר וועלכע די ביר־גער זאָלען מורא האָבען. דאָ איז איבערהויפּט ניטאָ קיין גע־

רעכטע געזעצען און מען בויגט דעם דין ווי מען וויל. דא האט לענגער געטראפען אז א ישמעאל האט ערמארדעט זיין מוטער און ווען ער איז ערשינען פאר די ריכטער האט ער זיך פארטיידיגט אז ער איז בשעת מעשה געווען שיכור. די ריכטער האבען באלד ארויסגעגעבען דעם אורטייל אז שולדיג אין דעם זייבען די אידען, ווייל זיי זייבען די איינציגע וואס מאכען ווייז, נאר אזוי ווי זייער צאהל איז קליין זאלען זיי צאהלען זעקס פלארין גאלד (ששה פרחי זהב) אלס שטראף, און די קריסטען זאלען צאהלען צוועלף פלארין גאלד שטראף, ווערענד דער מאכמעדאנישער מוטער־מערדער איז ארויס פריי. פאלשע עדות קען מען דא קריגען צווישען אלע מענשען, ווייל אין געריכט דארפען די עדות ניט שווערען אדער אויסגעפארשט ווערען. ווען אזא אונארדנונג וואלט געהערשט אין אנדערע לענדער, וואלט איינער דעם צווייטען איינגעשלונגען לעבעדי־גערהייט'' — ענדיגט ר' עובדיה.

ווי עס איז צו זעהן, האט ר' עובדיה געזוכט צו פארטיי־דיגען די ירושלים'ער פון זיין צייט מיט דעם וואס ירושלים האט פאקטיש דאן קיין רעגירונג געהאט. דער אלגעמיינער פאליטישער כאאס וואס האט דאן געהערשט אין ארץ ישראל, האט זעלבסטפארשטענדליך געווירקט אויף די דארטיגע אידען צום שלעכטען, און פאראורזאכט הפקרות אין דעם געזעלשאפט־ליכען לעבען. עס האט אבער ניט גענומען לאנג און דער מא־ראלישער צושטאנד, ווי אויך דער מאטעריעלער, האט זיך פיל פארבעסערט. ר' עובדיה'ס אנקומען אין ירושלים, ווי מיר האבען שוין בעפאר באמערקט, האט אריינגעבראכט א נייע עפאכע אין דעם אידישען לעבען אין דאס הייליגע שטאט. ר' עובדיה'ס טעטיגקייט און געוואלטיגער איינפלוס האבען אויף איהר אין א משך פון איניגע יאהר אויף אזוי פיל געווירקט אז ער איז געווארען דער פאקטישער אונגעקרוינטער הערשער פון ירושלים. זיין ווארט, זיין איינפלוס, האט אלעמען באצוי־בערט און אויפגעלעבט דאס אידישע ירושלים.

ווען ר' עובדיה איז געקומען אין ירושלים איז די אידישע

באפעלקערונג באשטאנען פון זיבעציג פאמיליעס. צוליב ר׳ עובדיה׳ס פיהרערשאפט האט אבער דאס שטאט פון דאסניי אויפגעלעבט און אין זיבען יאהר שפעטער, לויט ווי דער אויבענדערמאנטער ,,הארכי׳׳ באשרייבט, האט ירושלים שוין געהאט ארום צוויי הונדערט פאמיליעס.

ר׳ עובדיה פלעגט דרשנ׳ען פאר׳ן קהל אלע צוויי וואכען און גערעדט האט ער פאר׳ן עולם אין לשון הקודש, ווייל ווי ר׳ עובדיה דריקט זיך אויס: ,,כי רובם מבינים בלשון הקודש׳׳ — כמעט אלע פארשטעהען לשון הקודש. מען קען אלזא מיט רעכט באהויפטען אז ר׳ עובדיה האט אויפגעלעבט אי דאס לאנד און אי די שפראך, און זיי נאמען האט צוליב דעם באדארפט זיין א הויז-ווארט אין יעדער אידישער הויז. זיינע פארדינסטען זיינען אזעלכע וואס האבען באדארפט באקומען מעהר אנערקענונג פון די שפעטערדיגע דורות.

לײדער איז ר׳ עובדיה׳ס נאמען, אויסער זיין פירוש אויף דער משנה, זעהר ווייניג באקאנט. נאכמעהר, דיזער וויכטיגער היסטארישער דאקומענט ,,דרכי ציון׳׳ איז געלעגען פארגראבען אלס מאנוסקריפט ערגעץ אין א ביבליאטעק אין אייראפע. דער איינציגער וואס דערמאנט וועגען דער עקזיסטענץ פון דיזען מאנוסקריפט איז דער בארימטער גאון און ביבליאגראף ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי (ה׳ חיד׳׳א) אין זיין בארימטען ספר ,,שם הגדולים׳׳. ערשט די לעצטע צייטען האבען אידישע געלערנטע אין דייטשלאנד איהם ארויסגעבראכט אין דער עפענטליכקייט און איהם איבערזעצט אין דייטש, ענגליש און פראנצויזיש.

מאנטרעאל, ראש חודש שבט, תרפ׳׳ד.

# ר׳ עזריה מן האדומים

## דער פאטער פון די מאדערנע
## „חכמת־ישראל״

### ערשטער קאפיטעל

ר׳ יוסף קארו האט געוואלט ארייגלעגן אין חרם ר׳ עזריה מן האדומים צוזאמען מיט זיין ספר „מאור עינים״, אבער אן אונערווארטעטער טויט האט איהם געשטערט אויס־צופיהרען דיזען חרם. זיינער א תלמיד, ר׳ אלישע גאליקא האט נאך ר׳ יוסף קארו׳ס טויט ארויסגעגעבען דיזען חרם, וועלכער איז אבער ניט אנערקענט געווארען ביי אלע רבנים איז יענער צייט. די איטאליענישע רבנים האבען ניט דערלאזען, אז זייער לאנדסמאן ר׳ עזריה דע ראססי (דע ראססי״ אין איטאליעניש מיינט דאס זעלבע ווי „מן האדומים״ אין העברעאיש), וועל־כער איז געווען באוואוסט אלס גרויסער געלערענטער אין תורה און אין אויסערליכע וויסענשאפטען, זאל ווערען א קרבן פון דעם שרעקליכען חרם וואס איז ארויסגעגעבען געווארען געגען איהם ביי די חכמי צפת. דאס אייציגע וואס די איטאליענישע רבנים האבען געגען איהם גוזר געווען איז, אז קיינער אונטער פינף־און־צוואנציג יאהר אלט זאל ניט ארייגקוקען אין „מאור עינים״.

דיזע קורצע היסטארישע פאקטען דערצעהלען אונז געגוי וועגען די מלחמה וואס האט דאן אויסגעבראכען צווישען די אידישע געלערענטע אין צפת, דער צענטער פון קבלה און מיס־טיציזם, און די געלערענטע אין איטאליען צווישען וועלכע די שפורען פון רענעסאנס האט זיך שוין געלאזט מערקען. אהן וועלכע באמערקונגען קען דער לעזער זעלבסט מערקען אז דער חרם געגען „מאור עינים״ שטעלט פאר א קאמף פון צוויי באזונדערע ריכטונגען אין דעם אידישען קולטורעלען לעבען.

וויסענדיג, אז צפת איז געווען דער צענטער פון וואנען עס האט זיך פארשפרייט די קבלה פון האר"י און ר' משה קורדיבירו, בלייבט אלזא נאר באקאנט צו ווערען מיט דעם כאראקטער און וועזען פון „מאור עינים" געגען וועלכען די פיהרער פון דער צפת קולטור האבען אזוי שארף ארויסגעטראטען.

„ר' עזריה מן האדומים, דער פאטער פון די מאדערנע חכמת־ישראל" — איז ניט בלויז א פוסטע פראזע. באקאנט ווערענדיג מיט דעם אינהאלט פון דיזען מערקווירדיגען ספר, וועט יעדער איינער קומען צום זעלבען באשלוס. דער שרייבער האט פאר זיך א קאפיע פון דיזער ווערק געדרוקט אין וויען אין יאהר 1829, און עס איז גענוג בלויז איבערצוגעבען דעם אינ־האלטס־פארצייכניש, אום באקאנט צו ווערען מיט דעם בוך וואס האט באשאפען א נייע עפאכע אין דער אידישער ליטע־ראטור, און דוקא אין א צייט ווען די קבלה און מיסטיציזם האבען אנגעהויבען אויסאיבען א געוואלדיגען איינפלוס צווי־שען די ברייטע אידישע מאסען.

ניט אומזיסט זאגט מען אז: עקסטרעמען רופען ארויס עקסטרעמען! איין עקסטרעם מוז פיהרען צו א צווייטען. דעם רמב"ם'ס עקסטרעמער ראציאנאליזם האט ארויסגעבראכט ר' שלמה מאנטפעליער מיט זיינע חברים, וואס האבען געזאגט, אז א איד טאר ניט זוכען צו דערגעהן אמונה דורכ'ן שכל. דער שכל טאר ניט באנוצט ווערען אין אמונה־זאכען. דאסזעלבע ווען משה מענדעלסאן האט געזוכט אריינצוברייגגען עטוואס מאדערנעם פראגרעס אין דעם אידישען געהעטא־לעבען, איז באלד דאס אידישע וועלט פארכאפט געווארען פון א כוואליע מיסטיציזם, באקאנט אונטער דעם נאמען חסידיזם. די בער־לינער השכלה איז באשאפען געווארען צוזאמען מיט'ן חסידיזם. און דאס אייגענע האט פאסירט אין זעכצענטען יאהר־הונדערט. צוזאמען מיט די קבלה־מעשיות איז באשאפען געווארען די זאג־גענאנטע חכמת ישראל; צוזאמען מיט דער קבלה־באוועגונג וואס האט פארזעצט דעם אידען אין א שווערע דריקענדע אט־

מאַספּערע, איז געקומען די חכמת ישראל, וואָס האָט אַלס איהר אויפגאַבע צו באַטראַכטען יעדע ערשיינונג מיט אַ קריטישען בליק; זיך צו באַנעמען קריטיש און לאָגיש, דאָרטען וואו די קבלה לערענט בלויז אמונה און בלינדע געהאָרכזאַמקייט. פון איין זייט דער האר״י מיט זיינע חברים־מקובלים אין צפת, וועמענס לעהרע עס האָט שפּעטער באַשאַפען דעם חסידיזם מיט דעם גלויבען אין מופתים און אין גוטע־אידען; און פון דער אַנדער זייט ר׳ עזריה מן האדומים, אַ צייט־קאָלעגע פון האר״י, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל אין דער נייער אידישער געשיכטע, געוואָגט אַרויסצוטרעטען געגען געוויסע הייליגקייטען אין אידישען לעבען וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער מאָדערנער קריטיק.

אין קורצען, די עפּאָכע וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די קבלה און דעם גלויבען אין סודות ורמזים, האָט אויך אַרויסגעבראַכט דעם „מאור עינים״, דעם ערשטען ספר אויפ׳ן געביט פון די מאָדערנע „חכמת ישראל״ וואָס האָט אַלס איהר אויפגאַבע: קריטיק און לאָגיק אַנשטאָט סודות ורמזים.

* * *

דער „מאור עינים״ איז איינגעטיילט אין פינף טיילען, פון וועלכע דער ערשטער ענטהאַלט אַ באַשרייבונג וועגען די גרויסע ערד־ציטערניש וואָס איז פאָרגעקומען אין פעראַראַ, איטאַליען, אין יאָהר של״א (1571). דער מחבר וועלכער האָט דורכגעמאַכט דיזע שרעקליכע ערד־ציטערניש, באַשרייבט עס מיט אַלע איינצעלהייטען, ווי ווייט דער מחבר איז געווען פּינקטליך, קען מען זעהן נאָכ׳ן דאַטום פון דיזער פּאַסירונג. „יום הזכרון שבעה עשר לחדש כסלו, שמונה עשר לנובימבר שנת חמשת אלפים ושלש מאות ואחת לשלשים ליצירה כפי חשבוננו, לילה שמחרתו יום הששי קרוב לשעה העשירית״. (זיבעצעהן טעג אין כסלו, דעם אַכצענטען נאָוועמבער, של״א. נאָך דער אידישער צייט־רעכנונג, צעהן אזייגער, דאָנערשטאָג אָווענט). דיזע כאַראַקטעריסטישע פּינקטליכקייט צייגט אַרויס

ר׳ עזריה מן האדומים איז אלעס וואס ער באהאנדעלט. און נאכדעם ווי ער באשרייבט די ערד־ציטערניש מיט די טרויע־ריגע פאלגען דערפון, לאזט ער זיך אוועק אין א לענגערע אפ־האנדלונג וועגען די אורזאכען וואס מאכען די ערד אויפצו־טרייסלען אין פארשידענע פעריאדען. ער באהאנדעלט דיזע ערשיינונג אין דער נאטור, פון פארשידענע פונקטען. ער צי־טירט אלעס וואס איז געשריבען געווארען וועגען דעם ביי ניט־אידישע געלערענטע, ווי אויך אלעס וואס ווערט דערמאנט וועגען דעם אין תלמוד און מדרש. צום שלוס דערצעהלט ער, אז צוליב דיזער ערד־ציטערניש איז באשאפען געווארען זיין ספר „מאור עינים״.

נאך דער ערד־ציטערניש איז ר׳ עזריה אוועק אין א דער־בייאיגען דארף ביים וואסער פא, צוזאמען מיט פילע אנדערע איינוואוינער, דורך א צופאל האט ער זיך באקאנט מיט א קריסטליכען נאכבאר וועלכער האט געזוכט צערשטרייאונג פון די לעצטע אומגליקען אין שטודירען דעם באוואוסטען „בריף פון אריסטעאס״. דיזער קריסטליכער געלערענטער האט געפונען פילע שטעלען אין דיזען בריף וואס איז איהם געפאלען שווער און ער האט זיך געווענדעט צו זיין אידישען שכן ער זאל איהם ארויסהעלפען און אונטערזוכען פאר איהם דעם העברעאי־שען טעקסט. ווי איבעראשט איז אבער געווארען דער קריסט הערענדיג אז דיזער „בריף פון אריסטעאס״ געפינט זיך ניט אין העברעאיש!

„סטייטש, דיזער היסטארישער דאקומענט וואס בא־שרייבט די אומשטענדען אונטער וועלכע עס איז באשאפען געווארען די ערשטע איבערזעצונג פון דער תורה אין גריכיש. ביי די שבעים זקנים אונטער תלמי המלך, זאל זיך ניט געפי־נען אין דעם אידענ׳ס שפראך?״ ר׳ עזריה האט פארשפרא־כען זיין קריסטליכען קאלעגע אז עס וועט ניט נעהמען לאנג און דיזער „בריף פון אריסטעאס״ וועט זיך געפינען אויך אין לשון הקודש. און אזוי איז ווירקליך געווען, אין ווייניגער ווי דריי וואכען צייט האט ער אליין איבערזעצט דיזען בריף אין

העברעאיש, וועלכער פארנעמט דעם גאנצען צווייטען טייל פון זיין „מאור עינים״.

דער „מאור עינים״ איז אלזא באשאפען געווארען צוליב דער ערד־ציטערניש וואס האט איהם געבראכט אין בארירונג מיט א קריסטליכען געלערנטען, וועלכער האט צופעליגערווייז עפעס ניט פארשטאנען אין דעם „בריף פון ארסיטעאס״, און זיך געווענדעט צו זיין אידישען שכן פאר הילף.

* * *

דער „בריף פון אריסטעאס״, דער צווייטער טייל פון „מאור עינים״, איז געשריבען פון אריסטעאס צו זיין ברודער פילאקראטעס און צווישען אנדערעס זאגט ער: „דער הויפט אויפזעהער פון דער קעניגליכער ביבליאטעק דעמעטריוס פהאלערעאוס, האט געראטען דעם קעניג פטאלעמי פילאדעלפוס (תלמי המלך) ער זאל זעהן צו באקומען פאר זיין ביבליאטעק אן איבערזעצונג פון דער אידישער תורה. אום צו קריגען די מיטווירקונג פון אלעזר דער כהן גדול אין ירושלים, האט אריסטעאס, דער שרייבער פון בריף געראטען דעם קעניג ער זאל באפרייען אלע אידען וועלכע זיין פאטער האט געפאנגען אין זיין מלחמה געגען די אידען און זיי נאכהער פארקויפט אלס שקלאפען. דער קעניג האט דאן געשיקט אנדרעאס, דער קאפיטאן פון זיין לייב־גווארדיע און אריסטעאס, אנגעלאדען מיט רייכע פרעזענטען צוזאמען מיט א בריף אין וועלכען דער קעניג בעט אלעזר דעם כהן גדול פון ירושלים ער זאל איהם שיקען צוויי און זיבעציג געלערנטע (זקנים) צו איבערזעצען פאר איהם די תורה.

די צוויי קעניגליכע שלוחים באקוקען ירושלים, באטראכ־טען גענוי דעם בית המקדש און די פארשידענע פעסטונגען, באוואונדערען די רעליגיעזע צערעמאניעס פון כהן גדול מיט די אנדערע כהנים; נאכמעהר, אלעזר דער כהן גדול, ווענען תלמי המלך,׳ס געזאנדטע שעצען זעהר הויך, ערקלעהרט זיי דעם מאראלישען ווערט פון דער תורה; ער ערקלעהרט זיי אויך

דעם טיפערען גערדאנק פון די געזעצען וועגען כשר׳ה און טרפה מאכלים, און נאכער קלייבט ער אויס פאר זיי די פארלאנגטע צוויי־און־זיבעציג געלערנטע, וועלכע פאהרען צוזאמען מיט׳ן קעניג׳ס געזאנדטע צוריק נאך אלכסנדריא. תלמי המלך האט מיט דער גרעסטער עהרע אויפגענומען די צוויי־און־זיבעציג חכמים און ביי א באנקעט פון זיבען טעג, אין זייער עהרע, האט ער געשטעלט יעדען טאג צעהן פארשידענע פראגען צו צעהן פארשידענע חכמים.

די פראגען האבען אנגעריהרט די וויכטיגסטע פילאזאפי־שע, פאליטישע און מאראלישע אידעאלען נאך וועלכע א לאנד דארף זיך פיהרען, און אויף אלע פראגען האבען די אידישע חכמים געענטפערט צו דער העכסטער צופרידענהייט פון קעניג מיט אלע זיינע ראטגעבער. (דיזע ענטפערס פון די אור־אלטע אידישע זקנים מוזען ארויסרופען ערשטוינונג אויך ביי דעם היינטיגען לייענער. די טיפקייט פון זייער חכמה האט ביז היינט ניט פארלארען איהר וויכטיגקייט און עס איז ווירקליך א שאד וואָרום דיזער „בריף פון אריסטעאס" וועגען די אידי־שע חכמים, איז ניט מעהר פארשפרייט צווישען געלערנטען אידישען עולם).

דריי טעג נאך דעם באנקעט, האט דעמעטריוס אוועקגע־פירט אלע חכמים אויפ׳ן אינזעל פהאראס, וואו די צוויי און זיבעציג חכמים האבען אין צוויי און זיבעציג טעג איבערזעצט די גאנצע תורה. א זעהר גרויסע פארזאמלונג פון אידען און ניט־אידען איז פארופען געווארען און אויף דיזער פארזאמלונג האט דעמעטריוס פארגעלעזען די איבערזעצונג וועלכע איז אלעמען געפעלען געווען. די איבערזעצונג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען און עס איז פארבאטען געווארען צו מא־כען וועלכע ענדערונגען אין דעם. דער קעניג אליין איז אויך זעהר געריהרט געווארען פון דער פארלעזונג און איבערהויפט פון דער גרויסער חכמה פון דעם געזעץ־געבער. ער האט דאן ערקלערט די איבערזעצונג אלס אפיציעל, און די איבערזעצער אוועקגעשיקט מיט קאסטבארע מתנות".

אַט דאָס איז אין קורצען דער אינהאַלט פון דעם „מכתב אריסטיאה" וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצען צווייטען טייל פון „מאור עינים". דיזען טייל רופט דער מחבר „הדרת זקנים".

ר׳ עזריה מן האדומים אָבער בלייבט ניט דערביי און אין דריטען טייל וואָס רופט זיך „אמרי בינה" קעהרט ער זיך אום צו דער זעלבער טעמע. אין צוויי באַזונדערע פּרקים באַהאַנדעלט ער וויסענשאַפטליך די איבערזעצונג פון דער תורה ביי די שבעים זקנים. ווי זיין שטייגער איז, ברייגנט ער אַלע תלמוד׳ישע קוועלען, וואו עס ווערט גערעדט וועגען דיזען פאַל. אויך וואָס עס ווערט געבראַכט וועגען דעם אין דער פרעמדער ליטעראַטור ציטירענדיג די פאַרשידענע אידישע און ניט־אידישע אויטאָריטעטען וואָס האָבען געשריבען וועגען דעם, קומט ער צום באַשלוס אַז די באַשרייבונג פון אריסטעאַס, ווי די אידישע חכמים זיינען געווען אַפגעזונדערט ווען זיי האָבען געמאַכט די איבערזעצונג, איז היסטאָריש ריכטיג. און די הויפּט פאַקטען ווי אריסטעאַס גיט עס איבער, שטימען איין מיט די תלמודישע און פרעמדע היסטאָריקער. בלויז אין מאַנכע איינצעלהייטען אונטערשיידען זיך די פאַרשידענע אויטאָריטעטען.

ווי געזאָגט, ר׳ עזריה ציטירט אַלע מאמרים פון תלמוד און מדרש וואו עס ווערט גערעדט וועגען די ערשטע גריכישע איבערזעצונגען. די מעהרסטע פון דיזע מאמרים זיינען צו גונסטען פון דיזע העתקה, און אין די עטליכע מאָל וואו עס ווערט גערעדט געגען דעם, זוכט ר׳ עזריה צו ערקלעהרען מיט לאָגישע אַרגומענטען די אורזאַך פון דיזער געגנערשאַפט. אַזוי צב״ש געפינט זיך אין ערשטען פּרק פון „מסכת סופרים", אַז דער טאָג אין וועלכען די תורה איז איבערזעצט געוואָרען אין גריכיש איז געווען פאַר די אידען אַזוי שווער ווי דער טאָג ווען דער עגל איז געמאַכט געוואָרען. נאָך אַמאָל געפינט זיך אין „מגלת תענית" אַז דער אַכטער טאָג אין טבת איז אַ תענית, ווייל אין דעם טאָג איז געשריבען געוואָרען די תורה

**אין יונית (גריכיש) און צוליב דעם איז געקומען אַ פינסטער־ניש אויף דער וועלט וואָס האָט אָנגעהאַלטען דריי טעג.**

## צווייטער קאַפּיטעל

דער גלויבען אַז משיח דאַרף באַלד קומען איז געווען פאַרשפּרייט אין ר׳ עזריה׳ס צייטען. די קבלה׳שע לעהרע פון ר׳ יצחק לוריא, פון ר׳ חיים וויטאַל און פון די אַנדערע מיס־טיקער פון יענער עפּאָכע האָט געהאָלפען פאַרשפּרייטען און איינפלאַנצען אין די ברייטע אידישע מאַסען די האָפנונג אויף דער באַלדיגער ערשיינונג פון דעם לאַנג ערוואַרטעטען משיח וואָס וועט באַפרייען אידען פון זייער ביטערען גלות. די צייט איז געווען גינסטיג דערפאַר. דער גירוש ספרד; די פאַרשטאַר־קונג פון דער אינקוויזיציאָן, די פּלוצלינגע ערשיינונג פון דעם וואונדערבאַרען באַצויבערענדען שלמה מאלכא און אין אַלגע־מיין די אידישע פאַרפאָלגונג וואָס האָט דאָן אויסגעבראָכען אין פילע לענדער ווי אַ מעכטיגע כוואַליע — דאָס אַלעס צו־זאַמען האָט געבראַכט דערצו אַז אַפילו די ערנסט געזאָנענע אידען פון יענער צייט, האָבען באַטראַכט זייער פּעריאָדע אַלס די „ימות המשיח״.

ווי ווייט די האָפנונג אויף דער באַלדיגער ערשיינונג פון משיח׳ן איז געווען פאַרשפּרייט צווישען אידישען עולם, איז גענוג צו דערמאָנען די פאָלגענדע ציטאַטען פון פאַרשידענע ספרים געדרוקט צו יענער צייט. ר׳ חיים וויטאַל אין זיין „ספר הגלגולים״ (דף נ״ד) מאַכט פאָלגענדע באַמערקונג: „וכל שכן בדורותנו זה עתה שהוא דרא בתראי, וצריך לגלות בו חכמת האמת כדי שיבוא המשיח״. (אין אונזער דור וועל־כער איז דער לעצטער, דאַרף מען ענטדעקען די אמת׳ע חכמה — קבלה און זוהר — כדי משיח זאָל קומען). אויף אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט דער זעלבער ר׳ חיים וויטאַל: „אמנם בעקבא דמשיח כמו בדורנו זה התחילו האורות להתפשט״. (אין די טריט פון משיח׳ן ווי מען זעהט עס אין היינטיגען דור האָט

דאס ליכט ווידער זיך געגומען פארשפרייטען). ר׳ עזריה מן האדומים באנוצט די פאלגענדע ווערטער אין באצוג צו דיזער ערשיינונג און ער זאגט צווישען אנדערעס: „אנכי הרואה להקת בני נביאים המחכים בשנת של״ה את יום ה׳ אשר בו יוציא את עמו בששון לתשועת נצח״. (איך, וועלכער זעהט גרופעס פון נביאים וואס ווארטען אויף דעם יאהר של״ה — 1575, אויף דעם טאג יועו גאט אליין וועט מיט פרייד ארויס־נעמען זיין פאלק און זיי ברייגגען אייביגע הילף).

ווען דער יאהר של״ה (1575) איז פאראיבער און משיח איז אלץ ניט געקומען האבען די בעלי־קבלה זיך דאך ניט פארלארען און האבען בלויז אבגעלייגט משיח׳ס ערשיינונג אויף א קורצע צייט. פון של״ה איז שפעטער געווארען שנ״ח, און ש״ס, נאך טאמער קומט ער אין די יאהרען אויך ניט וועט ער געוויס קומען ניט שפעטער ווי אין יאהר ת״ח (1648). אויף דעם יאהר ת״ח האבען אלע וואס האבען געזוכט צו דערגעהן דעם לץ דורך סודות ורמזים, איינגעשטימט. אין דיזען יאהר האבען אידען פון גאנצען ערד־קוגעל געזאלט זיך אומקעהרען נאך ארץ ישראל און אנגעמען זייער אלטע ירושה.

דיזער אלגעמיינער גלויבען אז אין יאהר ת״ח וועט קומען דער אידישער גואל איז באגריגדעט אויפ׳ן „זוהר״ וואס זאגט אין בראשית, פ׳ תולדות: „דבאלף שתיתא לזמן ארבע מאות ותמניא שנין יהיו קימין כל דיירי עפרין בקיומהון והיינו דכתיב בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו״. (אין זעקס־טען טויזענד אין דער צייט פון פיר הונדערט און אכטען יאהר וועט פארקומען תחית המתים, און דאס מיינט דער פסוק אז אין דעם דאזיגען יאהר פון יובל ה״זאת״, טרעפט אז ת״ח — וועט יעדער מענש קומען צו דאס זייניגע). דיזע דייטליכע אנדייטונג פון זוהר איז געווען געגוג צו באאיינפלוסען די קלאהרסטע מוחות פון יענער צייט. ר׳ שבתי כהן באקאנט אלס דער „ש״ך״, איינער פון די גלענצענדסטע אידען אין זיין צייט, זאגט אין זיין „מגילת עיפה״, וואו ער באשרייבט

די כמעלניצקי פאגראמען פון זיין צייט: „שנת ת״ח אשר חשבתי בזא״ת יבוא אהרן אל הקדש לפני ולפנים, נהפך כנורי לאבל ושמחתי ליגון״. אין אנדערע ווערטער: „אין דעם יאהר אויף וועלכען מיר האבען געהאפט אז עס וועט פארווירקליכט ווערען די אידישע האפנונג אויף א כהן גדול מיט א קדשי קדשים איז אונזער שמחה פארשטערט געווארען און אונזער פרייד האט זיך געענדיגט אין טרויער״. מען קען זיך לייכט פארשטעלען ווי די אידען אין יענער צייט האבען געפילט אין באצוג צו דעם, ווען אזא געניאלער מוח ווי דער ש״ך דריקט זיך אויס אין אזא זיכערען טאן וועגען דער ערווארטעטער ער־שיינונג פון משיח׳ן אין יאהר ת״ח.

* * *

דער האר״י און זיין תלמיד ר׳ חיים וויטאל, די פאקטישע גרינדער און פארשפרייטער פון דער מאדערנער קבלה, האבען צו דערזעלבער צייט פארשפרייט דעם גלויבען אין דער נא־ענטער ערשיינונג פון משיח׳ן. אין פאקט, ר׳ שלמה שלמיל, דעם אר״י״ס תלמיד, דערמאנט אז זיין רבי האט מיט א וואונק זיי געלאזט מערקען אז ער איז דער ריכטיגער משיח בן יוסף, און זיין אויפגאבע אויף דער וועלט איז פארצובערייטען דאס אידיש פאלק דורך תשובה און מעשים טובים פאר דער ערשיי־נונג פון משיח בן דוד. נאכ׳ן טויט פון האר״י האט א געוויסער ר׳ אברהם שלום, אין יאהר של״ד, געזאגט אויף זיך אז ער איז משיח בן דוד, און ר׳ חיים וויטאל איז דער משיח בן יוסף.

אין קורצען, צווישען די ברייטע אידישע מאסען האט דאן געהערשט דער פאזיטיווער גלויבען אז אט, אט און משיח וועט קומען; דער אידישער הימעל איז געווען אנגעלאדען מיט עלעקטריציטעט און די פונקען האבען עלעקטריזירט יעדע אי־דישע הארץ. יעדער איד האט געשפירט אז עפעס אונגעוועהנ־ליכס מוז פאסירען אין דאס אידישע וועלט. אונטער אזא פסי־כאלאגישען צושטאנד האט דער אידישער עולם, זעלבסטפאר־שטענדליך געשלונגען יעדען ווארט וואס איז געזאגט געווארען

ביי די בעלי קבלה און מיסטיקער פון יענער צייט. די פילע קבלה ספרים וואס זיינען דאן געדרוקט געווארען, האבען גע־פונען א גרויסען אפגאנג צווישען אלע קלאסען אידען, און האַ־בען איבערגעלאזען דעם איינדרוק אז די גאולה איז נאהענט.

* * *

אונטער אזא אנגעשטרענגטען פסיכאלאגישען צושטאנד איז פלוצלינג ערשינען ר׳ עזריה מן האדומים און האט געזוכט פארנאנדערצואווארפען דעם גאנצען לופט־שלאס וואס די קבלה־לייט האבען אויפגעבויט. אלע גימטריאות, אלע ראשי תיבות׳ן, מיט אלע רמזים וואס האט זיך אנגעקליבען אין א משך פון צוויי דורות, האט ר׳ עזריה אומ׳ברחמנות׳דיג פאר־ניכטעט אויף זיין זאגענאנטען לאגישען אופן, ניט שוינענדיג קיינעם און קיינעס. אפילו די חכמי התלמוד האט ער ניט גע־שוינט דארטען וואו זייער מיינונג וועגען דער איד׳שער צייט־רעכנונג איז געקומען אין קאנפליקט מיט זיין מיינונג. ר׳ עזריה האט געהאט זיין אייגענע מיינונג וועגען דעם אידישען קאלענדאר, וועלכער איז אבער געווען אין געגענזאץ צו די ווערטער פון די חכמי התלמוד. דאס האט אבער איהם ניט גע־שטערט צו באהויפטען אז בלויז ער איז גערעכט און די חכמי התלמוד אונגערעכט.

אזא געוואגטע ארויסטרעטונג געגען דעם פאלקס־גלויבען אין דער באלדיגער גאולה, און די באהויפטונג אז די חכמי התלמוד זיינען אונגערעכט אין זייער צייט־רעכענונג האט גע־מוזט באטראכט ווערען אלס צו רעוואלוציאנעריש, און וואס איז נאך מעהר ווי נאטירליך, אז יוסף קארו מיט די אנדערע חכמי צפת האבען עס פארדאמט און געזוכט איהם צוזאמען מיט זיין „מאור עינים״ אריינלעגען אין חרם?״.

דא מוז געזאגט ווערען אז ר׳ עזריה האט ניט געזוכט צו רויבען ביים פאלק זיין גלויבען אין משיח׳ן: צוזאמען מיט׳ן פאלק, האט ער געפילט אז מען מוז האפען אויף א צייט ווען דאס אידישע פאלק וועט באפרייט ווערען פון זיין ביטערען

גלות. ער האט אבער שארף ארויסגעטראטען געגען די יעניגע וואס באשטימען א געוויסען יאהר פאר דער ערשיינונג פון משיח'ן. ער זאגט אין דיזען הינזיכט: „אז מען זאל ניט ער־ווארטען דעם אנקומען פון משיח אין יאהר של"ה מעהר ווי אין אלע אנדערע יאהרען, וויל פון היינט און וייטען זיינען אלע צייטען גלייך ביי גאט'ס רצון". די הויפט אורזאך וואס ער גיט אן, איז וויל נאך זיין צייט־רעכענונג איז דער יאהר של"ה שוין לאנג פאריבער. מיר וועלען, איבעריגענס, לאזען ר' עזריה'ן רעדען פאר זיך:

„איך וועלכער זעהט גרופעס פון נביאים, וואס ווארטען אויף דעם יאהר של"ה, אויף דעם טאג ווען גאט אליין וועט מיט פרייד ארויסנעהמען זיין פאלק און זיי ברייגנען אייביגע דערלעזונג, ווי זיי פאלען אן אויף מיר מיט שארפע פיילען, זאגענדיג: איד, ווארום רויבסטו ביים פאלק זיין טרייסט? ווארום נעמסטו צו ביים פאלק די האפנונג אויף משיח'ס ער־שיינונג אין יאהר של"ה, א. אז. וו. ווי קומט עס, פרעגען זיי מיר, אז אזא גרויסער מקובל ווי ר' מרדכי דאטאו האט אין זיין ספר „מגדל דוד" באשטעטיגט דורך פילע ראיות פון דער תורה, פון מדרש און פון זוהר אז אין יאהר של"ה וועט געבויט ווערען דער בית המקדש, אין יאהר שס"ח וועלען זיך אומקעה־רען אלע אידען פון גלות און אין יאהר ת"ח וועלען אלע טויטע לעבעדיג ווערען, און דו וועלכער האפסט דאך אויף דער גאולה אזוי גוט ווי מיר אלע, ווארום זאלסטו אונז ענטמוטיגען און אוועקנעהמען פון אונז די איינציגע טרייסט וואס אונז איז געבליבען? וואו איז דיין פארשטאנד און וואו איז דיין יושר?

דיזע פאטעטישע ווערטער גיבען אונז דאס בעסטע בילד פון דעם פסיכאלאגישען און הילפלאזען צושטאנד אין וועלכען אידען האבען זיך דאן געפונען. דער ר' מרדכי דאטאו וואס ר' עזריה דערמאנט, איז געווען א תלמיד פון ר' משה קארדיבירו און איז בארימט געווען אלס גרויסער בעל קבלה. מערקוויר־דיגערווייזע איז זיין ספר „מגדל דוד" קיינמאל ניט געדרוקט

געוואָרען, הגם אין ר׳ עזריה׳ס צייטען איז ער געווען זעהר באַפּולער. פילע געשריבענע קאָפּיעס פון דיזען קבלה־ספר זיינען דאַן ארומגעגאַנגען צווישען פאָלק, אָבער אין דרוק איז ער קיינמאָל ניט געקומען. ר׳ מרדכי דאַטאָ האָט געלעבט אין די יאָהרען 1527—1585.

ר׳ עזריה גיט אָפּ דעם גאַנצען פרק מ״ג פון חלק „אמרי בינה״ דער פינפטער טייל, צו באַהאַנדלען דיזע פראַגע, און ער ענדיגט מיט א לאַנגען ציטאַט פון רמב״ן׳ס „קץ הגאולה״ ווע־גען וועלכען דער שרייבער האָט שוין גערעדט אין „ויכוח הרמב״ן״.

„ווען מיר זאָלען אפילו אננעמען — זאָגט דער רמב״ן — אז עס איז גאָט׳ס ווילען מיר זאָלען זיך פייניגען אין גלות צוליב א געוויסען צוועק, וועט עס דאָך אָבער גאָר ניט שאַדען צו דער תורה ווייל מיר מוזען פאַרשטעהן אז די לאַנג־ערוואַר־טעטע משיח פעריאָדע מיינט ניט אז מיר וועלען דאַן געניסען די פרוכט פון לאַנד, זיך באָדען אין די וואַרימע וואַסער קוואַלען פון טבריה, אדער נאָך עהנליכע פאַרגעניגענס. נאָך מעהר, אפילו די קרבנות און אַנדערע געטליכע דינסט אין א צוקונפטי־גען בית המקדש, ווערט ניט פאַרלאַנגט פון אונז. אונזער לוין און אונזער אויסקוק איז: א גייסטיגער גן־עדן אין וועלכען אונזער נשמה וועט געפינען באַפרידיגונג זייענדיג נאָהענט מיט גאָט אין זיין בית המקדש צוזאַמען מיט די כהנים און נביאים. אונזער וואונש איז אז די משיח פעריאָדע זאָל אונז ברייגנען יענע ריינע הייליגע אומגעבונג אין דאָס הייליג לאַנד באַאיינפלוסט פון דער שכינה, וואָס איז פאַר אונז שווער צו דערגרייכען היינט, ווען מיר זיינען אזוי פאַרשקלאַפט אין גלות. א. אז. וו.

אין קורצען, ענדיגט ר׳ עזריה מן האדומים, מיר מוזען איינשטימען מיט׳ן רמב״ן׳ס בריליאַנטענע ווערטער אין באַצוג צו אונזער האָפנונג אויף משיח׳ן. דער צוועק איז, אז מיר זאָלען דאַן קענען אָפּהיטען אונזער תורה אומגעשטערט פון וועלטליכע

באַדערפּנישען; אונזער נשמה זאָל זיך דאַן קענען דערהויבען צו באַגרייפען די ריינע געטליכקייט. זאָל די גאולה קומען שנעלער אדער זיך פאַרציהען ביז אַן אונבאַשטימטע צייט, דאס זאָל אונז ניט שטערען נאַכצוקומען די פאַרשריפטען פון אונזער הייליגער תורה, ווייל בלויז מיט דער תורה קענען מיר לעבען און עקזיס־טירען״.

* * *

אין דעם גרויסען ערד־ציטערניש וואס איז פאַרגעקומען אין פעראַרא, איטאַליען, דעם 18־טען נאָוועמבער, 1571, האט ר׳ עזריה דורך א צופאַל געראַטעוועט זיין לעבען. מיט אַ שעה שפּעטער איז ער אַוועק צו זיין טאַכטער און אַ שעה שפּעטער איז זיין הויז איינגעפאַלען.

אַ דאַנק דיזען צופאַל איז געשאַפען געוואָרען זיין ספר „מאור עינים״, דער ערשטער אויפ׳ן געביט פון אידישער קרי־טיק, זיין „ליכט פון די אויגען״ איז געווען דער וועג־ווייזער פאר אַלע שפּעטערדיגע אידישע פאָרשער. דער „מאור עינים״ איז צום ערשטען מאָל געדרוקט געוואָרען אין יאהר 1575, און איבער צוויי הונדערט יאהר שפּעטער האט מען איהם איבער־געדרוקט. צוויי הונדערט יאהר האט מען איהם כמעט ווי פאַרגעסען. ערשט מיט׳ן אָנקומען פון דער השכלה־עפּאָכע האט ער געקראָגען די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט און איז מערערע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרען.

ר׳ עזריה מן האדומים האט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע וועלכע טיטוס נאָך זיין זיג איבער ירושלים, האט געבראַכט אין איטאַליען. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאהר 1514 און געשטאָרבען 1578 — ער האט געלעבט 64 יאהר טראָץ דעם וואס ער איז געווען אַ צעבראַכענער קערפּער אַלע זיינע יאהרען. ער איז געווען ווי גרעץ דריקט זיך אויס: „שוואַך, געל, איינ־געצערט, פיבעריש און אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטען״.

דער דאָזיגער צעבראַכענער נפש האט אָבער געשאַפען אַ נייע ליטעראַרישע עפּאָכע אין דער אידישער קולטור — די עפּאָכע פון „חכמת ישראל״.

# דער אברבנאל אַלס שפּאַנישער רעפּובליקאַנער

די מלחמה אין שפּאַניען צווישען דער רעפּובליקאַנישע רעגירונג און די פאַשיסטישע אַנגרייפער, דערמאַנט אונז דעם קוריאָזען פאַקט אַז נאָך מיט העכער פיר הונדערט יאָהר צוריק האָט שוין אַ אידיש־שפּאַנישער שטאַאַטסמאַן שטאַרק אַגיטירט פאַר אַ רעפּובליק.

דער נאָמען פון דעם פאַרצייטיגען רעפּובליקאַנישען אַגי־טאַטאָר איז דער אַל־באַקאַנטער דון יצחק אברבנאל.

דער אברבנאל איז געבוירען געוואָרען און האָט געלעבט אין שפּאַניען ביז דעם האַלסייל גירוש פון די שפּאַנישע אידען אין יאָהר 1492. דער שפּאַנישער קעניג אונטער וועמען דער אברבנאַל האָט געדינט אַלס פינאַנץ מיניסטער, האָט איהם געבעטען בלייבען אין שפּאַניען, אָבער דער גרויסער אידישער שטאַאַטסמאַן האָט בעסער אויסגעקליבען דעם וואַנדער־שטעקען און אַוועק אין גלות צוזאַמען מיט זיינע אומגליקליכע ברידער.

דון יצחק אברבנאל איז געווען ניט אַליין אַ שטאַאַטסמאַן נאָר אויך אַ פילאָזאָף, ביבלישער קאָמענטאַטאָר, און מחבר פון מעהרערע ספרים אין אַלע זיינע ווערק זעהט זיך ארויס זיין געזונטער, קלאָרער פאַרשטאַנד און אַן אינטימען באַקאַנט־שאַפט מיט דעם ענין וועלכען ער באהאנדעלט.

אַמבעסטען איז דער אברבנאל באַקאַנט דורך זיין פּירוש אויף חומש, און אין אַ פּירוש אויפ׳ן פּסוק „שום תשים עליך מלך אשר יבחר ה׳ אלהיך בו מקרב אחיך תשים עליך מלך״ (זאָלסט זעצען אַ קעניג איבער זיך, וועמען גאָט וועט אויסדער־וועהלען, פון צווישען דיינע ברידער זאָלסטו זעצען אַ קעניג

איבער זיך, דברים, י״ז ט״ו) מאַכט דער אברבנאל די פאָלגענדע כאראקטעריסטישע באמערקונג :

„עס איז וויכטיג פאַר אונז צו וויסען אויב אַ קעניג איז אַ נויטווענדיגקייט. אַ נאַטירליכע איינגעבוירענע פאָלקס־נויט־ווענדיגקייט, אָדער ס׳איז מעגליך צו עקזיסטירען אָהן איהם״, א. אז. וו.

„דער פראַקטישער שכל און געזונטער פרינציפּ זאָגט אונז אז ווען דער יחיד. דער איינצעלנער, שטימט ניט מיט דער מאַיאָריטעט, איז דער געזעץ לויט די ענטשיידונג פון דער מאַיאָריטעט. גיכער וועט איין מענש באגעהן אַ פאַרברעכען, דורך זיין נאַרישקייט, דורך אַ שווערען נסיון וואָס ער קען ניט ביישטעהן, אָדער דורך זיין כעס ווי דער פסוק זאָגט : „חמת מלך מלאכי מות״ (דער צאָרן פון אַ קעניג איז אַ מלאך המות, משלי ט״ז, י״ד). איידער פילע מענשען זאָלען זיך צוזאמענרעדען צו באגעהן פאַרברעכענס. נאָכמעהר, צוליב דעם וואָס זייער אדמיניסטראַציע איז אַ צייטווייליגע, און אין אַ קורצער צייט שפּעטער וועלען זיי מוזען אָפּגעבען דין וחשבון, וועט די מורא פאַר מענשען אימער זיין אויף זיי.

„אָבער וואָס לוינט צו ברייגגען אַבסטראַקטע ארגומענטען ווען די ערפאַהרונג איז מעהר איבערצייגענד און שטאַרקער ווי לאָגיק ? באַטראַכט און קוקט זיך צו אויף די לענדער וואו די אַדמיניסטראַציע ליגט אין די הענט פון קעניגע, און איהר וועט באַלד באמערקען זייער שמוץ און קאָרופּציע, יעדער איינער פון זיי טוט לויט ווי איהם געפעלט. דורך זייערע מעשים האָבען זיי אָנגעפילט די וועלט מיט פאַרדאָרבענהייט. פון דער אנדער זייט זעהען מיר אָבער היינט צו טאָג פילע לענדער וואו די אדמיניסטראציע איז אין די הענט פון דערוועהלטע ריכטער : צייטווייליגע הערשער ווערען דאָרט אויסגעקליבען. איז איבער זיי אַ פיהרער געגען וועמען ס׳איז ניטאָ קיין אויפשטאַנד. זיי קלייבען אויס נאָך באַשטימטע רעגולאַציעס דאס וואס איז ריכטיג ; זיי רעגירען איבער אַנגעלעגענהייטען וואס האָט צו טאָן מיט מלחמה ; קיינער קען געגען זיי זיך ווידערשטעלען״.

„ווייסטו דען ניט? האסטו דען ניט געהערט וועגען דאס גרויסע לאנד וואס האט אמאל געהאט באהערשט דאס גאנצע וועלט? זי האט באזיגט דעם גאנצען ערד קוגעל, האט עס געטראטען אונטער איהרע פיס און האט עס צובראכען אין שטיקער, ווען איהר אדמיניסטראציע איז געלעגען אין די הענט פון פילע קאנסולען, וועלכע זיינען געווען געטריי, גרויס אין צאהל, און האבען אנגעהאלטען זייער הערשאפט בלויז צייטווייליג. קוים אבער האט א קייזער גענומען הערשען איבער איהר, איז זי באלד געווארען אן אונטערטעניגע”. (דער לעזער וועט געוויס פארשטעהן אז דער אברבנאל באציהט זיך צום אמאליגען רוים).

„אפילו היינט איז ווענעדיג א שטאלצע הערשעריין, גרויס צווישען די נאציאנען, א פרינצעסין צווישען די פארשידענע שטאטען, און דער שטאט פלארענץ איז דער שטאלץ פון אלע לענדער, (אין צייט פון אברבנאל זיינען ווענעדיג און פלארענץ געווען צוויי אונאבהענגיגע רעפובליקען). גלייכפאלס זיינען דא אנדערע שטאטען, גרויס און קליין, האבען ניט קיין קעניג און ווערען געפירט ביי אויסערוויילטע פיהרער פאר א באשטימטע צייט.”

„אין אן ערוויילטער רעגירונג וואו עס קומט ניט פאר קיינע געמיינהייטען מצד די ערוויילטע, קען איינער ניט אויפהויבען א האנט אדער א פוס צו באגעהן אן אונגעזעצליכען טהאט. זיי באזיגען אנדערע לענדער מיט פארשטאנד, מיט אויסגערעכענטקייט. אין פולען באוואוסטזיין. דאס אלעס איבערצייגט אז די עקזיסטענץ פון א קעניג איז ניט א נויטווענדיגקייט. ניין, עס איז א שטערונג און די גרעסטע געפאר, א. אז. וו.”

צוליב דעם דענק איך אז קעניגע זיינען צום ערשטען געקומען צו הערשען ניט ווייל דאס פאלק האט זיי ערוויילט. נאר דורך מאכט: דער וואס האט געהאט די מאכט דער האט פארכאפט די הערשאפט; אזוי ווי דער פסוק דריקט זיך אויס: „נעלה ביהודה ונקיצנה ונבקיענה ונמליך מלך בתוכה את בן

טבאל׳׳ — (לאמיר געהן אויף דאס לאנד יהודה און איהר באַ־זיגען און אוועקזעצען אַ קעניג איבער איהר, ישעיה 7, 6).

דער אברבנאל שליסט זיין פירוש אויפ׳ן פסוק „שום תשים עליך מלך׳׳, מיט די פאלגענדע שארפע און בייסענדע ווער־טער: „עס מוז געזאגט ווערען, אַז דער דאזיגער צושטאַנד איז ניט אין אַלע לענדער גלייך; ווארום אין אנדערע האט דער קעניג ניט אזוי פיל מאַכט אין דער אדמיניסטראציע. אבער דער בעסטער פון דיביידע — (ס׳הייסט אַ קעניג מיט מעהר מאַכט, אדער אַ קעניג מיט ווייניגער מאַכט. ש. ת.) איז דער דאזיגער וואס עקזיסטירט נאך ניט׳׳.

* * *

דעם אברבנאל׳ס שארפע און קלארע ווערטער וועגען די מעלות פון א רעפובליק איבער אַ מאנארכיע פאדערט ניט קיינע פירושים. געמיינט האט דער אברבנאר בלויז צו שרייבען אַ פירוש אויפ׳ן פסוק, אבער צו דער זעלבער צייט האט ער אי־בערגעלאַזען פאר דער מענשליכער געשיכטע אַ גלענצענדע אפ־האנדלונג וועגען דעם ווערט פון אַ פאלקס־רעגירונג אין פאַר־גלייך מיט א מאנארכישע רעגירונג.

וואלט שפאניען געהאנדעלט אין גייסט פון איהר אידי־שען שטאאטסמאנ׳ס ווערטער, וואלט זי זיכער ניט געזונקען צו איהר איצטיגע פאליטיש־טרויעריגער לאגע.

ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט די שטרענגע צענזור גע־גען אידישע ספרים אין די לעצטע פיר הונדערט יאהר, איז עס ווירקליך דער גרעסטער וואונדער אז דעם אברבנאל׳ס שארפע אַטאַקע געגען קעניגע איז ערלויבט געווארען צו דרוקען. ווי־סענדיג ווי אידישע ספרים זיינען אונטערדריקט געווארען צוליב פיר מילדערע ווערטער וואס דער צענזור האט ניט געוואלט ליידען, איז עס שטוינענד וואס אַזאַ שטאַרקער אַנגריף געגען דער קייזערליכער מאַכט איז געבליבען אונבאריהרט פון דעם צענזורס האנט, און אַ דאַנק דעם איז פרעזערווירט געווארען פאַר דער צוקונפט אַ ליטעראַרישער פערל אין דער היסטאַריע פון דעמאקראטישע פאלקס רעגירונגען.

ווי שוין דערמאָנט, דון יצחק אייזיק אברבנאל איז געווען אַ פינאַנץ מיניסטער אין שפּאַניען ביז׳ן יאָהר 1492. זיינע מיניסטאָרישע און אַנדערע פליכטען האָבען איהם אָבער ניט אָפּגעריסען פון דער תורה. אין העכסטען גלאַנץ פון זיין קאַריערע וואָס האָט איהם פאַרשאַפט רייכטהום, כבוד און פּאָ־ליטישע בארימטהייט, האָט ער קיינמאָל זיך ניט דערווייטערט פון תורה און וויסענשאַפט. און אין באַצוג צו דעם, זאָגט ער אין זיין הקדמה צו זיין פירוש אויף „מלכים״:

„מיין הויז איז געווען אַ פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פאַר תלמידי חכמים... אין מיין וואוינונג און צווישען מיינע ווענט איז געווען רייכטום און כבוד פאַר תורה, און פאַר די אַלע וועלכע האָבען זיך באַרימט געמאַכט דורך זייער תורה״.

טראָץ די דאָזיגע ווערטער טרעפען מיר דעם אברבנאל שפּעטער וואו ער קריטיקירט זיך אַליין פאַרוואָס ער האָט זיך ניט גענוג אָפּגעגעבען מיט לערנען תורה דאַן ווען זיין שטערען האָט געשיינט. אין אַ בריף וואָס ער האָט געשריבען נאָכדעם ווי ער איז אוועק פון שפּאַניען מיט אַלע אַנדערע אידען, זאָגט ער צווישען אַנדערעס:

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב געלעבט אין די קעניגליכע פּאַלאַצען, זייענדיג אין זייער דינסט, האָב איך ניט געהאַט קיין פרייע צייט צו לייענען אָדער שרייבען ספרים. מיינע טעג זיינען אַוועק אין נאַרישע אַמביציעס, שטרעבענדיג נאָך געלט און כבוד. איצט אַז מיין געלט איז אַוועק, דער אידישער כבוד אַוועק אין גלות (גלה כבוד מישראל); איצט ווען איך בין אַ וואַנדערער, אַהן אַ היים און אַהן געלט — איצט בין איך צוריק געקומען צו דער תורה זוכענדיג אין איהר גאָט׳ס הייליג וואָרט. איצט אַז מיר פעלט אַלעס אין לעבען, האָב איך צוריק גענומען לערנען, ווי דער תלמוד זאָגט: „חסורי מחסרא והכי קתני״ (דאָ פעלט עפּעס און אזוי דאַרף געלערענט ווערען)

דער דאָזיגער געלונגענער וויץ פון אברבנאל איז געוואָרען אַ פּאָפּולערער פאָלקס־וואָרט צו באַצייכנען דעם יעניגען תלמיד

חכם וועלכער קעהרט זיך צוריק צו דער תורה נאכדעם ווי ער איז פאראימט געווארען, וועהרעד אין דער גמרא ווערט „חסורי מחסרא והכי קתני" באנוצט צו באצייכנען א געוויסען טעקסט וועלכער לאזט זיך ניט פארשטעהן ווייל אין איהם פעלט עפעס.

* * *

די הילפלאזע לאגע אין וועלכע אידען האבען זיך געפונען נאכ'ן גירוש־שפאניען, האט באוואויגען דעם אברבנאל צו שריי־בען דריי פארשידענע ווערק אין וועלכע ער האט געזוכט צו טרייסטען מיט דער צוקונפטיגער גאולה ווען משיח וועט קומען. ער האט געזוכט צו באפעסטיגען דעם פאלקס גלויבען אין דער משיח פעריאדע אום דאס פאלק זאל ניט פארצוויי־פעלט ווערען, און זיינע ווערק האבען ווירקליך געהאלפען אויפצובויען דעם פאלקס גלויבען אין א פעריאדע ווען דאס אידישע פאלק וועט פארגיטיגט ווערען פאר זיינע פילע ליידען אין גלות. די דאזיגע דריי ספרים זיינען: „מעיני הישועה", (די קוואלען פון הילף); „ישועות משיחו", (די ישועה וואס משיח וועט ברענגען), און „משמיע ישועה" (פראקלאמירונג פון ישועה).

# ר׳ יעקב מולין,
# און זיין ספר „מהרי״ל״

אין דער ענגלישער קולטור איז דזשיימס באָזוועל באַ־קאַנט אַלס דער קלאַסיקער אין דער ביאָגראַפישער ליטעראַטור. זיין ווערק איבער דעם לעבען פון זיין רבי׳ן דר. סעמיועל דזשאָהנסאָן, איז אַנערקענט אַלס דאָס בעסטע ביאָגראַפישע ווערק, אַלס אַ קלאַסישעס ווערק. באָזוועל האָט פאַרגעטערט זיין רבי׳ן: ער האָט זיך אריינגעלעבט אין זיין רבי׳ס פסי־כאָלאָגיע אויף אַזוי פיל אַז ער האָט פאַרצייכענט יעדען טריט פון זיין רבי׳ן; זיין יעדע באַוועגונג, זיין יעדען געדאַנק, זיין באַנעהמונג; אַלעס אין זיין רבי׳נס לעבען האָט באָזוועל בעאָבאַכטעט און איבערגעגעבען אין זיין בוך „לאַיף אָף דר. דזשאָנסאָן״.

ביי אונז אידען איז די ביאָגראַפישע ליטעראַטור וועניג וואָס ענטוויקעלט. אונזערע מחברים און סופרים אין דער פאַר־גאַנגענהייט האָבען זיך ניט אָפּגעגעבען דערמיט. מען קען זאָגען, אַז אונזערע אַמאָליגע מחברים זיינען געווען צו הויך גייסטיג ענטוויקעלט זיך אָפּצוגעבען מיט אונגייסטיגע זאַכען. ווי ביאָגראַפישע באַשרייבונגען. מיר געפינען צוליב דעם ניט אין דער אַלטער גרויסער תלמודישע ליטעראַטור־ווערק ספּע־ציעל באַשאַפען צו באַשרייבען דעם לעבען פון אַ געוויסען גדול.

באָזוועל אין דער ענגלישער ליטעראַטור, באַצייכענט דעם ביאָגראַפער, ריכטיגער, דעם תלמיד, וואָס האָט טיף איינגע־דרונגען אין דער נשמה פון זיין רבי׳ן, וועמענס לעבען איז פאַרבונדען מיט דעם לעבען פון דער פערזאָן וועלכע ער בעאָ־באַכטעט אויף טריט און שריט. באָזוועל איז דער תלמיד וואָס

לעבט מיט'ן רבי'ן און פאַר'ן רבי'ן; דער חסיד וואָס געפינט אין „זיין צדיק" דעם מאָטיוו פאַר זיין אייגענעם לעבען.

מיר האָבען געהאַט און מיר האָבען אויך אַצינד חסידים פאַר וועמען דער „צדיק" איז דער איינציגער וועג־ווייזער אין זיין לעבען; תלמידים וואָס בעאָבאַכטען דעם רבינ'ס יעדע באַוועגונג און יעדען געדאַנקען־גאַנג. מיר האָבען אָבער ניט אַזעלכע ספרים ווי באַזוועל'ס „לאַיף אָן דר. דזשאָנסאָן".

און דאָך קען די אַלטע רבני'שע ליטעראַטור אָנווייזען אויף איהר באַזוועל. נאָך מיט פינף הונדערט יאָהר צוריק האָט שוין די תלמודישע ליטעראטור ארויסגעגעבען אַ באַזוועל, וועלכער איז פילייכט דער איינציגער אויף דיזען געביט. דיזער אידישער באַזוועל האָט פאַרצייכענט דעם לעבען פון זיין רבי'ן מיט אַלע איינצעלהייטען, זיין גאַנצע הנהגה פון אָנפאַנגס ביז צום ענדע יאָהר. דער אידישער „מנהג" האָט אַלע מאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם אידענס גייסטיגען לעבען. דער „מנהג" האָט פילע מאָל ענטשיידעט געוויסע געזעצליכע פראַגען, ביי דיזען אידישען באַזוועל וועלכער האָט געלעבט בלויז מיט'ן רבי'ן און פאַר'ן רבי'ן, ביי איהם איז דער רבי געווען אַ שטעהענדער „מנהג". דעם רבינ'ס פיהרונג איז געווען פאַר איהם דער איינציגער „מנהג" פאַר וועלכען אַלע אַנדערע האָבען זיך געמוזט בויגען. דיזער אידישער באַזוועל האָט קאָנצענטרירט זיין גאַנצען „איך" אין זיין רבינ'ס עקזיסטענץ, און אַזוי האָט ער אויך איבערגעגעבען זיינע איינדריקע פאַר די צוקינפטיגע דורות.

דיזער אידישער באַזוועל איז געווען אַ תלמיד פון ר' יעקב הלוי מולין, באַקאַנט אַלס דער „מהרי"ל" און דעם ספר וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען איז דער „ספר מהרי"ל". דיזע ווערק ענטהאַלט די דינים און מנהגים פון אַ גאַנץ יאָהר, לויט ווי דער „מהרי"ל" האָט עס אָפּגעהיט. דער מחבר, לויט ווי ער אַליין גיט איבער, איז זיין נאָמען געווען „זלמן פון שוטיגווערא" — (סט. גאָאר) אַ שטעטעל ביים רהיין, און מיט די געווענהליכע ענוה פון אַ פאַרצייטיגען תלמיד־חכם באַמערקט ער

וועגען זיך. „ואני חרפת אדם ובזוי לא מלאני לבי בראשונה להאיר הדברים לעולם כאשר בער מדעת אנכי" (און איך, א שאנדע פאר דער מענשהייט און פאראכטעטער, האב מיך אין אנפאנגס ניט געוואגט צו באלייכטען די וועלט מיט זיינע ווערטער, ווייל איך בין לעער פון וויסענשאפט).

דער „מהרי"ל", וועמענס פולער נאמען איז געווען ר' יעקב בן משה הלוי סג"ל מולין, איז געווען רב אין מאינץ, געבוירען ארום 1365 און געשטארבען אין יאהר 1427. אין „ספר מהרי"ל" דערמאנט ער מעהרערע מאל אז ער איז געווען א תלמיד פון ר' שלום פון עסטרייך. דער לעצטער איז געווען צו יענער צייט רב אין ווינער ניישטאט און איז באוואוסט געווען אלס איינער פון די גרעסטע תלמודישע אויטאריטעטען אין זיין צייט.

דער „מהרי"ל" איז געווען איינער פון די גרעסטע אידי־שע פיהרער אין זיין צייט. פילע שאלות ותשובות ספרים פון זיין צייט ברייגען און ציטירען איהם אפטער. זיין איינפלוס האט זיך געלאזט פיהלען אויך פילע דורות שפעטער אויפ'ן געביט פון אידישען רעליגיעזען לעבען. פילע פון די שפעטערע פוסקים און מפרשים דערמאנען איהם. ער האט אין זיין צייט רעגולירט דעם אידישען לעבען אין די דייטשע לענדער צו יענער צייט. פון מהרי"ל'ס הנהגה ווי זיין תלמיד האט עס פארצייכענט, שפיגעלט זיך אפ דער געזעלשאפטליכער לעבען פון די דאמאלסדיגע אידישע קהלות וועלכע האבען געליטען פון דעם כאאטישען צושטאנד וואס האט דאן באהערשט די אלגעמיינע דייטשע באפעלקערונג. צו יענער צייט איז פארגע־קומען בירגער־קריג אין די רהיינישע פראווינצען אין טורינגען, אין באיערן. די אידען, ווי געוועהנליך, האבען זעהר געליטען פון די מלחמות און זיי האבען זיך געווענדעט צום „מהרי"ל" ער זאל מתפלל זיין פאר זיי. דער מהרי"ל האט דאן געהייסען די אידען פאר א צייט פון זיבען טעג פאסטען און תשובה טאן. באלד נאכהער זיינען אנגעקומען די קעניגליכע טרופען און די

אידען זיינען ניצול געווארען פון א גרויסען געפאַר. אין אלגע־מיין, דער „ספר מהרי״ל״ איז מערקווירדיג ניט צוליב דעם וואס ער דערצעהלט אונז דעם לעבען פון א יחיד, נאר מעהרסטענס צוליב דעם וואס דער יחיד איז א טיפ פון דעם אידען צו יענער צייט, און פון דיזען שטאַנדפונקט איז ער איי־נער פון די מערקווירדיגסטע ספרים אין דער אלטער רבני׳שער ליטעראַטור.

די שוואַרצע פעסט אין דעם יאהר־הונדערט בעפאַר דעם מהרי״ל, מיט די אידישע פאַרפאַלגונגען אַלס רעזולטאַט דער־פון, האַט רואינירט און צובראָכען דעם אידישען געזעלשאַפט־ליכען לעבען אין דייטשלאַנד. די גרויסע ישיבות זיינען צו־שטערט געווארען; דער לערנען פון תורה האט געהאלטעןביים אונטערגעהן, און פילע קהלות זיינען גענצליך אפגעווישט געווארען. די וואס זיינען געבליבען האבען פאַרלאָרען יעדען פאַרקעהר צווישען זיך, און עס איז געקומען דערצו אז די גרעסערע אידישע קהלות האבען געהאַט יעדע איהר אייגענעם מנהג.

אין דעם אידישען רעליגיעזען לעבען האט דאַן געהערשט אַ מין כאַאָס. און אונטער אזוינע אומשטענדען איז געקומען דער מהרי״ל און מיט זיין איינפלוס ווידער פעסטגעשטעלט דעם מנהג, — דעם אלגעמיינעם רעליגיעזען לעבען. דער מנהג פון מהרי״ל איז געווארען אַנגענומען אין אלע אידישע קהלות. אלע אַנדערע מנהגים פון די פארשידענע קהלות האבען גע־מאַכט פלאַץ פאַר דעם מנהג פון דעם גרויסען מהרי״ל אויף וועלכען מען קען מיט רעכט זאגען, אז זיין אויטאָריטעט האט פאַראייניגט אלע דייטשע אידישע קהלות אין אַ געמיינשאפט־ליכע קערפערשאַפט אויפ׳ן רעליגיעזען געביט.

ר׳ זלמן פון סט. גאאר, זיין תלמיד, האט פינקטליך פאַר־צייכענט דעם מהרי״ל׳ס אלע מנהגים. ווי ווייט זיין פינקט־ליכקייט געהט קען מען זעהן פון די „לקוטים״ צום שלוס פון ספר, וואו ער פארצייכענט ווי זיין רבי פלעגט רעדען צו

זיין פרוי, ווי ער פלעגט באהאנדלען זיינע תלמידים, ווי פאר־זיכטיג ער פלעגט אפהיטען זיינע ספרים און אפילו ווי פאר־זיכטיג ער פלעגט אכטונג געבען אז זיינע לינען, זיינע לייל־כער זאלען זיין אימער ריין.

מען קען זאגען אז דער אידישער באזוועל פון פינף הונ־דערט יאהר צוריק, האט אין דיזען הינזיכט איבערטראפען דעם ענגלישען באזוועל. דער ערשטער איז פיל ווייטער אוועק אין איבערגעבען געוויסע איינצעלהייטען פון זיין רבי׳ן.

ר׳ זלמן, בעפאר ער פארנעמט זיך מיט די „לקוטים״, זאגט ער אז ער שטיצט זיך אויפ׳ן מאמר פון תלמוד וואס זאגט אויפ׳ן פסוק „ועליהו לא יבול״ אז „אפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכין תלמוד״. אויף דיזען מאמר — זאגט ר׳ זלמן — האב איך געלייגט פיל געוויכט ווען איך האב צוזאמען געקליבען אפילו די איינפאכע, די שיחת חולין פון מיין ליבען רבי׳ן. מערקווירדיגערווייז האט דזשיימס באז־וועל, דער ענגלישער ביאגראפער פון מעהר ווי דריי הונדערט יאהר שפעטער, דעם זעלבען פסוק פון תהלים אלס הקדמה צו זיין „לאיף אף דזשאנסאן״. דער קריסטליכער באזוועל זאגט, אז ערגעץ אין אן ענגלישען בוך האט ער געטראפען דעם „רד״ק׳ס״ פירוש אויף דעם פסוק „ועליהו לא יבול״ אז דאס מיינט: „אז אפילו די פראסטע רייד פון א גוטען מענשען דארף מען אכטען״.

דער קריסטליכער ביאגראפער פון אכצענטען יאהרהונ־דערט און דער אידישער ביאגראפער פון פופצענטען יאהרהונ־דערט,ביידע באנוצען דעם זעלבען פסוק פון תהלים און די זעלבע תלמודישע ערקלעהרונג, אלס הקדמה צו זייער ווערק. דיזער ליטערארישער אינצידענט איז א מערקווירדיגע קוריא־זיטעט אן און פאר זיך.

דער „ספר מהרי״ל״ איז א בן־יחיד אין דער אלטער העברעאישער ליטעראטור. אין קיין ספר ווערט ניט איבער געגעבען דאס טאג־טעגליכע אידענטום אזוי ווי אין דיזען ספר.

דאַ האָט מען ניט צו טאָהן מיט אַ טעאָרעטישער אידענטום, נאָר מיט אַ פּאָזיטיווער, אַ פּראַקטישער אידענטום, לויט ווי דער מהרי״ל האָט עס פּראַקטיצירט. ר׳ זלמן דערצעהלט אונז ווי זיין רבי האָט אָפּגעהיט יעדע מצווה באַזונדער יעדען טאָג פון יאָהר. ער הויבט אָן פון ראש חודש ניסן מיט אַלע מצוות וואָס באַלאַנגט צו פּסח און געהט דורך דעם גאַנצען יאָהר, אַנגעבענדיג צו דערזעלבער צייט אַלע זיינע הנהגות אין באַצוג צו אַ געוויסער מצווה. פאַרביי־געהענדיג דערצעהלט ער אויך וועגען די דרשות וואָס דער רבי פלעגט דרשנ׳ען געוויסע צייטען פון יאָהר, א. אז. וו.

אין יעדער בלאַט פון דעם ספר ווערען געבראַכט פילע אויסדריקען אין זייער אָריגינעלען לשון, אין דעם דייטש וואָס אידען האָבען גערעדט. ווי אויך פילע פאָלקס־מנהגים וואָס שטעלען אונז דייטליך פאָר דאָס לעבען פון יענער צייט.

ר׳ זלמן דערצעהלט אויך אַז דער מהרי״ל האָט אין זיין צייט געפונען אויפ׳ן בית־עולם אין מאַינץ אַ מצבה מיט אַן אויפשריפט „שפחה חרופה״ און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז די מצבה איז שוין אַלט עלף הונדערט יאָהר. ער ענדיגט מיט די ווערטער: „מכל זה נשמע שק״ק מגנצ״א היתה קהילה חשובה מכמה וכמה שנים״ (דערפון איז צו זעהן אַז נאָך מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק איז שוין געווען מאַינץ אַ וויכטיגע אידישע קהלה).

די מצבה וועגען וועלכע דער מהרי״ל דערצעהלט, ברענגט אַרויס דעם היסטאָרישען פאַקט אַז אין מאַינץ האָבען אידען געוואוינט נאָך מיט זעכצעהן הונדערט יאָהר צוריק, פיליכט נאָך פיל פריהער ווי די הייניטיגע אַריער וועלכע ווילען האָבען אַז דער איד אין דייטשלאַנד איז אַ פרעמדער. די אַנגענומענע מיינונג איז אַז די אידען אין דייטשלאַנד זיינען געקומען מיט די רוימישע לעגיאָנען וועלכע האָבען באַזיגט און באַהערשט די רהיינישע פּראָווינצען מיט אומגעפעהר צוויי טויזענד יאָהר

צוריק. די דערמאָנטע מצבה איז נאָך אַלע וואַרשיינליכקייטען אַ באַשטעטיגונג צו דער דאָזיגער טעאָריע.

צום שלוס פון ספר דערצעהלט ר׳ זלמן אז דעם מהרי״ל׳ס פרוי איז געשטאָרבען אַ יאָהר בעפאָר איהם. איהר נאָמען איז געווען „גימכי״ן״ און זי איז געשטאָרבען, לויט נאָך דעם נוסח פון איהר מצבה, „ליל ה׳ ז׳ מרחשון קפ״ו לאלף הששי״. דער נוסח פון איהר מצבה איז געמאַכט געוואָרען ביים מהרי״ל אַליין און זיין נאָמען „יעקב הלוי״ איז אויסגעקריצט אין די ראשי תיבות. נאָך דיזען חשבון איז דער מהרי״ל געטאָרבען קפ״ז (1427).

# „בריוו פון אַ טערקישען שפּיאָן"

## אָריגינעלע דאָקומענטען וואָס וואַרפען
## אַ נייע ליכט אויף דער שבתי צבי
## באַוועגונג 1666—1667.

„בריוו פון אַ טערקישען שפּיאָן" וואָס איז ערשינען צום ענדע פון 17־טען, אָדער אָנפאַנגס פון 18־טען יאָהרהונדערט, האָט פאַראורזאַכט א סענסאַציע אין דער ליטעראַרישער וועלט. אין אַ קורצער צייט זיינען אַרויס מעהרערע אויפלאַגעס און איז איבערזעצט געוואָרען אין פילע אַנדערע שפּראַכען. מען קען מיט רעכט באַהויפּטען אַז די „בריוו פון'ם טערקישען שפּיאָן" האָבען נאָך ביז היינט ניט פאַרלאָרען דעם חן און ליטע־ראַרישען צויבער וואָס ליגט אין זיי. נאָך היינט לייענט מען די דאָזיגע „בריוו" וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אין די יאָהרען פון 1637 ביז 1682 מיט אַ באַזונדערען אינטערעס און קוריאָזיטעט.

טראָץ דעם טיפען אינטערעס וואָס די לעזענדע וועלט האָט געפונען אין די דאָזיגע „בריוו" איז דער אמת'ער פאַר־פאַסער פון דעם דאָך געבליבען אונבאַוואוסט. מאַנכע ביבליאָ־גראַפישע אויטאָריטעטען ווילען האָבען אַז דער מחבר איז גע־ווען אַן איטאַליענער ביים נאָמען „מאַראַני". נאָך דיזע אויטאָ־ריטעטען האָט „מאַראַני" אונטער דער מאַסקע פון א טערקישען שפּיאָן פאַרפאַסט די „בריוו" וועלכע, ווי ער באַהויפּטעט, ער האָט געפונען צווישען די פּערזענליכע פּאַפּירען פון דעם טער־קישען שפּיאָן נאָכדעם ווי דער לעצטער איז פּלוצלינג פאַר־שוואונדען געוואָרען אין פּאַריז, אין יאָהר 1682, אייזיק דיז־

ראעלי, דער פאטער פון בענדזשאמין דיזראעלי, האט נאך מיט א הונדערט יאהר צוריק באהאנדעלט די פראגע וועגען דעם אמת'ען פארפאסער פון די „בריוו", און אין זיין ווערק „ליטערארי קוריאסיטיס" האט אייזיק דיזראעלי א באזונדערען קאפיטעל אין וועלכען ער זוכט פעסטצושטעלען אז מאראני איז דער ווירקליכער שרייבער פון די „בריוו".

נאר ווער עס האט די „בריוו" געשריבען, צי א ריכטיגער טערקישער שפיאן אדער, אזוי א שרייבער וועלכער האט די „בריוו" פאבריצירט אין זיין אייגענער פאנטאזיע, מאכט דעם ווערט פון די בריוו ניט קלענער. יעדער בריוו האט א דאטום און אין דער ריכטיגקייט פון דעם דאטום צווייפעלט קיין קריטיקער ניט, די פארשידענע קריטישע אפהאנדלונגען וואס איך האב געהאט פאר זיך, צווייפעלט קיינער ניט אינ'ם דאטום אדער פעריאדע פון די בריוו. דערפאר קען מען אננעהמען פאר ריכטיג די בריוו וועגען שבתי צבי וועלכע טראגען דעם דאטום פון דעם יאהר ווען שבתי צבי האט געלעבט און געווירקט.

עס מאכט ניט אויס ווער דער שרייבער איז געווען, אבער די בריוו זיינען געשריבען נאך אלע ווארשיינליכקייטען אין דער זעלבער פעריאדע פונ'ם פאלשען משיח'ס ערשיינונג, און דאס מאכט די בריוו פאר אריגינעלע דאקומענטען מיט וועלכע יעדער היסטאריקער מוז זיך רעכענען.

דער שרייבער האט פאר זיך די 10־טע אויסגאבע געדרוקט אין לאנדאן אין יאהר 1734, וואס גיט אונז אורזאך צו גלויבען אז די באשרייבונג וועגען דעם פאלשען משיח אין די יאהרען 1666—1667 האט פאסירט אין דעם פארפאסער'ס לעבען אדער, קורץ נאכהער, דערפאר, ווער ס'זאל ניט האבען געווען דער שרייבער פון „בריוו פון א טערקישען שפיאן", דאס מוז מען צוגעבען אז מיר האבען דא צו טאן מיט היסטארישע דאקומענטען וועלכע שטעלען צו א וויכטיגען קאפיטעל אין דער געשיכטע פון יענער מערקווירדיגער אילוזיע וואס האט אויפגעטרייסעלט די אידישע וועלט און האט איבערגעלאזט שפורען וואס מערקען זיך נאך אויך היינט.

THE

SIXTH VOLUME

OF

# LETTERS

Writ by a

# Turkish Spy,

Who Liv'd Five and Forty YEARS Undiscover'd at

# PARIS:

Giving an Impartial ACCOUNT to the *Divan* at *Constantinople*, of the most Remarkable Transactions of EUROPE: And, Discovering several *Intrigues* and *Secrets* of the *Christian Courts* (especially of That of *France*) Continued from the YEAR 1659, to the Year 1682.

*Written, Originally, in* Arabick. *Translated into* Italian, *and from thence into* English, *by the* Translator *of the* FIRST VOLUME.

The TWELFTH EDITION.

*LONDON:*

דער פּראָפעסאָר פון „בריוו פון אַ טערקישען שפּיאָן" — ווער עס זאָל ניט האָבען געווען — זאָגט אַז די בריוו זיינען געשריבען געוואָרען אין אַראַביש דאַן איבערזעצט אין איטאַ־ליעניש און פון דעם אין ענגליש.

דער ענגלישער איבערזעצער האָט אויף דאָס מינדסטע ניט איבערטריבען ווען ער האָט געזאָגט אין פאָדער־בלאַט, אַז די „בריוו", גיבען אַן אומפּאַרטייאישען באַריכט צו דער טער־קישער רעגירונג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועגען די זאָנדער־באַרסטע פּאַסירונגען אין איירָאָפּע און וועגען מעהרערע אינט־ריגעס און געהיימנישען פון די קריסטליכע קעניגליכע הויפען (און איבערהויפּט פון פראַנקרייך) זיך ציהענדיג איבער אַ פּע־ריאָדע פון'ם יאָהר 1637 ביז'ן יאָהר 1682".

אין די דאָזיגע ווערטער קען ווירקליך באַצייכענט ווערען דער אינהאַלט פון די אַכט ביכער, וועלכע ענטהאַלטען אַ זאַמ־לונג פון דיפּלאָמאַטישע באַריכטען און פון וועלכע יעדער באַ־ריכט, אָדער בריוו, איז גענוי און פּינקטליך דאַטירט. עס קען דאַרום קיין צווייפעל ניט זיין, אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אָריגינעלע דאָקומענטען פון וועלכע יעדער באַזונדער איז אַ גענויער רעפּאָרט פון אַ געוויסע פּאַסירונג, איבער וועלכע דער שרייבער האָט באַדאַרפט באַריכטען צו דער טערקישער רעגירונג, וועלכע האָט איהם ספּעציעל געשיקט פאַר דיזען צוועק.

אָבער ווערענד די דיפּלאָמאַטישע באַריכטען האָבען אַ באַדייטענדען ווערטה פאַר יעדען היסטאָרישען פאָרשער, האָ־בען אָבער די דיפּלאָמאַטישע בריוו, וואָס באַרירען אידישע פּאַסירונגען אַ גוואַלדיגען ווערטה פאַר יעדען אידען, וואָס אינטערעסירט זיך אין דער טראַגישער שבתי צבי ערשיינונג. דריי בריוו פון דעם טערקישען שפּיאָן באַציהען זיך צו דער שבתי צבי פּאַסירונג און זענען דאַטירט ווי פאָלגט: „פּאַריז, דער 11־טער פון דעם 9־טען מאָנאַט אין דעם יאָהר 1666",

און „פּאַריז, דער 21טער פון דעם 9־טען מאָנאַט אין דעם יאָהר יאָהר 1666" און „פּאַריז, דער 2־טער פון דעם 11־טען מאָ־נאַט אין דעם יאָהר 1667".

די דאָזיגע דריי בריוו זענען אַלזאָ געשריבען געוואָרען צו דער זעלבער צייט ווען די שבתי צבי דראַמע איז פאָרגעקו־מען און דער שרייבער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו געבען אַ קלאָהרען איבערבליק איבער די הויפּט אַקטיאָרען אין דער דאָזיגער דראַמע און וועגען דעם איינפלוס, וואָס די אויפ־פיהרונג פון דער דראַמע האָט געהאַט אויף דער אידישער וועלט. אין פאַקט, די דאָזיגע בריוו דאַרפען ניט קיינע קאָ־מענטאַרען, זיי זענען דייטליך גענוג צו רעדען פאַר זיך, ווי דער לעזער וועט עס שפּעטער אַליין זעהן.

אָבער איידער מיר קומען צו די בריוו איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז צו יענער צייט האָט די טערקישע רעגירונג זיך באַנוצט מיט פילע אידען אין איהר דיפּלאָמאַטישען דינסט. פילע פון דעם טערקישען שפּיאָנ׳ס בריוו זענען אַדרעסירט צו אַנדערע אידישע דיפּלאָמאַטישע אַגענטען אַזוי ווי: „נתן בן סעדיה, אין וויען", „אַלאַמאַנזי און אדוני אין ווענעדיג", „אַליקים דער איד אין פּאַריז", ווי אויך אַנדערע. דער שרייבער פון די בריוו וועמעס נאָמען איז געוועזען מאַכמוד באַמערקט אין אַ בריוו דאַטירט: „דעם 28־טען יולי, 1645" און אַדרעסירט צו נתן בן סעדיה אין וויען, וואו ער זאָגט צווישען אַנדערעס: „דו האָסט גענוג אורזאַכען צו זיין פאָרזיכטיג ווען דו ביסט ארומגערינגעלט מיט אַזוי פיל מיליאָנען שונאים. זיי איז גוט באַקאַנט די אינטימע באַציהונגען פון דיין נאַציאָן מיט די מיניסטאָרען פון דעם הויכען טערקישען הויף; די פראַנצוי־זען זאָגען עס אַלס אַ פאַקט, אַז די אידען זענען דעם טערק׳ס געהיימע שפּיאָנען. די דאַרפסט דעריבער זיין זעהר פאָרזיכ־טיג אין דיין באַנעמונג, דו דאַרפסט שטרענג אַכטונג געבען, אַז קיין האַנדלונג דיינע זאָל אויפוועקען אַ חשד געגען דיר אין די אויגען פון דער רעגירונג. די דאָזיגע רעגירונג איז פול מיט

אויגען, און דו דארפסט טראגען א שלייער, וואס זאל דיר פארדעקען פיל בעסער ווי דער טלית אין שוהל״.

און ס'איז ניט קיין וואונדער וואס די קריסטען האבען געקוקט מיט פארדאכט אויף אידען, וועלכע מען האט באַטראַכט אַלס פארטרויטע געגנאַסען פון דער טערקישער אימפעריע. צו יענער צייט איז די אידישע לאגע אין אייראָפּע געוואַרען ערגער פון טאָג צו טאָג. כאַראַקטעריסטיש אין באַצוג צו דעם איז דאָס קורצע געדיכט פון דעם באַריהמטען ביז היינט רב, ר' ישעיה הלוי הורוויטץ, באַקאַנט אַלס דער של״ה הקדוש (פארפאסער פון פאָפּולערען ווערק „שני לוחות הברית״), וואו ער דריקט זיך אויס גלייך ביים אנפאנג: „אין לך יום בלי איום״ — ניטאָ אַ טאָג אָהן נייע שרעקען. און באַטראַכטענדיג קריסטליכער אייראָפּע האט דער אידישער פאָפּולערסטער רב פון יענער צייט אויסגעוואַנדערט נאָך ארץ ישראל, וואו ער איז געוואָרען דער ערשטער אשכנזישער פיהרער פון דער ירושלים'ער אידישער קהלה.

מיט אַ דור פריהער האט ר' יוסף קארו, מחבר פון יורה דעה״ און „שולחן ערוך״, זיך אויסגעדריקט אין איינעם פון זיינע בריוו אין זיין ספר „אבקת רוכל״, אַז פון חורבן ירושלים ביז היינט האבען נאָך אידען ניט געהאַט אַזאַ גוטע היים ווי זיי געפינען דאָס איצט אין ארץ ישראל אונטער'ן טערקישען סולטאַן. טערקיי פון איהר זייט האט זיך אויך שטאַרק גערעכענט מיט דער אידישער סימפּאַטיע צו איהר און דערפאַר האט זי אַנפאַרטרויט צו אידען פילע וויכטיגע דיפּלאָמאַטישע פּאָסטענס.

ווי געזאָגט, מאַכמוד, דער טערקישער שפּיאָן אין פּאַריז, האט געלעבט אין דער זעלבער צייט ווען די שבתי צבי דראַמע האט קאָנוואולסירט א גרויסען טייל פון דעם אידישען פאָלק. די אידישע מאַסען, ווי אויך אַ גרויסע טייל פון דער געלערענטער אידישער וועלט, האט מיט רעליגיעזע איבערצייגונג אַנגענומען שבתי צבי'ן אַלס דעם לאַנג־ערוואַרטעטען אידישען

באפרייער, און האבען זיך פארבערייטעט איהם נאכצופאלגען וואוהין ער וועט זיי פיהרען.

דא איז ניט דער פלאץ זיך אריינצולאזען אין לענגערע ערקלערונגען אום בעסער צו פארשטעהן ווי אזוי מענשען מיט פארשטאנד, מיט תורה און מיט וועלטליכע בילדונג נאך דעם באגריף פון יענער צייט, האבען געקענט זיך לאזען פארבלענדען די אויגען פון אזא פאנטאסטישען שווינדעל. דער שרייבער גלויבט אבער, אז די פאלגענדע קורצע אפשאצונג פון דער אידישער פסיכאלאגיע פון יענער פעריאדע וועט פיל מיטהעלפען צו ערקלעהרען די דאזיגע אייגענארטיגע אידישע פראבלעמע.

דער „זוהר" האט פאראויסגעזאגט, אז אין יאהר ת"ח — 1648 — וועט קומען די אידישע גאולה. אויפ'ן פסוק „בשנת היובל הזאת תשובו איש אל נחלתו" (ויקרא, כ"ה, י"ג) האט דער „זוהר" גע'דרש'ענט, אז „ה'ז'א'ת" באטרעפט פינף טויזענד פיר הונדערט און אכט. און אז אין דעם דאזיגען יאהר פון ה'ז'א'ת וועט משיח, וואס וועט דאן קומען, ברענגען אידען צוריק צו זייער אייגענטום אין ארץ ישראל. פאר'שטעהט זיך, אז אזא שארפע און קלארע נבואה פון דעם פארהייליגטען זוהר האט ניט געקענט בלייבען אהן א שארפען איינדרוק אויף דעם אידענ'ס אנגעשטרענגטען מוח. דעם אידענ'ס פארצווייפעלטע פאליטישע און עקאנאמישע לאגע האט געזוכט א טרייסט אין דעם משיח, וואס וועט איהם באפרייען פון זיינע צרות. דער גלויבען אין א באלדיגען משיח איז דאן געווען שטארק איינגעווארצעלט אין דעם אידענ'ס פסיכאלאגיע א דאנק זיין הילפלאזער לאגע, און די נבואה פון דעם זוהר האט אהן צווייפעל פיל מיטגעטראגען צו באפעסטיגען דעם דאזיגען גלויבען.

דער יאהר ת"ח — 1648 — איז וועלכען אידען האבען ערווארטעט, אז עפעס אויסערגעוועהנליכעס זאל פאסירען, האט ווירקליך געבראכט אויסערגעוועהנליכעס. די שוידערליכע

פּאָגראָמען פון באָגדאַן כמעלניצקי און זיינע רעוואָלטירענדע קאָזאַקען. אַנשטאָט דער ערוואַרטעטער גאולה איז פאָרגעקומען די שוידערליכסטע שחיטה אויף אידען אין אוקראַאינע און אין פוילען. די דאָזיגע שחיטות האָבען באַוואויגען דעם געניאַלען און שאַרפען מוח פון אַזאַ גאון ווי ר׳ שבתי כהן — באַקאַנט אין דער תלמודישער וועלט אַלס דער ש״ך — צו זאָגען: ,,אין דעם יאָהר ת״ח, אין וועלכען מיר האָבען ערוואַרטעט, אַז איי־דען וועלען געהן צוריק אין ארץ ישראל, אין דעם זעלבער יאָהר איז אונזער פרייד פאַרקעהרט געוואָרען צו טרויער (,,נהפך כנורי לאבל)״.

אויב אַזאַ מאַן ווי דער ש״ך האָט זיך געקענט אויסדריי־קען אין אַזאַ טאָן קען מען שוין פאַרשטעהן ווי די גרויסע אידישע מאַסע האָט געפיהלט צו די ערוואַרטונגען וואָס האָבען געזאָלט פאָרקומען אין יאָהר 1648.

אין קורצען, די אידישע האָפנונג אויפ׳ן משיח איז דאָך ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען און אויב דאָס יאָהר ת״ח האָט ניט געבראַכט די ערוואַרטעטע באַפרייאונג, איז דער גלויבען טראָץ דעם אַלעמען געבליבען, אַז משיח מוז קומען און וועט זיכער קומען. די אידישע אַטמאָספערע איז געבליבען ווי בע־פאָר אָנגעלאָדען מיט עלעקטריציטעט און עס האָט נאָר גע־פאָדערט א פונק פאַנאַנדערצופלאַמען די אויפגערעגטע און פאַנטאַסטישע אידישע מחות. ווען שבתי צבי איז ערשינען מיט 17 יאָהר שפּעטער און האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס דער לאַנג־ערוואַרטעטער משיח האָט ער צוליב דעם געפונען א פאַרטיגען באָדען, און אידען האָבען באַלד איהם אָנגענומען אַלס זייער פיהרער.

מיט די דאָזיגע קורצע באַמערקונגען וועט דער לעזער בעסער פאַרשטעהן ווי אַזוי די אידישע וועלט האָט זיך געקענט לאָזען פאַרפיהרען פון אַזאַ איינבילדונג, אויף אַזוי פיל, אַז אַזאַ מאַן ווי ,,נתן בן סעדיה״, דער ערפאַהרענער דיפּלאָמאַט

און געבילדעטער וועלט־מענש פון וויען, זאל אויך ווערען אן אנהענגער פון שבתי צבי.

נאך דער דאזיגער איינלייטונג וועט זיין פיל לייכטער צו אנאליזירען די דריי בריוו פון דעם טערקישען שפיאן און באַגרייפען זייער אריגינעלען היסטארישען ווערטה אין דער טרויעריגער געשיכטע פון שבתי צבי.

## די בריוו

מיר ווילען איצט איבערגעבען דעם אינהאלט פון די בריוו, וועלכע האבען א שייכות מיט דער שבתי צבי באוועגונג. איין בריוו לייענט זיך ווי פאלגט:

„צו נייטען בען סאאודי (נתן בן סעדיה) א איד, פון וויען.

„דו, מיט דיינע פאלשע משיח׳ס געהט אייך אלע צוזאַמען צום טייוועל! מוז איך פארלירען מיין געלט צוליב דיין נייער איינבילדונג? וויפיל משיח׳ס האט איהר שוין געהאט, פינף און צוואנציג אמוועניגסטענס, א חוץ דעם זוהן פון מרים וועמען די קריסטען האבען אנגענומען אלס זייער משיח? פארפלוכט מעגען ווערען אייערע רבנים און חכמים וועלכע פארשמוצען אזוי אייער רעליגיאן... נאטאן, איך האב דיר אלעמאל געהאלטען פאר א גאנץ אנדער מענשען, נאר אויב דו ביזט א געשווארענער קנעכט פון שבתי צבי, דער איינגעבילדעטער קעניג פון די אידען, האב איך מעהר ניט וואס צו רעדען מיט דיר: טהו ווי דו פארשטעהסט, אבער איך ערלויב זיך צו זיין א נביא אויף אזוי פיל דיר צו זאגען, אז דו פארשמוצט זיך און קריכסט אין א בלאטע צוזאמען מיט די אנדערע נאראנים, דיינע פאנאטישע ברידער, זאל זיין וואס עס וועט זיין, אבער אלס עהרליכער מענש ביזטו פארפליכטעט מיר אפצושיקען די געלט וואס איז דיר אנפארטרויט געווארען. (דא מוז באמערקט ווערען אז די טערקישע רעגירונג פלעגט שיקען געלט פאר איהר דיפלאמאטישען אגענט אין פאריז, דורכ׳ן טערקישען אגענט נתן בן סעדיה אין וויען, און נתן בן סעדיה וועלכער איז פארכאפט געווארען פון דער שבתי צבי מאניע,

האַט ווי עס ווייזט אויס, פאַרנאַכלעסיגט זיינע דיפּלאָמאַטישע פליכטען. ש. ת.) צו שבתי צבי, בן יוסף, אבער בן דוד זאָל זיין דער נאָמען פון אייער ערוואַרטעטען משיח, וואָלט איך אבער ניט וועלען אַז נתן בן סעדיה זאָל ווערען דעגענערירט. זעץ פאַר געטריי דיינע פליכטען און דאָס זעלבע די עטליכע אַנדערע וואָס זיינען אַנפאַרטרויט געוואָרען מיט די אַנגעלעגענהייטען פון הויכען טערקישען סולטאַן, און לאָז אַלע אַנדערע אידען געהן אין גיהנום, דיר וואָלט איך ליבערשט געוואָלט זעהן צווישען אַלע אנדערע צדיקים אין גן עדן. מאַנכע פון דיינע בריוו האָבען מיך ערמוטיגט צו ערוואַרטעטען עפּעס פון דיר, אַבער דיין לעצטער שרייבען האָט מיר פאַרצווייפעלט און איך גלויב קוים דיך צו זעהן אַ גליקליכען אין דער וועלט אָדער יענער וועלט; וואָרום דו שרייבסט ווי איינער וואָס איז פאַרטרונקען פון פאַלשע האָפנונגען אויף אַ גלאָררייכע צוקונפט. פון מאַכט און גדולה וואָס דו וועסט קירצליך געניסען אונטער דער ממשלה פון דיין פאַנטאַסטישען משיח — ביי דיר אין געדאַנק און אין דיין פאַלשע איינבילדונג ביזטו שוין אַ גאַנצער פּרינץ.

אום הימעל׳ס ווילען, נאַטאַן, פאַרגעס דיינע רעליגיעזע פּיסטע וואונשען! לאָז אויפוואַכען דיין פאַרשטאַנד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדען מענשען. אונטער זוך גוט דעם גרונט־געדאַנק פון דיזער נייער אילוזיע; זוך אויסצוגעפינען דעם געבורט און אַפּשטאַמונג פון שבתי צבי, און דו וועסט דאָן אויסגעפינען אַז ער קומט ארויס פון אַ זעהר בידעריגען אַפּשטאַם און פון זייער פּראָסטע עלטערען; זיין פאָטער איז געוועזן זעהר אַ נידעריגער כאַראַקטער; זיין מוטער איז געוועזן אַ פרוי פון אַ זעהר צווייפעלהאַפטען כאַראַקטער און מען האָט איהר באַשולדיגט מיט פילע געמיינע טאַטען, און עס איז זעהר גלויבליך אַז אייער פאַלשער משיח איז פון איהר פאַרפיהרט געוואָרען און ערצויגען געוואָרען אין איהרע וועגען.

איך קען דיר מיט זיכערהייט זאָגען, אַז מעהר אויגען

קוקען אויף איהם און אויף זיינע מעשים ווי ער קען זיך אליין פארשטעלען; און איך אליין האב ערהאלטען אן אויספירליכען באריכט, וועגען זיין לעבען, פון אזעלכע וואס האבען איהם נאך געקענט אין זיין יוגענד אין סמירנא, זיין געבורטס פלאץ. אין זיינע יונגע יאהרען נאך האט מען איהם שוין באשולדיגט אין פילע פארברעכענס און אויסגעלאסענהייט; זיין שפראך איז געווען ווילד און שמוציג, ער איז געווען באקאנט אין גאנץ שטאט אלס ליבהאבער פון שעהנעם געשלעכט. צוליב וואס מען האט איהם פארטריבען פון אלע שולען און איהם ארויס־געשיקט פון סמירנא. דער מוסולמאנישער ריכטער צוזאמען מיט אייערע רבנים האבען געהאנדעלט געמיינשאפטליך אין דעם. נאך מעהר, די רבנים האבען איהם ארייגעלעגט אין חרם אלס אן אפיקורוס. דאס אלעס גיט ניט קיין רעקאמענ־דאציע פאר דעם יעניגען וואס שטרעבט צו ווערען אייער משיח, אייער אידישער מלך.

פון סמירנא האט ער ארומגעוואנדערט אין פארשידענע לענדער וואו ער האט איבערגעלאזען אן אנדענקען פון שאנדע וואו זיין פוס האט נאר באטראטען; ער האט געהאלטען אין איין חתונה האבען און אין איין גט'ען זיינע ווייבער, האט פאראומרייניגט בתולות און זיך שטענדיג גע'חבר'ט מיט גאַ־סען־פרויען, ביז עס איז געקומען דערצו, אז די פארשידענע לענדער האבען איהם מעהר ניט געקענט דולדען און געסטרא־שעט איהם צו באשטראפען. דאן איז ער אוועק אין סוריא און ארץ ישראל, און האט אנגעהויבען צו שפילען די ראל פון א רעליגיעזען רעפארמער, אין ירושלים האט ער עפענטליך זיך ארויסגעגעבען אלס דער פארשפראכענער משיח, דערמיט האט ער באלד צוגעצויגען צו זיך אלערליי מענשען פון דעם ערגס־טען סארט, טראץ דעם וואס די פיהרער און די בעסערע אידען האבען איהם ערקלערט אלס באטריגער.

באטראכט, נאטאן, דאס וואס האט פאסירט מיט בר כוכבא, וואס מיינט דער זוהן פון שטערן, וועלכער האט זיך

ערקלעהרט אַלס דער משיח אין דער צייט פונ׳ם רוימישען קיסר אדריאנוס; נעהם אין אנבאַטראַכט די שרעקליכע טראַגעדיע אין וועלכע ער מיט פיער הונדערט טויזענד אידען זיינען אומגעקומען, קרבנות פון דעם גערעכטען צאָרן און ראַכע פון דעם אויפגערייצטען רוימישען מאַנאַרך: ווארום זיי האָבען חוצפה׳דיג זיך באַריהמט אַז אין אַ באַשטימטער צייט וועט ער ווערען זייער געפאַנגענער און זיין טראָן וועט פארנומען ווערען דורך זייער משיח, וועלכער וועט דאַן באַהערשען רוים ווי אויך די גאַנצע וועלט — אָבער שפּעטער ווען די אידען, וועלכע זיינען איבערגעבליבען פון דער שוידערליכער בלוט־באַד, האָבען באַטראַכט דעם רעזולטאַט פון דער דאָזיגער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע, האָבען זיי מיט פאַראַכטונג געענדערט דעם נאָמען פון בר־כוכבא צו בר־כוזיבא, וואָס מיינט דער זוהן פון אַ ליגען, אַ פאַלשער משיח און פארפיהרער פון אידען.

דו האָסט יעדע אורזאַך ניט צו האָבען קיין בעסערע מיינונג וועגען שבתי צבי, וועלכער ווערט פאַראַכטעט פון די בעסערע און מעהר פארשטענדיגערע אידען, און וועלכער האָט ניט באַשטעטיגט אפילו דורך איין מופת זיין באַהויפּטונג צו דער ראָל פון אַ משיח. נאָך מעהר, אפילו ניט איין אונגעוואוינליכע אָדער איבערנאַטירליכע פאַסירונג איז פארגעקומען זייט ער האָט גענומען אויף זיך די דאָזיגע אויפגאַבע. און ווי דו ווייסט, האָבען אַלע אייערע חכמים געזאָגט: אַז ניט ווייניגער ווי צעהן נסים ונפלאות וועלען פאַסירען אין דער וועלט איידער משיח וועט קומען, און איך געדענק, אַז דו אַליין האָסט אומגעפעהר מיט צעהן יאָהר צוריק מיר געשריבען דאָס זעלבע, און דו האָסט נאָך צוגעגעבען אַז פון אַלע פיר עקען וועלט וועלען קומען אַזוינע מענשען וועמענס אויג וועט ווירקען ווי אַ געפערליכער גיפט; דאָס מיט נאָך פילע אנדערע אַזעלכע פאַסירונגען האָבען געזאָלט פארקומען בעפאָר משיח וועט קומען, לויט נאָך דיין אייגענעם שרייבען.

האָסטו, נאַטאַן, דאָס אַלעס פארגעסען, אָדער ביזטו אַזוי

ווייט פאַרכאַפּט געוואָרען פון די געוואַגטע ליגענס פון דיזען פרעכען באַטריגער, אַז צוליב זיינעטוועגען זאָלסטו פאַרלייקענען דיין פאָריגען גלויבען, פאַרוואַרפען דיינע אַמאָליגע סענטימענטען און אַנולירען די טראַדיציעס וואָס אייערע חכמים האָבען אייך איבערגעלאָזען? זאָל דיין אינטעלעקטועלער פאַרשטאַנד זיך אויפוועקען, און דערלאָז ניט פאַרשלעפערען דיין שכל דורך דער אומנאַטירליכער און פוסטער באַרימערײ פון אַ שמוציגען אַרומשלעפער, אַ באַטריגער און פעלשער.

האָב כאָטש עטוואָס געדולד ביז עס וועלען זיך באַווייזען די אַלע סימנים, אָדער נסים, וואָס ס׳וועלען אויסטרעטען דעם וועג פאַר אייער משיח׳ס אַנקומען. בעפאָר דו לאָזט זיך פאַרפיהרען פון אַזאַ געפעהרליכען גלויבען לאָז די זון אַרויסגעבען פון זיך אַזוינע פאַרפעסטעטע ריחות וואָס וועלען אויסהרג׳ענען מיט אַ מאָל אַ מיליאָן כופרים, אָדער אונגלויביגע, יעדען טאָג, ווי אייערע טראַדיציעס ווילען האָבען, און זאָל אויך אין איינקלאַנג מיט די דאָזיגע טראַדיציעס פאַרקומען די פאַרשפּאַכענע ליקוי־חמה, ווען די זון וועט ווערען טונקעל פאַר אַ גאַנצען חודש, אין קורצען, זאָלען די אַלע אויסערגעוועהנליכע פאַסירונגען פאַרקומען, ווי דו אַליין האָסט אַלעמאָל אַזוי לייגענשאַפטליך געגלויבט; און דאַמאָלסט פאַרשפּרעך איך דיר, אויפ׳ן וואָרט פון אַ מוסולמאַן, אַז איך וועל זיך באַקעהרען צו דיין גלויבען, און וועל אָננעהמען דיין תורה, און וועל פאַרהייליגען דיין משיח; מיט דעם באַדינג, אַז טאָמער פאַרקעהרט, וועסטו דאַרפען אָננעהמען מיין גלויבען, אַנשטאַט דיין תורה וועסטו דאַרפען אָננעהמען דעם אַל׳קאָראַן, און ווערען אַ געטרייער דינער פון גאָט׳ס נביא, דער לעצטער און אמת׳דיגער פון אַלע נביאים.

פּאַריז, דער 11־טער פון דעם 9־טען חודש, אין יאָהר 1666.

* * *

דער צווייטער בריוו פון טערקישען שפּיאָן לייענט זיך ווי פאָלגט:

צום קאימאקאס (וויצע גרענד וויזיר):

איך בין מיט דער מיינונג, אז דער דיוואן (טערקישער קאבינעט) וועט מוזען שיקען אן אנדער אגענט אין וויען, צו פארנעהמען דעם פלאץ פון נתן בן סעדיה, וועלכער לויפט נאך משוגענערהייד דעם נייעם משיח פון די אידען. איך האב קיין צווייפעל ניט, אז דו מיט די אנדערע מיניסטארען פונ׳ם הויכען טערקישען הויף, האבען שוין געהערט וועגען א געוויסען באטריגער אין סמירנא, ביי נאמען שבתי צבי, פון דער אידישער ראסע, וועלכער רופט זיך גאט׳ס איינציגער זוהן, משיח, און דער אידישער אויסלייזער; און אז ער האט צוגעצויגען צו זיך מאסען נארישע לייכטזיניגע אידען. דאס האט פאראורזאכט א שפאלטונג צווישען זיי און זיינען דעריבער צוטיילט אין צוויי שטרייטענדע סעקציעס, אין סמירנא, און אין פילע אנדערע מזרח־לענדער. ס׳איז אונגלויבליך, אז דאס זאל האבען געבליבען אונבאוואוסט צום גלענצענדען טערקישען טראן, ווארום אפילו דא ווייט אוועק איז די דאזיגע נייעס שוין גוט פארשפרייט, נאכמעהר, ס׳איז ניטא א פראווינץ אדער א שטאט אין די מערב לענדער, וועלכע האט ניט ערהאלטען די נייעס וועגען דער דאזיגער מערקווירדיגער פאסירונג.

איך האב ערהאלטען א באריכט, פון צעידי אלמאנאזי, אין ווענעדיג, אין וועלכען ער אינפארמירט מיר, אז אלע אידען אין איטאליען גרייטען זיך צו באזוכען דאס הייליגע לאנד אום צו זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען דעם לאנג־ערווארטעטען משיח, אויף וועמען זיי זאגען, אז ער איז אויף אן אמת געקומען אויף דער וועלט, און אז ער איז שבתי צבי פון סמירנא. זיי גיבען אויף זייערע געשעפטען אזוי שנעל ווי זיי קענען, און ווילען זיך מעהר ניט פארבינדען מיט מאטעריעלע פליכטען; און די פרומערע פון זיי גיבען זיך אפ מיט תפילות און מיט תשובה; ווערענד אנדערע פארברענגען זייער צייט אין פייערליכקייטען, ווי עסען, טאנצען און אין אלערליי פרעהליכקייטען. אלמאנאזי זאגט, אז מאנכע פון זיי זיצען אדער שטעהן

אין וואַסער ביז צו דער נאָז גאַנצע פיר און צוואַנציג שעה נאָכ־אַנאַנד, און אז דאָס טוען זיי דעם זעלבען סאָרט תשובה וואָס אדם הראשון האָט געטאָן, לויט ווי זייער טראַדיציע זאָגט זיי; ווארים מען האָט זיי געלערענט צו גלויבען, אז דער פאָטער פון אַלע שטערבליכע, נאָכדעם ווי ער איז ארויסגעטריבען גע־וואָרען פונ׳ם גן־עדן אַלס שטראָף פאר זיין זינד, איז געשטאַנען אין וואַסער וואָס האָט דערגרייכט ביז צו זיינע נאָזלעכער גאַנצע הונדערט מיט דרייסיג יאָהר.

אַנדערע פון די דאָזיגע אַבערגלויביגע מענשען זיצען פילע שעה נאָכאַנאַנד אין אזעלכע פלעצער, וואו זיי ווערען צוביסען ביז צו טויט. אַ דריטער סאָרט ווידער גראָבען זייערע אייגענע קברים, און אריינקריכענדיג אין זיי לאָזען זיי זיך פאַרשיטען מיט ערד א חוץ זייער פּנים, און אין דעם דאָזיגען צושטאַנד ווילען זיי ליגען ביז זיי געהען כמעט אויס פאר הונגער.

פונדעסטוועגען האַלטען זיי אין איין ארויסשיקען בריוו פון איבעראל, אין וועלכע זיי באַגריסען איינער דעם אַנדערען וועגען דעם קומענדען גליק און וועגען דער גאולה וואָס וועט זיי באַפרייען פון דער גוי׳אישער אונטערדריקונג. אין די דאָזי־גע צירקולאַרען־בריוו פאַרשפרייטען זיי די נבואה, אז זייער משיח וועט אין אַ באַשטימטען חודש קומען צו דעם גרויסען טיראַן, דעם הערשער פון ישמעאל און דעם הערשער איבער די אַפשטאַמיגע פון אדום און מואב; (אַט אזוי בלאַמירען זיי אונזער גלאָררייכען סולטאַן!) אז ער (שבתי צבי) וועט איהם ארונטערזעצען פון טראָן, און וועט איהם אוועקפיהרען אין גע־פאַנגענשאַפט, נאָכדעם וועט ער באַהערשען דעם גאַנצען ערד־קוגעל און די מענשהייט וועט זיך בויגען צו זיינע פיס.

מיט אזוינע ווילדע נארישקייטען באַגריסען זיי איינער דעם אַנדערען און נאַרען יענעם און זיך, גלויבענדיג אויף אַן אמת, אז אין א גאנץ קורצער צייט וועלען זיי זיין די הערשער איבער אַלעמען און אַלעס. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז צווישען זיי קומט ניט פאָר מעהר קיין האַנדעל און געשעפט;

דער גאַנצער געשעפטליכער פאַרקער צווישען זיי האָט פאָלקאָם אויפגעהערט, וואָרים זיי באַטראַכטען עס אַלס אַן אונפּאַרציי־ליכע זינד זיך אַפּצוגעבען מיט געשעפטען אין אַ צייט ווען משיח דאַרף קומען, דער משיח וועלכער וועט זיי רייך מאַכען מיט דעם גאַנצען רייכטום, וואָס ער וועט צונעהמען ביי אַלע אַנדערע נאַציאָנען.

זאָנדערבאַרע קלאַנגען האָבען זיך פאַרשפּרייט וועגען דעם צוריקקעהר פון די עשרת השבטים פון יענער זייט פון׳ם טייך סמבטיון, וואו דער מלך שלמנאסר האָט זיי פאַרשיקט אַלס געפאַנגענע און פון וועלכע מען האָט ניט געהערט ביז איצט. מען זאָגט, אַז זיי שטעהען שוין ביים באַרג סיני אויף זייער וועג צו ארץ ישראל, און מען דערצעהלט ווייטער, אַז אַ מעכ־טיגער פלאָט פון זעגעל שיפען איז געזעהן געוואָרען אויפ׳ן ים און אויף זייערע זיידענע זעגלען ווי אויך אויף זייערע פאָהנען איז אויסגעמאָלט די פיגור פון אַ לייב, דער סימבאָל פון שבט יהודה.

די קריסטען קוקען אויף דעם מיט ערשטוינונג און מאַנכע פון זיי באַטראַכטען עס אַלס אַ פּוסטען חלום. מיין עהרליכער אַליקום, דער איד פון דאַנען, איז ניט מעהר באַאיינפלוסט פון דעם ווי איך; ניט מעהר ער שפּאַסט פון דער נאַרישען גלויבע־רישער וועלט, און אין באַזונדערען פון די אָבערגלויביגע אידען וועלכע ער שילט פאַר זייער מאַכען זיך אַזוי לעכערליך און ברענגען צרות אויף זיך ווי אויך אויף זייערע קינדער. נתן בן סעדיה איז אָבער אַזוי טיעף פאַרקראַכען און אַזוי פאַראומ־רייניגט געוואָרען, אַז ער האָט פאַרלאָרען זיין פאַרשטאַנד און בלויז אַ נס וועט איהם ברענגען צוריק צו זיין נאַרמאַלען שכל.

הויכגעשטעלטער מיניסטער, וועהרענד די דאָזיגע אָב־שייליכע מענשען פאַרלירען זיך צוליב זייער פאַלשען משיח לאָמיר פאַרטזעצען אונזער גלויבען און רעספּעקט פאַר דעם אמת׳ן נביא.

פאַריז, 21־טען פון דעם 9־טען חודש, אין יאָהר 1666.

אין דריטען בריוו געשריבען דעם 2־טען, אין 11־טען חודש אין יאהר 1667 אדרעסירט צו נתן בן סעדיה אין וויען, זאגט מאכמוד, דער פאריזער טערקישער שפיאן, צווישען אנדערעס:

„זעהסטו שויך, אז איך בין מעהר אמת׳ער נביא פון דיין נייעם משיח, דער באטריגער שבתי צבי! און דאך כאטש איך בין בארעכטיגט צו דעם וועל איך פונדעסטוועגען זיך ניט באנוצען מיט דעם דאזיגען טיטול, ווייל איך בין ניט מעהר ווי א געוועהנליכער שטערבליכער מענש, וועלכער האט נאך ביי זיך עטוואס שכל און פארשטאנד. נאר אויב דו ווילסט פארט אנהאלטען דיין גלויבען און ווילסט דאך איהם (שבתי צבי) פארעהרען, דאן דארפסטו נאכטאן זיין ביישפיל און אננעהמען דעם מוסולמאנישען גלויבען פונקט ווי ער האט געטאן: אמווייניגסטענס אזוי האט ער געהאנדעלט און געטאן האט ער עס צום מעהרסטען אין דער געגענווארט פון סולטאן.. איך ווייס ניט צי האסטו געהערט דערפון אדער נאך ניט: דיינע ברידער פיליכט ווילען ניט פארשפרייטען די נייעס פון זיין איבערגאנג צום מאכמעדאנישען גלויבען, וואס איז אזא שאנדע פאר אלעמען פון אייער ראסע. קיין צווייפעל ניט, אז זיי שעהמען זיך דאס באקאנט צו מאכען אין דער וועלט, עס שטעהט זיי ניט אן, אז מענשען זאלען וויסען, אז זיי זענען געוועזן אזוי דום און פארפיהרט צו שענקען זייער גלויבען אזא שווינדלער; א שווינדעל וואס איז שוין אזוי אלט און אפגעלעבט, אז אפילו דער יעניגער וואס דער קלענסטער מאס פארשטאנד האט באדארפט מיט עקעל זיך אפקערען פון דעם; זיי האבען קיינמאל זיך ניט אפגעשטעלט צו באטראכטען די צאל פאלשע משיחים, וועלכע האבען אייך און אייערע עלטערען אזוי שוידערליך פארפיהרט.

איך באוואונדער דעם גוטען חוש פון שבתי צבי, ווען ער האט ניט געוואלט ווערען דער ציל־ברעט פאר דעם סולטאנ׳ס שיסער, אדער ווארטען אויף א נס פון הימעל, וואס זאל באשיצען זיין נאקעטען קערפער פון א האגעל טויטענדע פיילען.

וואלט ער אזוי געטאן וואלט איך איהם באטראכט אלס דעם בעסטען ביישפיל פון אידיאטסטווא אין דער וועלט. אויב דו האסט נאך די דאזיגע נייעס ניט געהערט ביז איך זיכער, אז דער אפקלאנג פון דער דאזיגער פאסירונג וועט געוויס גרייכען דיינע אויערען און דאן וועסטו בעסער פארשטעהן דעם דאזיגען בריוו מיינעם. פונדעסטוועגען נעהם אן פאר זיכער, אז ער האט פארלייקענט זיין מיסיאן אלס משיח אום צו רעטען זיין לעבען, און דאס האט ער געטאן אין דער אנוועזענהייט פון אונזער גרויסען הערשער און זיינע הויפט מיניסטארען, פאר וועמען ער האט עפענטליך ערקלערט זיין גלויבען אין איין גאט און אין זיין ערוועלטען נביא מחמד, אויב דו ביזט זיינער אן אנ־הענגער דארפסטו וויזען דיין געטרייהייט צו איהם און געהן אין זיינע וועגען און אננעהמען דעם מאכמעדאנישען גלויבען".

* * *

אט די דריי בריוו ווארפען, לויט מיין מיינונג, א נייע ליכט אויף יענעם גאנצען קאשמאר מיט דעם פאלשען משיח.



אַ ספר תורה וואָס איז אַלט 2000 יאָהר.

# אַ ספר תורה וואָס איז אַלט 2000 יאָהר.

אַ היגער פּראָמינענטער קריסט, וועלכער האָט לעצטענס באַזוכט ארץ־ישראל, האָט מיר געגעבען דעם בילד פון אַ ספר־תורה אין באַזיץ פון די שומרונים וואָס וואוינען אין שכם. אַ חוץ דיזער ספר־תורה — דערצעהלט מיר דער קריחט — האָבען די שומרונים אַנדערע צוויי ספר־תורה׳ס, פון וועלכע איינע איז אַלט 452 יאהר, און די אנדערע בערך 1200 יאהר, וועהרענד די ספר־תורה פון וועלכע מיר גיבען דאַ דאָס בילד, איז אַלט ארום 2000 יאָהר.

פּראָפעסאָר דאַלמאַן, וואָס האָט קריטיש אונטערזוכט די לעצטע ספר־תורה, גיט צו, אז עס איז צו גלויבען דאָס די ספר־תורה איז ווירקליך אזוי אַלט, און מיט איהם שטימען איין אויך אנדערע ארכעאָלאָגען. די ספר־תורה איז די גרעסטע הייליגטום ביי די שומרונים, און נאָר אין די אָוועגטען פון זייערע ימים טובים נעהמען זיי איהר ארויס אויף צו לייענען אין איהר פאַר׳ן פּובליקום. דער אמעריקאנער געלערענטער, פּראָפעסאָר וואָרדען, וועלכער האָט זיך אָבגעגעבען מיט די שומרונים און זייערע ספרים, און האָט אויך צו דיזען צוועק געגרינדעט אין אַמעריקא א סאָסייטי צו אונטערשטיצען דיזע אַלטע געמיינדע, האָט פאר דעם קריג געהאָט פאָטאָגראַפירט די גאַנצע ספר־תורה. ער האָט באצוועקט צו מאַכען דערפון ליכט־קאָפּיעס אין אַ גרויסען צאָהל און זיי פארקויפען צו די פּראָטעסטאַנטישע קירכען אין ענגלאַנד און אמעריקא. מיט דעם פּראָפיט האָט ער געוואָלט פארבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די שומרונים. נאָר אזוי ווי וואָרדען איז געשטאָרבען, איז אויך מיט איהם זיין

אונטערנעמונג אפגעשטארבען, און די פאטאגראפישע קאפיעס וואלגערען זיך ערגעץ אין זיין ביבליאטעק.

די אינגערע פון די דריי אלטע ספר־תורה׳ס, די 452 יאהריגע, טראגט די פאלגענדע מערקווירדיגע אונטערשריפט: „עוזי בן איתמר בן עבדאל בן עוזי בר נתנאל בן עמרם בר איתמר בן עמרם בר אליעזר בר׳ נתנאל בר אליעזר — להם רצון ה׳ ״.

די דאזיגע ספר־תורה איז געשריבען געווארען אויפ׳ן אויפטראג אדער צום אנדענקען פון דעם פרנס, (אדער ווי מען רופט איהם אין שומרונית „ארכון״) פון דער קאנגרעגיישאן, יפת בן עבד ה׳ בן יפת מבני הנשיאים בשנת ד׳ וה׳ מאות (צו־זאמען 900) לממשלת בני ישמעאל. ה׳ ישימה מברכה עליו, וילמד בה בנים ובני בנים, אמן ואמן״.

די ספר־תורה איז געשריבען אויף ציגענעם פארמעט. אבער אין בוך־פארם אזוי ווי א חומש. דער דאזיגער ספר־תורה־חומש ענטהאלט 429 זייטען און איז געשריבען אין כתב כותים, שומרונית. כתב ליבונאה, וואס איז די אלטע העברעאי־שע שריפט.

און וועגען דיזען אלטען „ליבונאה״ שריפט ווילען מיר דא איצט רעדען.

* * *

עס איז א פאקט, אז דער אלף־בית וואס מיר האבען היינט, איז ניט דער אלף־בית אין וועלכען די תורה איז געגעבען גע־ווארען. מיר האבען היינט ניט מעהר דעם אריגינעלען אלף־בית אין וועלכען די תורה איז צום ערשטען געשריבען געווארען. בעפאר עס איז געענדערט געווארען אין צייט פון גלות בבל.

אין דיזען הינזיכט דארף מען אין זינען האבען דעם מערק־ווירדיגען מאמר פון תלמוד (סנהדרין כ״א ב׳) וועלכער זאגט: „אמר מר זוטרא ואיתימי מר עוקבא, בתחלה ניתנה תורה לישראל בכתב עברי ולשון הקודש. חזרה וניתנה להם בימי עזרא בכתב אשורית ולשון ארמי. ביררו להן לישראל כתב

אשורית ולשון הקודש והניחו להדיוטות כתב עברית ולשון ארמית. מאן הדיוטות, אמר רב חסדא כותאי, מאי כתב עברית. אמר רב חסדא כתב ליבונאה״. (מר זוטרא זאגט, און אנדערע זאגען, אז מר עוקבא האט עס געזאגט: אין אנפאנג איז די תורה געגעבען געווארען צו די אידען אין דעם העברעאישען שריפט און אין לשון־הקודש. שפעטער איז די תורה ווידער געגעבען געווארען צו די אידען אין די צייטען פון עזרא, אין כתב אשורית — דעם אלף־בית וואס מיר האבען היינט — און אין דעם אראמעאישען לשון. די אידען האבען זיך אויסגעקליבען דעם אשורים־שריפט און די הייליגע שפראך, און פאר די הדיוטות — דאס פראסטע פאלק — האט מען איבערגעלאזען דעם אלטען העברעאישען שריפט און דעם אראמעאישען לשון. ווער זיינען די הדיוטות? רב חסדא זאגט די שומרונים. וואס איז געווען דער אלטער העברעאישער שריפט? רב חסדא זאגט, דער „ליבונאה״ שריפט).

(אויף „ליבונאה״ זאגט רש״י, אז דאס איז דער שריפט וואס מען באנוצט פאר קמיעות און מזוזות. דער שרייבער איז ניט קאמפעטענט צו אורטיילען וועגען די אמת׳ע פילאלאגישע באדייטונג פונ׳ם ווארט. ער דענקט אבער אז ס׳איז ניט אויסגעשלאסען די השערה, אז דער דאזיגער ווארט שטאמט פון „לבנה״ — א ציגעל, און פאלגליך וואלט „כתב ליבונאה״ געמיינט — „ציגעל שריפט״. דאס זעלבע ווי כתב־היתדות — היראגליפען, דער שריפט פון די אמאליגע פעלקער).

דיזער מאמר זאגט אונז קלאהר אז בעפאר די צייטען פון עזרא האבען אידען באנוצט אן אנדער שריפט פון דעם וואס מיר האבען היינט.

עס שטעלט זיך אלזא די פראגע, ווארום האבען עזרא און די אנדערע אידישע פיהרער ביים צוריקקעהר פון גלות בבל, אויפגעגעבען דעם אלטען אידישען „אלף־בית״ און אנגענומען אנשטאט דעם היינטיגען „כתב אשורית״?

אויף דעם איז ניט שווער צו ענטפערען ווען מען איז עט־וואס באקאנט מיט דער אידישער געשיכטע פון יענער צייט.

מען קען זאָגען אויף זיכער אז אין די זיבעציג יאָהר וואָס אידען זיינען געווען אין בבל זיינען זיי געלייטערט געוואָרען, אויף אזוי פיל אז זיי זיינען געווען בעסערע אידען ביים פאַר־לאָזען בבל. עזרא, נחמיה, זרובבל, און די אַנדערע פיהרער פון יענער צייט וואָלטען היינט געקענט פארצייכענט ווערען אלס מזרחי׳סטען, אדער אגודת ישראל׳ניקעס, נאָך זייערע מעטאָ־דען אין דער גרינדונג פון דעם נייעם אידישען שטאַאַט. זייער שטרעבונג איז געווען צו גרינדען דעם נייעם ארץ ישראל אויף שטרענג־רעליגיעזע יסודות. זיי האָבען געקעמפט מיט וואָרט, און מיט׳ן פויסט, געגען יעדע פאָרמע פון רעליגיעזע לעסטערונג. ווערענדיג זעהן א נייע אידענטום אין די נייע אויפגעלעבטע ארץ ישראל וואָס זאָל זיך פיהרען נאָך די פאַר־שריפטען פון תורת משה, האָבען זיי צוליב דעם ניט דערלאָזען צו אַ פאראייניגונג מיט די שומרונים ווען די לעצטע זיינען גע־קומען בעטען מען זאָל זיי לאָזען זיך אַנשליסען צוריק אַן דאָס אידישע פאָלק. די שומרונים, ריכטיגער, די אידען פון די אַמאָ־ליגע שומרון, די קעניגרייך פון עשרת השבטים, האָבען אין זיך שוין געהאַט אריינגענומען ניט־אידיש בלוט. זיי זיינען שוין ניט געווען אזוי ריין אידיש, ווי די אנדערע אידען וועלכע האָבען זיך גענומען מיט נייער ענערגיע אויפבויען ציון.

ווען שומרון, עשרת השבטים מלוכה, איז צושטערט געוואָ־רען ביים מלך אשור, האָט ער געבראַכט מענשען, ריכטיגער קאָלאָניסטען פון פרעמדע לענדער, ווי דער פסוק דערצעהלט: פון בבל, פון כות, פון עזא, פון חמת, און ספרוים, כדי פארנע־מען דעם פלאַץ פון די ארויסגעטריבענע אידען. אזוי אבער ווי די דאָזיגע פרעמדע זיינען געווען ניט מעהר ווי אַן אונבאַ־דייטענדע מינאָריטעט געגען די גרויסע מאַסען אידען וואָס זיינען איבערגעבליבען אין לאַנד, פארשטעהט זיך אז דער מי־נאָריטעט איז פארשלונגען געוואָרען און זיך אויסגעמישט צווי־שען דער מאַיאָריטעט אידען, אויף אזויפיל אז דער מלך אשור האָט געמוזט ברענגען צוריק פון גלות איינעם פון די כהנים אום

צו לערנען די נייע אידען ווי אנצוגעהן מיט דער אידישער אמונה.

די היסטאריע פון תנ״ך (מלכים ב׳ י״ח) דערצעהלט קלאר, אז די צוגעקומענע פרעמדע: „את ה׳ היו יראים ואת אלהים היו עובדים כמשפט הגוים אשר הגלו אותם משם״ — (פאר גאט האבען זיי מורא געהאט, אבער זייער אייגענעם גאט האבען זיי אויך געדינט אזוי ווי זיי האבען דאס געטאן ביי זיך אין לאנד).

פון דעם דאזיגען קאפיטעל שטעלט זיך ארויס דער פאקט קלאר, אז די רעגירונג פון אשור האט צוליב פאליטישע צוועקען פארטריבען פון שומרון א טייל פון דער אידישער באפעלקערונג, און דעם פלאץ פון די פארטריבענע האבען פארנומען בירגער פון פרעמדע פעלקער, וועלכע זיינען אין פארלויף פון דער צייט געבצליך אסימילירט געווארען אין דאס אידישע פאלק וואס האט געהאט געבילדעט די מלוכה פון די עשרת השבטים.

פון גלות שומרון ביז׳ן צוריקקעהר פון בבל האט געגומען עפעס מעהר ווי צוויי הונדערט יאהר. דורך דער דאזיגער צייט האבען די שומרונישע אידען פון די עשרת השבטים געזונקען אלס מעהר קולטורעל, וועהרענד די פון יהודה און בנימין, ווי בעפאר דערמאנט, האבען זיך צוריקגעקעהרט פון בבל אויסגעלייטערט און מעהר ראפינירט אין זייער אידישקייט. ביי די ערשטע האט דאס אידענטום געהאלטען אין איין פאלען, וועהרענד ביי די לעצטע האט דאס אידענטום אדוואנסירט. די ציוניסטישע פיהרער אונטער דער לייטונג פון עזרא האבען צוליב דעם ניט דערלאזען צו א ווידער־פאראייניגונג מיט די אידען פון די צעהן שבטים, אויס מורא טאמער וועט דאס רעליגיעזע אידענטום אין דעם נייעם ארץ ישראל ליידען דערפון.

און אום נאך מעהר אפצוזונדערען דאס אידישע פאלק פון וועלכע עס איז חברה׳שאפט מיט די שומרונים, האט עזרא דורכגעפירט א שטיקעל אפעראציע וואס האט געגצליך פאראנדערגעטיילט די צוויי טיילען פון דעם אידישען קערפער, —

די אידען פון יהודה און בנימין און די אידען פון די, צעהן שבטים. איינמאל פאר אלעמאל געבען א טויט־קלאפ דעם שעד־ליכען איינפלוס פון די כותים, די שומרונים, האט עזרא איינ־געפירט א נייעם אלף־בית פאר די אידען פון יהודה און בנימין, דעם היינטיגען כתב אשורית, דערמיט האט ער באלד אוועק־געשטעלט א מחיצה צווישען די צוויי טיילען פונ׳ם אידישען פאלק — די שומרונים זיינען געבליבען ביים אלטען שריפט מיט זייער אראמעאישען לשון, ווערענד די צוריקגעקערטע אי־דען פון בבל האבען מיט מעהר ענערגיע גענומען פארטיידיגען זייער תורה מיט זייער לשון־קדוש — אבער אין אנאנדער אלף־בית.

די צייט פאר אזא טראנספארמאציע איז געווען זעהר גינסטיג. דער צוריקקעהר פון בבל האט געמיינט דער צוריק־קעהר צו א נייעם אידישען לעבען, און צוזאמען מיט׳ן נייעם לעבען שוין אויך א נייער שריפט — די זעלבע תורה אין אנ־דערע אותיות.

דער דערמאנטער מאמר אין סנהדרין איז א שטיק היס־טאריע פון איינע פון די מערקווירדיגסטע פאסירונגען אין דעם אידישען פאלקס־לעבען.

# ווארדער קרעססאן
# דער אמעריקאנער גר־צדק
# און ערשטער פראקטישער ציוניסט.

צווישען דאס רוסישע און פוילישע אידענטום ווערט דער נאמען פון גראף פאטאצקי, דערמאנט מיט עהרפורכט און פארגעטערונג. טויזענדער אידען זיינען פארברענט געווארען אויפ׳ן אויטא־דא־פע צוליב זייער אמונה, אבער קיינער פון דיזע טויזענדער מארטירער האט איבערגעלאזען אזא טיפען איינדרוק אינ׳ם גייסט פון פאלק, ווי דיזער פוילישער נאבעלמאן וועלכער האט אנגענומען דעם אידישען גלויבען און איז צוליב דעם פארברענט געווארען לעבעדיגערהייט, אין ווילנע, דעם צווייטען טאג שבועות, אינ׳ם יאהר 1749.

דאס פאלק האט באשאפען פילע לעגענדעס וועגען דער פערזאן פוי דיזען מארטירער, אבער ס׳איז גענוג צו זאגען אז דער נאמען פון גראף פאטאצקי, דער גר־צדק, איז טיף איינגעקריצט אין הארצען פון דאס אידישע פאלק נאך ביז היינטיגען טאג, און זיין נאמען איז א הויז־ווארט אין יעדע אידישע היים.

דאס אמעריקאנער אידענטום האט אויך געהאט איהר גר־צדק, וועלכער איז אבער פארגעסען געווארען אין טומעל פון דעם אמעריקאנער מאטעריעלען לעבען. „ווארדער קרעסאן״, דער אמעריקאנער גר־צדק, איז ביז היינטיגען טאג געבליבען אונבאקאנט צו דעם אמעריקאנער אידישען עולם. עס איז זיכער צו באהויפטען אז בלויז אייניגע גצעעהלטע מענשען פון היינטיגען דור, ווייסען פון דער עקזיסטענץ פון דיזען מענשען וועלכער האט אנגענומען דעם אידישען גלויבען, און האט געאפפערט אויפ׳ן מזבח פון זיין נייע אמונה מאטעריעלען גליק

און פאַמיליע פאַרבינדונגען. אָבער נאָך מעהר זאַנדערבאַר איז דער פאַקט אז דער דאַזיגער גר־צדק איז געווען דער ערשטער פּראַקטישער ציוניסט, אזוי צו זאָגען, דער פאָטער פון דעם מאָ־דערנעם אגריקולטורעלען ישוב אין ארץ ישראל. די דאַזיגע באַהויפּטונג קלינגט זאַנדערבאַר, עס איז אָבער א ווירקליכער פאַקט ווי מיר וועלען עס ווייטער באַשרייבען.

* * *

וואַרדער קרעססאָן שטאַמט פון אַ רעליגיעזער קוויקער פאַמיליע, און איז געבוירען געוואָרען אינ׳ם יאָהר 1798, אין פילאַדעלפיע. אלס פארמער אין דעם אומגעגענד פון פילאַדעל־פיע איז ער געווען זעהר ערפאָלגרייך און האט זיך ערוואָר־בען רייכטום נאָך דעם באגריף פון יענער צייט.

דורך א צופאַל האט ער זיך באַקאַנט מיט די פּרינציפּען פון אידענטום און ער איז באַלד הינגעריסען געוואָרען צום אידענטום מיט דער גאנצער מאַכט פון זיין סענטימענטאַלער נשמה, אזוי אַז מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האט ער אויפ־געגעבען אַלץ וואָס איהם איז געווען ליעב און טייער און איז אַוועק צו דער הייליגער שטאָט ירושלים, דאָרטען צו קענען לעבען נאָך די פאַרשריפטען פון דאס שטרענגע אָרטאָדאָקסישע אידענטום. צו דער זעלבער צייט האט איהם אויך די אמע־ריקאַנער רעגירונג באשטימט אלס דער ערשטער קאָנסול אין ירושלים, אַ פאַקט וואָס איז פאַרגעקומען אינ׳ם יאָהר 1844.

קומענדיג אין ירושלים אלס אַמעריקאנער קאָנסול האַט ער זיך אַנגעשטויסען אין די קאָנסולען פון אַנדערע לענדער, און ניט זייענדיג באַקאַנט מיט דער פּאָליטיק פונ׳ם אָריענט, האַט ער ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס די אַלע קאָנסולען טוען אין ארץ ישראל. אין זיינעם אַ בריף פון דעם דערמאָנטען יאָהר, איבערגעדרוקט אין נחום סאָקאָלאָוו׳ס „היסטאָריע פון ציוניזם״, דריקט וואַרדער קרעססאָן אויס זיין ערשטוינונג וואָס אין ירושלים געפינען זיך די פאַרטרעטער פון מעהרערע לענדער און וואָס זיי טוען דאָרטען אַלע, ווייסט נאָר איין גאָט.

עס איז פאַראַן אַ באַוואוסטער כּלל, אַז צו פאַרשטעהן אַ גרויסע פּאַסירונג פון היסטאָריע קען מען נאָר ווען עס געהט אַוועק אַ היבשע צייט זייט עס איז פאָרגעקומען. עס איז אינ־טערעסאַנט אַז דער גרויסער עלילת דם פון דמשק, אין יאָהר 1840, וואָס האָט אויפגעריהרט די גאַנצע אידישע וועלט, האָט אין אונזער צייט געפונען אַ גאַנץ נייע אויסטייטשונג לויט וועלכער עס זעהט אויס אַז דער בּלוט־בּלבּול אין דמשק איז געווען אַ פּאָליטישער שריט, אום צו שטערען אַז די אידען זאָלען ניט קריגען ארץ ישראל אין דער ערשטער העלפט פון נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט.

די דאָזיגע אינטערעסאַנטע ענטדעקונג איז באַהאַנדעלט געוואָרען ביי דעם באַקאַנטען פאָרשער און ליטעראַט ה׳ דינאַ־בּורג, אין אַ בּריליאַנטענעם אַרטיקעל אינ׳ם זשורנאַל „השלח“, אין וועלכען ער האָט באַוויזען אַז דער בּלוט־בּלבּול פון דמשק איז געווען ענג פאַרקניפּט מיט די גרויסע פּאָליטישע פראַגען פון יענער צייט. פראַגען אין וועלכע רוסלאַנד, טערקיי, ענג־לאַנד און פראַנקרייך זיינען געווען אריינגעמישט. און וואונ־דערליכער פון אַלעס איז, אַז דאַן, איידער עס איז געווען אַ פּאָליטישער ציוניזם אויף דער וועלט, און נאָך אפילו איידער עס איז געוואָרען די חבת־ציון באַוועגונג, האָט ארץ ישראל אַלס אַ „אידישע היימלאַנד“ געשפּילט אַ ראָלע אין דער פּאָ־ליטיק און האָט געבּראַכט אַ שפּאַלטונג אין די מיינונגען פון דער פראַנצויזישער און ענגלישער פּאָליטיק.

די פאַקטען אין דעם ענין זיינען פאָלגענדע: ארץ ישראל איז באַזיגט געוואָרען אין יענער צייט פון מחמד־עלי, דער פּאַשאַ פון מצרים, און די אייראָפּעאישע גרויסמעכטע האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן. לאָזען ארץ ישראל אין די הענט פון דעם מצרים׳דיגען הערשער האָבען זיי ניט געוואָלט, און איבערגעבען עס צו טערקיי האָבען זיי אויך ניט געוואָלט, ווייל זיי האָבען שטאַרק געהאַט אין זינען די חלוקה פון טערקיי און די שאלה פון פּאַלעסטינע איז געוואָרען אַ האַרבּע פּאַר דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק.

אין ענגלאנד איז דארום געבוירען געווארען אן אידעע אז מען זאל אין ארץ ישראל מאכען א גרויסע אידישע קאלא־ניזאציע און דאס לאנד זאל געשטעלט ווערען אויף א האלב אויטאנאמישען צושטאנד אונטער דער זיכערהייט פון מצרים׳־דיגען הערשער. די לאנדאן „טיימס״ האט דאן געדרוקט בריוו אין וועלכע מען האט אויפגעפאדערט די גרויסמעכטע אוועק־צוגעבען אידען ארץ ישראל אזוי ווי מען האט דאן אוועקגע־געבען גריכענלאנד צו די גריכען. אין ענגלישע ספערען האט מען זיך געהאלטען סימפאטיש צו דעם דאזיגען פלאן. עס איז דאן געווען גראד די צייט אין וועלכע דיזראעלי האט פאר־עפענטליכט זיין בוך „טאנקרעד״ אין וועלכען עס ווערט גערעדט וועגען דעם אומקעהר פון די אידען אין ארץ ישראל, און אין יענער צייט האט משה מאנטעפיארע געשיקט זיין סעקרעטאר צו פארהאנדלען מיט מחמד עלי, דעם מושל פון מצרים, וועגען די אידישע קאלאניזאציע אין פאלעסטינע.

אין דערזעלבער צייט האט מען אבער אין פראנקרייך געהאט אנדערע פלענער וועגען ארץ־ישראל. אין פראנקרייך האט מען געוואלט אז אין פאלעסטינע זאל געגרינדעט ווערען א קריסטליכע האלב־אויטאנאמישע מדינה אונטער דער אויפ־זיכט אדער פון טערקיי אדער פון מצרים. פראנקרייך האט געהאט איהרע אלטע קליימס אלס באשיצעריך פון קריסטענטום אין אריענט און זי האט געפונען אז דער סכסוך צווישען מצרים און טערקיי איז די בעסטע צייט אויסצופיהרען איהרע מחשבות. די יעזואיטען האבען געהאלפען אין פארשפרייטען דעם רעיון און עס האט געהאלטען אזוי ווייט אז דער גרויסער שריפט־שטעלער לאמארטין האט פארגעשלאגען אין פארלאמענט אז אזא קריסטליכע ממשלה זאל געגרינדעט ווערען דורך דער הילף פון פראנקרייך.

די גרויסע שטערונג אין פראנקרייך׳ס פלענער איז געווען די ענגלישע סימפאטיע צו דעם רעיון פון א אידישע קאלאני־זאציע און מדינה אין ארץ ישראל, און די פראנצויזישע פאלי־טיק האט אויסגעפונען אז זי מוז געבען א טויט קלאפ דעם

דאַזיגען רעיון. און מען האָט נאָר געזוכט א געלעגענהייט ווי אַזוי צו אַרויספּאַלען אויף די אידען איין אַריענט און זיי פאַר־שמוצען. דאָס וואָס דער גלח טאָמאַס איז פאַרפאַלען געוואָ־רען אין דמשק און עס איז געווען אַ געלעגענהייט צו מאַכען אַ בלבול אויף אידען, האָט זיך אריינגעפּאַסט אין דער פּאָלי־טיק פון פראַנקרייך געגען א אידישע אויפלעבונג אין ארץ ישראל — און דאָס איבעריגע איז געטאָן געוואָרען, און דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרען. דער רעיון פון א אידישער היים אין ארץ ישראל אויף א פּאָליטישען וועג איז אָפּגעשטוי־סען געוואָרען פון 1840 ביז 1917, ווען די באַלפור דעקלאַראַ־ציע איז געגעבען געוואָרען.

* * *

די אומגעבונג אין ארץ ישראל האָט ענגער צוגעצויגען וואָרדער קרעססאָן צום אידענטום, און פאַרברענענדיג אַלע בריקען הינטער זיך האָט ער אנגענומען דעם ריין־אידישען נאָ־מען „מיכאל בועז ישראל". אונטער דיזען נאָמען האָט ער זיך דאָן איבערגעגעבען מיט זיין גאַנצער וואַרימער נשמה צום אי־דישען פאָלק.

דער שרייבער פון דיזע שורות האָט געהאַט בעפאָר זיך אַלע נומערען פון דער ערשטער ענגליש־אידישער צייטונג, געדרוקט אין אַמעריקא, נעמליך, „די אקסידענט און אַמעריקאַן דזשואיש אַדוואָקאַט" וואָס איז ערשינען אין פילאַדעלפיא, פון 1842 ביז 1869, אונטער דער רעדאַקציע פון ראַבּיי אייזיק ליעסער, אויף די שפאַלטען פון דיזער אידישער צייטונג האָט דער שרייבער אנגעטראָפען די מערקווירדיגע פּערזאָן פון וואָר־דער קרעססאָן. און צוזאַמענשטעלענדיג אַלעס וואָס איז גע־דרוקט געווען פון איהם און וועגען איהם, איז דעם שרייבער געלונגען אויסצואַרבייטען אַ כאַראַקטעריסטיש בילד פון דעם דאַזיגען אַמעריקאַנער גר־צדק און ערשטער פּראַקטישער ציוניסט.

אונטער'ן נאָמען פון „מיכאל בועז ישראל" זיינען פון איהם ערשינען פילע אַרטיקלען אין „אַקסידענט" וועלכע זיינען

דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פונ׳ם ארטאדאקסישען אידענטום און מיט א טיף־איינגעווארצעלטער איבערגעבענהייט צום אידישען גלויבען. לעזענדיג זיינע ארטיקלען ווילט זיך גלויבען אז דאס שרייבט א איד אין וועמעס אדערען עס פליסט דאס בלוט פון צעהנדליגער אידישע דורות. „מיכאל בועז ישראל״ איז ניט געווען א איד בלויז דורך דעם וואס ער האט זיך מגייר געווען. נאר א איד וועמעס הארץ און נשמה איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליבע און איבערגעבענהייט פאר זיינע אידישע ברידער. זייענדיג טיף געריהרט פון דעם עלענד וואס ער האט געטראפען אין דער דאמאלסדיגער אידישער באפעלקערונג אין ירושלים, האט ער געזוכט מיטלען צו לינדערען זייער נויט ווי ווייט מעגליך, און דאס האט איהם ענדליך געבראכט צום געדאנק וועגען דער אגריקולטורעלער אויפלעבונג פון ארץישראל.

און זיך אפצוגעבען אין גאנצען פאר דער אויפלעבונג פון ארץ ישראל דורך פראקטישע ארבייט, האט ווארדער קרעססאן באשלאסען צוריקצופאהרען אין פילאדעלפיע צו ליקווידירען זיין פארמעגען. זיין פרוי און קינדער האבען געזוכט דורך אלע מעגליכע מיטלען איהם צושטערען אין זיינע פלענער, און אין מאי 1849, האבען זיי איהם געלאזט ארעסטירען אונטער דער קלאגע אז ער איז ארונטער פון זינען און איז ניט פאראנטווארטליך פאר זיינע האנדלונגען. אויף אן ארדער פון געריכט איז ווארדער קרעססאן פארשפארט געווארען אין א משוגעים הויז. געגען דיזען ארדער האט קרעססאן אפעלירט צו א העכערען געריכט, און די פארהאנדלונגען וואס זיינען פארגעקומען פאר א דזשורי, האט אנגעהאלטען זעקס טעג, און ענדליך איהם באפרייט.

פינף און דרייסיג עדות, מעהרסטענס פון זיין פאמיליע, זיינען ארויסגעטראטען געגען איהם. א פראטעסטאנטישער גלח, האט צווישען אנדערע, געזוכט צו איבערצייגען אז בלויז א משוגע׳נער קען טאן אזא זאך ווי ווערען א איד. א. אז. וו. דאגעגען אבער זיינען פאר איהם ארויסגעטראטען פינף און זעכציג פון די פראמינענטסטע קריסטען און אידען וועלכע

האבען באשטעטיגט אַז וואָרדער קרעססאַן איז ניט נאָר קלאָר, נאָר אויסערגעוועהנליך אינטעליגענט. משה מאָנטעפיאָרע האָט אין אַ בריוו זיך אויסגעדריקט זעהר הויך וועגען דער פּערזענליכקייט פון וואָרדער קרעססאַן, און ער, ווי אויך דער אונפּאַרגעסליכער מרדכי עמנואל נח זיינען געווען צווישען די עדות פאַר איהם. די רעדע וואָס זיין קריסטליכער לאַיער, האַרייסיאָ הובעלל, האָט געהאַלטען, און וועלכע איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרען אין פולען אין אייניגע נומערען פון דעם „אָקסידענט" איז אַ מייסטערווערק פון רעדנער־קונסט און רעליגיעזע טאָלעראַנץ און איז העכסט אינטערעסאַנט אפילו פאַר דעם היינטיגען לעזער.

דער דאָזיגער פּראָצעס וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַי, 1851, איז געווען איינער פון די באַריהמטסטע פּראָצעסען צו יענער צייט און האָט געצויגען אַן אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. אין די צוויי יאָהר וואָס דער פּראָצעס האָט זיך געצויגען פלעגט וואָרדער קרעססאַן זיין אַ שטענדיגער דאַוונער אין דער ספרד׳ישער „מקוה ישראל" שוהל, און האָט אויך גענומען אַ טעטיגען אַנטייל אין דעם געזעלשאַפטליכען אידישען לעבען.

נאָך זיין באַפרייאונג איז ער באַלד צוריק אוועק אין ירושלים און האָט מיט באַנייטע קרעפטען זיך גענומען צו דער אַרבייט ווי אויפצולעבען ארץ ישראל דורך אגריקולטור.

אין דעם מאַרטש נומער פון דעם „אָקסידענט", 1853, האָט ער פאַרעפענטליכט אַ צירקולאַר אין וועלכען ער שלאָגט פאַר אַ דייטליך אויסגעאַרבייטען פּלאַן וועגען, גרינדען קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, און צווישען אַנדערעס זאָגט ער: „איינע פון אונזערע אויפגאַבען וועט זיין צו באַשטימען אַ געוויסע שטרעקע לאַנד מיט דעם ציעל צו גרינדען אַ מאָדעל־פאַרם אין עמק רפאים, אום איינצובּרענגען אין ארץ ישראל די מאָדערנע ענגלישע און אמעריקאנער מעטאָדען אין לאַנד ווירטשאַפט".

וויטער באַמערקט ער: „א פּראַקטישער אינדוסטריעלער און געדולדיגער אגריקולטוריסט מוז ווערען אויסגעקליבען אַנ־

צופיהרען דיזע גרויסע ארבייט, אויב ניט וועט זיין ארויסגע־ווארפען דאס געלט וואס וועט ווערען אריינגעלעגט אין דעם״.

דער לעצטער פאראגראף אין דיזען צירקולאר שליסט זיך מיט דער פאלגענדער שארפער באמערקונג: „די גרויסע פראגע וואס אונזער פאלק שטעהט היינט פאר באשטעהט, נעמליך, אויף איין פונקט: וועט דאס פאלק ישראל אננעהמען דעם איינציגען ריכטיגען סיסטעם צו ערמוטיגען פראקטישע אינ־דוסטריע אין פאלעסטינע; צו איינפיהרען אגריקולטור צווי־שען די אידען אין ארץ ישראל, אדער מיר וועלען בעסער זיין צופרידען אויסצוגעבען צעהן מאל אזויפיל געלט אום אויפצור־האלטען יאהר איין יאהר אויס, אן ארמעע פון משולחים וואס זייערע רייזע קאסטען אליין באטרעפט א ריזיגע סומע״.

זעלבסטפארשטענדליך, מיט די באגרענצטע מיטלען וואס ער האט געהאט און הויפטזאכליך מיט דער גלייכגילטיגקייט פון דעם אידישען פובליקום מיט פינף און אכציג יאהר צוריק, איז נאטירליכערווייזע ניט געווען צו ערווארטען אז זיין אונ־טערנעמונג זאל געקרוינט ווערען מיט ערפאלג. די צייט איז נאך ניט געווען גינסטיג פאר אזא גראנדיעזען פלאן. אבער טראץ אלע שטערונגען האט ווארדער קרעססאן זיין פלאן ניט אויפגעגעבען, און אין די נומערען פון דער אויבענדערמאנטער צייטונג פאר א צייט פון עטליכע יאהר. נאכדעם ווי זיין ציר־קולאר איז אפגעדרוקט געווארען, געפינען זיך פון זיין פעדער פילע ארטיקלען וועלכע באהאנדלען די אגריקולטורעלע אויפ־לעבונג פון ארץ ישראל.

*　*　*

די יאהרען 1853—1854 האבען געבראכט א קריזיס אין דעם עקאנאמישען לעבען פון די אידען אין דאס הייליגע לאנד. צו יענער צייט האט אויסגעבראכען די באקאנטע מלחמה אין קרים צווישען רוסלאנד און טערקיי, וואס האט אריינגעצויגען אויך אנדערע אייראפעאישע לענדער, און די פאלגען פון דיזער מלחמה זיינען געווען זעהר טרויעריג פאר. אידען אין ארץ ישראל. סאסייטיס צו העלפען די אומגליקליכע אין פאלעסטינע

זיינען דאן געגרינדעט געווארען אין אלע וויכטיגע אידישע צענטערס אין אמעריקע, שוין ניט דערמאנענדיג אלע אנדערע אייראפעאישע לענדער. „די נארטה אמעריקאן רעליף סאסייטי אף פאלעסטיין’’ וועלכע האט געהאט איהר הויפט אפיס אין ניו יארק, האט אנגעפיהרט א טעטיגע פראפאגאנדע אום צו שאפען געלט וועלכע איז שפעטער איבערגעשיקט געווארען צו סער מאזעס מאנטעפיארע, וועלכער האט געווידמעט זיין גאנצע ענערגיע צו גונסטען דאס הייליגע לאנד און איהרע אידישע איינוואהנער.

די אמעריקאנער אידען וועלכע האבען אייך זיך גענומען די פליכט צו העלפען זייערע ליידענדע ברידער אין ארץ ישראל, האבען ווי פראקטישע אמעריקאנער באלד איינגעזעהן אז דער בעסטער מיטעל ווי צו העלפען די ארץ ישראל אידען, איז זיי צו געבען די נויטיגע הילף אז זיי זאלען זיך אליין קאנען העלפען. די פאלגענדע ווערטער זיינען גענומען פון א צירקולאר וועלכען די דאזיגע אמעריקאנער אידען האבען ארויסגעלאזען צו דאס אידיש פובליקום אין יאהר 1854 נעמליך : „די טשאַריטי וואס מיר האבען אזוי נאבעל אנגעפאנגען, וועט ערשט דאן קאנען האבען א ריכטיגען פערמאנענטען ווערט, ווען מיר וועלען פארענדיגען ווי ווייט עס ליגט אין אונזער מאכט, די סבות וואס רופען ארויס די דאזיגע שרעקליכע ארמוטה פון אונזערע ירושלים’ער ברידער, פון וועלכע מיר דא האבען קוים וועלכען עס איז באגריף. די געלד וואס מיר גיבען אין דער פארמע פון צדקה וועט מעגליך שטילען דעם הונגער פון דעם הונגער־ליידענדען ; דאס שאפט אבער ניט שפייז אויך פאר דעם מארגענדיגען טאג, נאך וועניגער לערענט עס זיינע פאראליזירטע הענט דעם טעם פון ארבייט. אונזער הויפט אויפגאבע דארף זיין צו ראטעווען דעם אומגליקליכען ארץ ישראל־אידען פון יענע סארט צדקה וועלכע פאראליזירט דעם גייסט’’ !

אהן צווייפעל אז דער אפקלאנג פון דיזען אויפרוף — צו געבען די מעגליכקייט די פאלעסטינער אידען אז זיי זאלען זיך אליין קאנען העלפען — האט דערגרייכט אויך צווישען

די אידען אין אנדערע לענדער. אבער אזוי ווייט ווי דער שרייבער פון דיזע שורות קאן ארויסנעהמען פון די צייטונגען און פעריאדישע ליטעראטור פון יענער צייט, שיינט עס אז ווארדער קרעססאן איז ווירקליך געווען דער ערשטער וואס האט אויסגעארבייט א גענויע און דייטליכע פראגראם. פאר דער אגריקולטורעלער אויפלעבונג פון פאלעסטינע אלס א מיטעל ווי צו לינדערן דעם שרעקליכען אידישען ארמוטה אין ארץ ישראל, און צווייטענס מיט דעם הויפט צוועק, צו פארשאפען א היים פאר די אידען פון אלע לענדער. וועהרענד מען מוז צוגעבען אז א סאסייטי מיט דעם צוועק צו גרינדען קאלאניעס אין פאלעסטינע, האט זיך געגרינדעט אין לאנדאן אין יאהר 1852 און א פראגראם פון זארגפעלטיג אויסגעארבייטע איינצעלהייטען איז אפגעדרוקט געווארען אין מאנאט דעצעמבער פון דעם זעלבען יאהר, אין די לאנדאנער „דזשואיש קראניקל" — דאך שיינט עס אז דעם קרעדיט פון האבען געלעגט דעם פונדאמענט פאר דעם היינטיגען ישוב, באלאנגט ניט צו דער סאסייטי וועלכע האט גארניט געטאן אום צו פארווירקליכען איהר ציל נאר צו ווארדער קרעססאן, דער גר־צדק וועלכער איז געווען דער ערשטער צו נעהמען פראקטישע שריט פאר דער אגריקולטורעלער אויפלעבונג פון דאס הייליגע לאנד.

עהנליכעס קאן מען זאגען וועגען סער מאזעס מאנטעפיארע, וועלכער האט אויף איינע פון זיינע רייזעס אין ארץ ישראל, אין יאהר 1854, געגעבען די נויטיגע מיטלען צו פינף־און־דרייסיג אידישע פאמיליעס אין צפת, כדי זיי זאלען קענען ווערען לאנד־ארבייטער. אבער דיזער פארזוך קאן נאר ווערען באצייכענט אלס א לאקאלע אונטערנעהמונג וואס האט געהאט דעם כאראקטער פון צדקה. דאס זעלבע קאן אויך געזאגט ווערען וועגען דער אונטערנעמונג פון א געוויסער גרופע אמעריקאנער קריסטען, וועלכע זייענדיג באהערשט פון א טיפען רעליגיעזען סענטימענט, האבען זיך אוועקגעלאזען צו דאס הייליגע לאנד מיט דעם צוועק צו בארבייטען איהר ערד און דורך זייער אר־

בייט ערמוטיגען די ארץ ישראל אידען זיי זאלען אליין ווערען ערד־ארבייטער. דיזע גרופע אמעריקאנער קריסטליכע ענטוזי־אסטען, האבען אפגענומען א שטיק לאנד אין עמק השרון, אין דער אומגעגענד פון יפו, אין יאהר 1852, דער פאלגענדער אויסצוג פון א בריוו, געשריבען ביי א געוויסער פרוי מרס. מינאר, א מיטגליד פון דיזער גרופע נאבעלע אמעריקאנער קריסטען איז העכסט אינטערעסאנט אן און פאר זיך, און ער גיט אונז אויך א דייטליכען באגריף וועגען די אורזאכען וואס האבען באוואויגען דיזע אמעריקאנער קריסטען צו געהן אין די וויסטענישען פון פאלעסטינע און ווערען ערד־ארבייטער מיט דעם צוועק צו העלפען די אידען.

צווישען אנדערעס זאגט דיזע נאבעלע פרוי אין איהר בריוו צום רעדאקטאר פון „אקסידענט״: „אייך איז אן צוויי־פעל באקאנט אז אונזער ארבייט איז א ריין פערזענליכע, גע־טריבען פון א געטליכער פארזעהונג, פון וועלכע איך און נאך אייניגע רעליגיעזע פריינט אין פילאדערלפיע מיט צעהן יאהר צוריק, זיינען מיר נאך א לאנגען און גענויע שטודיום פון די ביבלישע שריפטען, געקומען צו דער איבערצייגונג אז עס האלט שוין ביים דערפילט ווערען די נבואה פון דניאל (קאפיטעל ח׳ 13־14) וועגען דער צייט וואס דער בית המקדש און גאט׳ס הייליגער פאלק וועלען ווערען געטראטען אונטער די פיס פון פרעמדען שונא — אז די צייט וואס די פרעמדע וועלען בא־הערשען דאס אידישע הייליגטום ענדיגט זיך און די שטונדע פון ציון׳ס דערלייזונג וועט אין גיכען קומען, א. אז. וו. אונזער אייציגער ערנסטער וואונש איז אלזא נאר צופרידען צו שטע־לען גאט; צו העלפען די געטליכע השחה אין אויסשניידען א וועג פאר ישראל׳ס צוריקקעהר צו זיין היים, ווען גאט אליין וועט זיי דאן נעהמען אונטער זיין השגחה און באפרייען זיינע קינדער פון דעם שווערען גלות־יאך. אין די צוויי יאהר צייט וואס מיר געפינען זיך דא האבען מיר פארשאפט ארבייט צו פילע אידישע פאמיליעס מיט וועלכע מיר שטעהן אין אינטימע באציהונגען, און דאך האבען מיר ניט געמאכט אפילו דעם

קלענסטע פארזוך אפצורײדען די אידען פון זײער גלױבען״!

נאר װי ערפאלגרײך און נאבעל די אונטערנעמונג פון די אמעריקאנער זאל ניט האבען געװען איז עס דאך געװען ניט מעהר װי א לאקאלער פארזוך פון א רעליגיעזען אדער פילאנט־ראפישען כאראקטער, און מען קען עס אין קײן פאל ניט באַטראכטען אלס דער פארלױפער פון דעם הײנטיגען פראקטישען ציוניזם.

אנערקענונג פאר׳ן זײן ,,דער ערשטער פראקטישער ציוניסט״ — אזױ װײט װי דער שרײבער פון דיזע שורות האט די מעגליכקײט צו באהױפטען נאך א לענגערע אונטערזוכונג — געהערט װירקליך צו װארדער קרעסאן, געװעזענער גױ, פרומער איד, כלל טוער און פראקטישער נאציאנאלער ציוניסט.

אלע זײנע שריפטען װאס האבען באהאנדעלט די פראגע פון דער אגריקולטורעלער אױפלעבונג פון ארץ ישראל, און װעלכע זײנען ערשינען דורך די יאהרען פון 1853 ביז 1856, ענטהאלטען זעהר פראקטישע און װערטפולע פארשלאגען װעלכע בלױז א מאן מיט פראקטישער ערפארונג און מיט א געזונטען מענשליכען פארשטאנד האט געקענט אױסארבײטען.

זעלבסטפארשטענדליך אז אזא מאן מיט א לאגישען בליק אױפ׳ן לעבען האט ניט געקענט זײן אן אנהענגער פון דער חלוקה־סיסטעם, ריכטיגער, די שנארערײ פון װעלכע די דאַמאלסדיגע מעהרסטע ארץ ישראל אידען האבען געצױגען זײער ארימע חיונה. די ,,חלוקה״— די אײנטײלונג פון צדקה געלדער װאס איז געזאמעלט געװארען אין די פארשידענע גלות־לענדער איז געװען דער הױפט־קװאל צו שאפען פרנסה פאר די ארץ ישראל אידען, און רעדענדיג װעגען דער ,,חלוקה״ האט װארדער קרעססאן ניט געשזאלעװעט קײן שארפע װערטער אין באצוג צו דעם.

אין זײן ארטיקעל ,,רעליף בײ אגקריקולטור פאר פאַלעסטײן״ דריקט ער זיך אױס װי פאלגענד״ ,,און מוז װירקליך דיזע מיזערעבעלע שנארערײ אײביג אנהאלטען און קײנמאל ניט קומען צו אן ענדע? הגם עס קאסט צעהן מאל אזױפיל

וויפיל עס וואלט קאסטען א גוט פארוואלטעטער עקאנאמישער סיסטעם פון אגריקולטור״.

אין אנאנדער ארטיקעל אונטער׳ן אויפשריפט „בעאבאכטונגען וועגען אגריקולטור אין דער איסט״ הויבט ער אן ציטירען א געוויסען גלח וועלכער פלעגט זאגען: „הויב ניט אן רעדען פאר א פובליקום ביז וואנען דו ביזט זיכער אז דו האסט עפע.ס וואס צו זאגען״, און דאן באמערקט װארדער קרעססאן, „איך האב שטענדיג געטראכט וועגען דיזער עצה פון דעם קלוגען גלח און אזוי ווי איך דענק אז איך האב איצט וואס צו זאגען, וועל איך זופען זיך צופאסען אזוי קורץ ווי מעגליך״.

מיט דער הקדמה הויבט ער אן אויסצורעכענען א רייהע וויכטיגע איינצעלהייטען וועגען לאנד־ארבייט אין אריענט בכלל און אין ארץ ישראל אין באזונדערען. באזונדערס אינטערעסאנט אין דעם דאזיגען ארטיקעל איז די אויסקינפטע וואס ער גיט וועגען דעם סארט אגריקולטור פאר וועלכע דער פאלעסטינער באדען איז אמבעסטען צוגעפאסט. ווייטער אין דעם זעלבען ארטיקעל רעדט ער וועגען דעם פראגרעס וואס ער האט געמאכט אין זיינע „גארטענס״ וואס ער האט געגרינדעט אין דער נאכבארשאפט פון יפו, מיט דער הילף פון א קאמיטע פון פראמינענטע ירושלים׳ער אידען. װארדער קרעססאן לויבט זעהר די ארבייט פון דער דאזיגער קאמיטע, און ער זאגט אז א דאנק זיי געפינען פילע הונדערטער ארימע אידען באשעפטיגונג אין זיינע „גארטענס״.

*   *   *

אין דעם מאראלישען ווערט פון דעם אגריקולטורעלען לעבען אין געגענזאץ צו דעם לעבען אין די אינדוסטריעלע צענטערס, דריקט זיך אויס װארדער קרעססאן זעהר כאראקטעריסטיש. אין באצוג צו דעם זאגט ער: „איך ווייס גאנץ גוט אז אין אמעריקא קען מען ניט פארגלייכען דעם מאראלישען און סאניטארישען צושטאנד וואס הערשט אין די אינדוסטריעלע צענטערס צו דעם וואס הערשט אין די אגריקולטורעלע געגענדען; דער ערשטער, לויט ווי עס באהויפטען די אויטאריטעטען

וועלכע רעדען פון ערפאהרונג, איז א נעסט פון מאראלישע געזונקענקייט, פארברעכען און פארשקלאפונג״. (מען דארף ניט פארגעסען אז די דאזיגע שארפע מיינונג וועגען דעם מאראלישען צושטאנד פון די ארבייטער קלאסען אין די אמעריקאנער אינדוסטריעלע צענטערס, איז געשריבען געווארען מיט 85 יאהר צוריק).

צום שלוס מאכט ווארדער קרעססאן די פאלגענדע אינטערעסאנטע באמערקונג: „ס׳ווייזט אויס ווי די האנט פון דער געטליכער השגחה האט געבראכט דערצו אז ירושלים זאל קיינמאל ניט ווערען א פאבריק־שטאט, ווייל עס פעלט אין און ארום איהר די נויטיגע וואסער־קראפט פאר מיהלען, און האלץ מיט קויהלען צו פראדוצירען דאמפף־קראפט, סטים, פאוער אנצוטרייבען דאמפף־מאשינען. און צוליב דעם וואס ירושלים פארמאגט ניט די דאזיגע טרייב־קראפט לוינט זיך שוין פיל בעסער צו אימפארטירען פאבריצירטע סחורה״.

* * *

די דערמאנטע ציטאטען שטעלען אוועק וואררער קרעססאן אלס דעם ערשטען וואס האט געמאכט א פאזיטיווען, פראקטישען פארזוך צו גרינדען אגריקולטורעלע קאלאניעס אין ארץ ישראל. וועהרענד אין פילע קרייזען האט מען געטרוימט און גערעדט וועגען ישוב ארץ ישראל, קרעססאן דאגעגען האט אין דער זעלבער צייט, מיט 85 יאהר צוריק, דעם דאזיגען טרוים פארווירקליכט דערמיט וואס ער האט געגרינדעט א צאהל סעטלעמענטס, אדער ווי ער רופט דאס „גארדענס״ אויף וועלכע ער האט באזעצט עטליכע הונדערט אידען פון ירושלים און אומגעגענד. נאך מעהר זאנדערבאר איז דער פאקט אז די דאזיגע סעטלעמענטס האט געזאלט דינען אלס פונדאמענט — ווי ער אליין דריקט זיך אויס — אלס באזיס פאר דער **צוקונפטיגער נאציאנאלער אידישער היים!**

ווי שוין דערמאַנט, נאָך זיין באַפרייאונג אין יאָהר 1851, איז וואָרדער קרעסאָן צוריק אוועק קיין ירושלים וואו ער האָט אָנגענומען דעם נאָמען „מיכאל בועז ישראל״. זיין קריסטליכע פרוי אין פילאדעלפיע האָט ער דורכ׳ן געריכט גע׳גט, און אין ירושלים האָט ער געהייראַט אַ פרוי פון אַ פרומער ספרדי׳שער משפחה. מיט זיין גאַנצער ענערגיע האָט ער זיך דאָן אריינגע־וואָרפען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון די פרומע ספרדישע קהלה. ער האָט זיך געקליידעט ווי אַ שפאַניאָלישער איד, געלעבט ווי איינער פון זיי, אויף אַזויפיל אַז אַ קורצע צייט שפעטער איז ער געוואָרען אַ לייטענדער גייסט און פיהרער אין דער ספרד׳ישער ירושלים, און די רעכטע האַנט ביי די דאַמאָלס־דיגע ספרדישע רבנים.

דער געוועזענער גוי איז אַלס דער פרומער מיכאל בועז ישראל, געוואָרען דער ליבלינג פון די פרומע שפאַניאָלען, און ביי זיין טויט וואָס איז פאָרגעקומען דעם 6־טען נאָוועמבער 1860, (כסלו, תר״כ״א) האָט איהם דאָס פאָלק צוגעטיילט דעם גרעסטען כבוד און לעצטע עהרע וואָס ווערט געגעבען בלויז צו די גרעסטע רבנים נאָך זייער טויט.

וואָרדער קרעססאָן וועלכער האָט געפונען זיין לעצטע רוה אויפ׳ן הר הזיתים, איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע טי־פען אין דער אידישער געשיכטע, און פאַרדינט מעהר אַנער־קענונג אין דער אידישער אייביגקייט.